# אינהאַלט.


1) י. ל. פּרץ: אַ בריוו — 2

2) פּ. פּײַלפּערין: ערפֿורט און זערמאַן — 6

3) וו. באָרנשטאַט: בײַם פֿערטײַדיקן „פּאָליטישער" — 12

4) י. יודין: די יודנפֿראַגע אין דער 3 גאָסוד. דומע — 24

5) ז. אײַזלערדאָן: די אײראָפּעאישע רעוואָלוציע אין די 50־ער יאָרן; די דעקאַדאַנס פֿון נאַפּאָלעאָן דעם III. — 43

6) צום 80־יאָריגן יובילעאום פֿון גראַף ל. טאָלסטאָי — 65

7) ב. בורכות: וועגן אונזער קולטור־פּראָבלעמע — 78

8) די ערשטע אידישע שפּראַכקאָנפֿערענץ, טשערנאָוויץ — 89

N 1103

# די נייע צייט

— זאַמעלבוך. —

Academischer Verein
für
Jüdische Geschichte und Litteratur
zu
Dorpat

48—3

Academischer Verein
für
Jüdische Geschichte und Litteratur
zu
Jurjew (Dorpat).

באנד 4 №

68899

**ДИ НЕЙЕ ЦЕЙТЪ.** Сборникъ статей и стихотвореній.

*Томъ 4-ій.*

*ВИЛЬНО 1908.*

Набрано въ тип. Б. А. Клецкина, Завальная, 33.

Печатано въ типографіи Ціонсона, Портовая 7.

אגודה אקדמית להיסטוריה
ולספרות העברית
יוריעוו—דארפאט
סטודענטישער פעראיין פיר
יודישע געשיכטע און ליטעראטור

י. ל. פּרץ.

# אַ בּריעה.

...און אַזוי, מײַן ליעבּער, זעהסטו נור רויזען, נור רויזען! זעהען זעהסטו רויזען, הערען הערסטו דעם געשפּרעך פֿון גראָזען, און דעם געזאַנג פֿון דער נאַכטיגאַל... און דו ביזט פֿערגיפֿטעט געוואָרען, ווי דו דריקסט זיך אויס, פֿון רויזען־דופֿט, און דײַן נשמה איז נור אַ לײַכט וואָלקענדעל פֿון רויזען־דופֿט...

——————

און איך שטעל מיך פֿאָר, דו געהסט אין גאַס, דער וויינגערטנער געהט פֿאַרבײַ און גיט דיר אַ שטויס אין זײַט, ווערסטו ניט צאָרענען אויף איהם — אַדרבּא, דו ווערסט זיך פֿרעהען: אַ רויזען־בלום האָט דיך בעריהרט!

און אַ בלינדער אָדער אַ הינקעדיגער אָדער אַנ׳אַנדער מין קאַליקע שטעהט צוגעשפּאַרט צו דער וואַנד, שטרעקט אויס צו דיר די האַנד און בעט אַ פּאָר גראָשען אויף ברויט, די נשמה צו דערהאַלטען...

און דײַן טײַסטער איז פֿול, אָבער דו גיבסט ניט!

ווײַל קײַן פֿלאָגען זעהסטו ניט, דו זעהסט נור רויזען, די שטים פֿון געבעט הערסטו ניט — דו הערסט נור די שטים פֿון נאַכטיגאַל — — —

די זון לאָזט זיך אַראָב אויפֿ׳ן הימעל, לעדיגע מיעדיגע שאָטענס וואָגלען זיך אום אין די גאַסען...

די נאַקיטע קינדער פֿון עלענד שטרעקען אויס די האַנד נאָך אַ זעקסערעל — נאַכט־געלד צו בעצאָהלען.

און די טעכטער פֿון עלענד צינדען אָן אין דער פֿינסטערע זייערע מאַטע אויגען מיט דעם נשמה־פֿלאַם, וואָס איז נאָך ניט אויסגעפֿערקויפֿט געוואָרען — — —

און די דומפּפֿיגע פֿוילעניש, צומישט מיט דעם גאַסיגען שמוץ, הויבּט זיך צום הימעל — און בײַ דיר אין מוח וויגען זיך

גריִנע שאָטענס, און אין הארצען ביי דיר רוישט אַ זילבערן קוועלכעל, און דיין נשמה איז פֿול רויזען, לויטער רויזען...

---

און אַז דו געהסט אַריין אין שעכט־הויז פֿון לעבען, הערסטו ניט דעם כאָרכלען פֿון געקוילעטען קעלבעל, און די ברכה פֿון שוחט דערגרייכט ניט צו דיין אויער, און דעם לעצטען אָטהעם פֿון דער גסיסה הערסטו ניט, און דער געריך פֿון דעם פֿערגאָסענעם בלוט בעריהרט ניט דיינע נאָזלעכער... ניט קיין קוילער, ניט קיין געקוילעטע, קיין געטוידטע — דו האָסט שעהנערע פֿערלאַנגען: נאַכטיגאַל, געזאַנגען און רויזען...

און אַז דו געהסט אַריין אין הקדש — אויב דו ביזט אַ דאָקטאָר אָדער דו האָסט דאָרט אַ בעקאַנטען חולה, און דו קומסט איהם געוואָהר ווערען — זעהסטו ניט די וועהטאָגען, הערסטו ניט די קרעכצען, דיין מוח בלייבט רוהיג, דיינע אויגען ווערען ניט פֿערוואונדערט, דיין הארץ גיט אַפּילו ניט קיין ציטער — דו זעהסט נאָר רויזען, הערסט דעם געשפּרעך פֿון די בלעטער אין די שפּיצען פֿון די בוימער... טייבעלעך וואָרקלען... נאַכטיגאַלס טרעלען...

---

און אין טורמע — — —

אָבער אַהין וועסטו קיינמאָל ניט קומען!

רויזען זינדיגען ניט... דאָס ליעבע־זינגען פֿון נאַכטיגאַל איז ניט קיין זינד.

און דו זעהסט דעם ליכטיגען טאָג, אָבער ניט זיין שטורעם...

---

אויף דעם שטילען גערויש פֿון די בלעטער האָסטו זיך ערצויגען.

דו ביזט דער ערשטער מענש אין גן־עדן געוועזען...

אַ קליין הייזעלע אין גן־עדן (זיינע בוימער האָסטו ניט געזעהען), די פֿענסטערלעך זענען אָפֿען — — פֿאַר אַלע פֿארבען פֿון געזאַנג און שטערען־ליכט!

שיין און ליעבע אין הייזעל, שיין און ליעבע אָהן אויפֿהער...

אָהן קראַנקהײַט, אָהן קריגערײַען, אָהן נשמה, אָהן בענקעניש צו דער אונענדליכקײַט, וואָס רינגעלט אַרום דעם גן-עדן...

פֿאָטער-מוטער און קינד...

פֿאָטער, מוטער און קינד, און נאַכטיגאַל, און שײַן, און פֿאַרבען, און רויזען...

און דער גן-עדן ווייסט ניט פֿון קײַן שטורעם... און בלומען קרענקען ניט, און קײַן קריכענדע פֿעראומרייניגען זיי ניט, און קײַן פֿליעג בײַסט זיי ניט, און זיי וועלקען ניט דעם קײַלעכדיגען יאָהר, און אַז עס קומט זייער צײַט, פֿאַלט אויף זיי פּלוצלונג אַראָב אַ שנעע פֿון הימעל... און דאָס לעבען ראַנגעלט זיך מיט'ן טויט, און די רויזען וואַקסען אָהן דערנער, און די וואָרצלען פֿלעכטען זיך טיעף אין דער ערד, און קײַן פֿערוואונדעטע נאַכטיגאַל פֿאַלט קיינמאָל פֿון קײַן צווײַג ניט אַראָב...

אָבער דעם קאַמפף פֿון די וואָרצלען אונטער דער ערד בעמערקסטו גיט. און קײַן רויז וועלקט ניט, און די ליעבע איז ניט קײַן קראַנקע, אַלץ לעבט, אַלץ איז שען און אַלץ לעבט אייביג!

------

און דו לעבסט, און אַלע דײַנע געליעבטע און ליעבענדע לעבען... און קײַן איין ווײַסער פֿלעק, קײַן איין ווײַסע מצבֿה האָט נאָך אויף דיר ניט געקוקט....

------

און דעם ים האָסטו געזעהען, אָבער ניט זײַן שטורם... און קײַן צובראָכענע שיף אויפ'ן ים האָסטו ניט געזעהען. גליקליך ביזטו, אָבער איך, איך בין דיר ניט מקנא...

פ. הײלפּערין

# עפּעס אַן'אָרעמאַן.

אפשר האָט ער דאָס ערשטע מאָל די שײן דערזעהן אין רײכע פּאַלאַצען, װאו אַלע װינקעלעך האָבען געקװעלט מיט פרײדע און פערגניגען; נאָר קינדיש געלעכטער האָט דאָ געפעהלט, כדי די מאָס פון גליק זאָל פאָלקאָם פול זײן. דעריבער האָט מען אויף זײן ערשײנען געװאַרט מיט ציטערן און האָפנונג, און װען די לעצטע מינוט איז געקומען און האָט איהם אין לעבען אַרײנגעבראַכט, האָבען אַלע געדאַנקט גאָט און אײנע די אַנדערע מזל טוב אָבגעגעבען — אַ משיח איז דאָ געבוירען געװאָרען.

און אפשר איז ער געבוירען געװאָרען ערגעץ אין אַ קאַלטען װילגאָטנעם װינקעל פון אַ הכנסת אורחים שטיבעל, װאו זײן מוטער האָט זיך געראַנגעלט מיט די װעהען און האָט מורא געהאַט צו שרײען פון װעהטאָג, װײל די שכנים, אַזעלכע קבצנים װי זי און איהר מאַן, װאָס האָבען פול געפּאַקט דעם הקדש, האָבען זיך געװידעלט און געבײזערט, פאַר װאָס מ'שטערט זײער רוה. נאָר די לעצטע מינוט איז געקומען און אויפגעריסען דער מוטערס פערשציטעטע ציהען, ער איז געבוירען געװאָרען, און די קבצנים האָבען דאָס ערשײנען פונ'ם נײעם לעבען אויף דער װעלט בעגעגענט מיט שטעכענדיגער ליצנות אויף די ליפּען: הוליעט, שנאָרערס, נאָך אַ קבצן צוגעקומען...

װער װײס, װאו דאָס איז געשעהן...

נאָר װי און װאו דאָס איז ניט געשעהן — אַ מוטער האָט ער דאָך מסתמא געהאַט. און װען זײן קלײן קינדיש הערציל פלעגט זיך צונויפדריקען פון גרויסע קינדישע אַנגסטען, פלעגט ער זיך מיט דער גאַנצער נשמה ציהען צו איהר ברוסט, זוכען טרײסט אין איהר ליעבע. און זי פלעגט איהם צודריקען צו איהר געטרײען האַרצען, אָבווישען די טרערען פון די אויגען און שענקען הײסע קושען, — װי אַ מוטער קען. אפשר האָט ער נאָך געהאַט ברידער און שװעסטער אויך, פון װעלכע ער פלעגט אַ גוטע לאַסקע בע-

קומען, אַ גוט וואָרט הערען, וועלכע פלעגען איהם אין שלעכטע מינוטען פון צרות און עולות שיצען.

און אפשר איז ער איינער אַליין געוועזן אויף דער וועלט. אַנשטאָט ברידער און שוועסטער, וועלכע ליבען, האָבען איהם אַרומגערינגעלט פרעמדע, וואָס זענען גלייכגילטיג; אַנשטאָט לאַשצען פון אַ מאַמען האָט ער בעקומען קללות פון אַ שטיפמאַמען, און קלעפ פון אַ טאַטען, וואָס איז ערגער פאַר גלייכגילטיגע פרעמדע.

איינס נאָר איז געוויס: יונג איז ער געוועזן. און די ליכטיגע זון האָט איהם העל געשיינט און געבריהט מיט זודיגע שטראַהלען, — ווי אַלע יונגע ברענט זי און בריהט; די פערליבטע נאַכט האָט איהם וואונדערליכע סודות געשעפּצעט און רייצענדיגע בילדער בעוויזען אין הלום, — ווי זי טהוט עס מיט אַלע יונגע. פון די זודיגע שטראַהלען און די רייצענדע הלומות און פון אייגענעם פלאַם אין דער נשמה האָט זיין בלוט האַסטיג געראָנען אין די אָדערן, און זיינע אויגען האָבען געברענט און דאָרשטיג געזוכט אַרום זיך.

און ס'קען זיין, אַז איינמאָל האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט אויף אַ ווילד פרעמדען מיידעל, וועלכע איז איהם פּלוצלונג געוואָרען נעהנטער און טייערער פאַר טאַטע מאַמע, ברידער און שוועסטער, און פאַר די גאַנצע וועלט... איהם האָט זיך געדוכט, אַז בעסער פאַר איהר און צאַרטער פאַר איהר לייב איז גאָרנישט ניטאָ אונטער'ן הימעל, — און דאָס איז דאָך געוועזן אמת — ער האָט עס געפיהלט. איהר האָט זיך געדוכט, אַז בעסער פאַר איהם און פעסטער פאַר זיינע אָרעמס קען קיינער ניט צודריקען צו דער ברוסט, — און אויך דאָס איז געוועזן אמת, זי האָט עס געפיהלט.

און דעמאָלסט, ווען זיי האָבען זיך ביידע איבערצייגט אין זייער אמת, איז ער באַנאַנד מיט איהר אַוועק אין וועג פון לעבען. כלי זמר האָבען איהם בעגלייט מיט פרעהליכער מוזיק, גוטע פריינד — מיט ברכות, אפשר נאָך מיט מתנות... און האַנד ביי האַנד, זעלע אין זעלע, איז ער מיט איהר געגאַנגען און צוזאַמען געשלעפּט נאָך זיך דאָס לעבענסוועגעלע, געגאַנגען און געזוכט, געגאַנגען און געקליבען אין וועגעלע אַריין... זי האָט איהם געהאָלפען. ער האָט זיך מיט איהר עהרליך געטיילט.

און אפשר האָט ער צווישען אַנדערע גוטס אין זיין וועגעלע געהאַט קינדער אויך, — ליבע, לוסטיגע, אייגענע קינדער...

ער האָט דאָך געמוזט האָבען עטוואָס אַזוינס, וואָס איז געוועזן

גליק, אָדער עהנליך אויף גליק, אָדער אַ שאָטען פון גליק, — ער האָט דאָך געלעבט.

וואו זשע איז עס אהינגעקומען?

אַ פּנים, אַז זיין וועג איז ניט גאָר גלייך געגאַנגען איבער גלאַטע בליהענדיגע פעלדער; אַ פּנים, אַז ניט אַלע מאָל האָט איהם די זון ליעבליך געשיינט אין בעלויכטען דעם וועג. מסתמא האָט ער בעגעגענט הויכע בערג און נידעריגע טהאָלען, וויסטע פעלדער און שוואַרצע זומפּען; מסתמא האָט ער געהאַט בייזע שטורעמס און פינסטערע נעכט. און עס קען זיין, אַז איין מאָל אין אַ פינ- סטערע שטורעמדיגע נאַכט, ווען ער האָט געבלאָנזשעט איבער אַ פּוסטען וואַלד, האָבען זיך אַ חבֿרה כּת ליצנים אַריינגעכאַפּט אין זיין לעבענס-האָגען און ביסלעכווייז אַרויסגעשליידערט דאָס גאַנצע ביסעל גוטס, וואָס ער האָט געהאַט. ערגעץ אויף איין עק לאַנד, אין אַ פערוואָרפען שטעטיל צווישען פרעמדע קבֿרים האָבען זיי איהם אויסגעזייהט טאַטע מאַמע, אויף אַ צווייטען עק ערגעץ — דאָס ווייב. ברידער און שוועסטער האָבען זיי איהם אַרויסגעוואָרפען אויף פּוסטע פעלדער, צי אין וויסטע מדבריות, וואו וועגען געהען זיך פאַנאַנדער אין אַלע עקען וועלט. דערנאָך האָבען זיי איהם די קינדער אויסגעשפּרייט אויף ווינקלעך פון פרעמדע גאַסען, אין פרעמדע שטעט אויף טומעלדיגע טראָטואַרען, — די זיהן — מיט נאָכשליסלען אין די קעשענעס, די טעכטער — מיט פאַרב און פּודער אויפ'ן געזיכט; און אפשר — איבער געפּענגענישען און תּליות; אפשר ביי זאַטע טישען, וואו זיי האָבען אפילו טאַטע-מאַמע פער- געסען...

און לסוף, אַז אין וועגעלע איז שוין מעהר גאָר נישט פער- בליבען, האָבען זיי זיינע געדיכטע שוואַרצע קרייזלעך אונטערגע- ביטען אויף אַ גלאַטען פליך איבערן גאַנצען קאָפּ. זיינע יונגע כּוחות — אויף אַלטע שוואַכקייט אָהן צייהן און האָפנונג. און דעמאָלסט, אַז די כּת ליצנים האָבען שוין מעהר נישט געהאַט מיט וואָס צו איזדיעקעווען זיך איבער איהם, האָבען זיי אויסגעשטעלט אַ לאַנגע צונג פון דער ערד ביז הימעל, געמאַכט אַ גרויס געלעכטער און נעלם געוואָרען; איהם איבערגעלאָזט איינעם אַליין, ווי אַ לעבעדיגע עלענדקייט פון שטיין אַרויס, אין מיטען דער וועלט.

וואו איז דער מיטען געוועזען? — ווער ווייס. אפשר ביי אונז אין שטעטיל נעבען דער הייסער הרובֿע, און אפשר האָט ער נאָך לאַנג געבלאָנזשעט, געזוכט זיין צעווייטען פערמעגען איבער בערג און טהאָלען, זומפּען און מדבריות, פון שטעטיל צו שטעטיל, פון

דערפֿעל צו דערפֿעל, געזוכט און ניט געפֿונען, ביז ער איז צו אונז אין שטעטיל פֿערקראָכען און אָהן כּוח פֿערבליבען אין ווינ־קעל צווישען דער הייסער הרובע אין דעם אַלמער מיט ספֿרים.

נאָר געווען איז ער שוין איצט אַ קליינינקער, אַנ׳אַלטשינקער, אַ צעקנייטשטער. זײַן פֿערמעגען איז בעשטאַנען — פֿון אַ שטעקען אין האַנד און אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס. אָהן בעוועגונג אין האַרצען איז ער געזעסען; און מסתּמא שוין אויך אָהן מחשבֿות אין קאָפּ. אפֿשר איז נאָך בײַ איהם אין מוח העננען געבליבען, ווי אַ פֿויגעל, וואָס איז פֿערשטיינערט געוואָרען אין מיטען פֿליה, עפּעס אַ מחשבֿה אויפֿ׳ן מיטען טראַכטען.

וואָס האָט עס געקענט זײַן פֿאַר אַ מחשבֿה? — ווער ווייס. די ליעבע וואַרימקײַט, וואָס ער האָט דערפֿיהלט אין ווינקעל, צווישען אַלמער און דער הרובע, האָט איהם אַ פּנים דערמאָנט אַ זודיגע ברוסט, וועלכע האָט איהם אַמאָל מיט איבערגעגעבענהײַט צו זיך געדריקט, און נעבען וועלכער עס איז גוט און אַנגענעהם געווען צו רוהען; וואָרום ער איז געזעסען שטײַף געדריקט צו די אָנגע־ברענטע ציגעל און מיט אַזאַ צוטרויען, ווי אַנ׳עופֿיל נעבען דער מוטערס ברוסט. און ער האָט אפֿשר געוואָלט דערמאָנען זיך, וועמעס איז זי געווען, יענע צאַרטע ברוסט, נעבען וועלכער עס איז אַזוי גוט און לײַכט געווען — דער מוטערס צו עמיצען אַנ׳אַנדער פֿרוי.

און אפֿשר האָט ער געטראַכט וועגען דעם, וואָס יענע ברוסט איז געווען אַ צאַרטע און אַ ווייכע, ווי אַ גומעלאַסטענע, און די צי־געל פֿון הרובע רײַבען ווי שטיינער; וואָרום אַ תּנועה פֿון וועהטאָג האָט, דוכט זיך, בעהאַלטענערהייט אַרויסגעקוקט פֿון דער טיעפֿע־נישׁ אין די קנייטשעלעך אויף זײַן געזיכט. און ס׳קען גאָר זײַן, אַז די דאָזיגע תּנועה איז געווען נאָר אַ בלאַסע שוין יאָהרען לאַנג פֿערקיהלטע אָבשפּיגלונג פֿון אַמאָליגער אומרוהיגקײַט, פֿון אַלטע לײַדען צי פֿון פֿערגעסענע פֿריידען; און אין דער אמת׳ן האָט ער זיך אינגאַנצען איבערגעגעבען נאָר דעם געפֿיהל פֿון וואַרימקײַט און רוה, וואָס האָט איהם בעהערשט, נאָכדעם, אַז ער האָט איין מאָל אויף אַלע מאָל אַראָבגעוואָרפֿען די טאָרבע, וועלכע האָט אַזוי גע־דריקט די פּלייצעס, און זײַנע פֿיס האָבען זיך אויף אייביג בעפֿרײַט פֿון זייער שווערער אַרבײַט איבער שנעען, זעמדער און זומפּען; וואָרום ער איז געזעסען צוגעדריקט צו דער הרובע מיט אַזאַ צוטרויען און זאָרגלאָזיגקײַט, ווי אַ קינד נעבען דער מוטערס ברוסט, און אַ גרויסע צופֿריעדענהײַט האָט אַרויסגעקוקט פֿון די ווינקלען פֿון זײַן האַלבאָפֿענעם מויל.

ווער ווייס. דער דאָקטאָר, וועלכער האָט איהם בעטראַכט, האָט אויך גאָר נישט געקענט דערגעהן,—דאָס האַרץ האָט גע־שטומט.

און בשעת די מטה מיט דער לויה האָבען זיך געריהרט איבערן גאַס, האָבען ווייבער צווישען זיך געשמועסט. איינע האָט דערצעהלט, אַז נאָכ'ן דאַוונען איז זי געגאַנגען פון קלייטעל, האָט זי געזעהן—פון בית המדרש איז אַרויס עפּעס אַנ'אָרימאַן, האָט זיך געשטעלט און לאַנג בעטראַכט די אומגעגענד; האָט אַ פּנים אויסגעקוקט, פון וואַסער זייט וועט זיין גרינגער צו שלעפּען די אַלטע פיס. דערנאָך איז ער אַוועק רעכטס, פאַמעליך, און דרייען געבויגען אונטער דער לעדיגער טאָרבע. און די יודענע האָט גע־שאָקעלט מיט'ן קאָפּ: וואָס אַ מענש איז, האַ? ווער ווייס, אפשר איז דאָס געווען דער זעלביגער...

און נאָך איינע האָט זיך געקלאָגט: זי איז אַזוי פערטראָגען, ניט פאַר קיין יודען געדאַכט, אַז זי געדענקט גאָר ניט, צי אַזעל־כער איז ביי איהר געווען, צי ניט. אַזאַ עולם קעהרט זיך איבער פאַר אַ מאָנטאָג צי אַ דאָנערשטאָג. מ'קען זיי אַ פּנים אַלעמען געדענקען, וואָס? נאָר מסתמא איז ער ביי איהר אויך געווען. איהר לאָזט דאָך, געלויבט איז השם יתברך, קיין צרה ניט אויסען. מסתמא אַזוי, זי האָט זיך דערמאָנט: אַנ'אַלטינקער, אַ נידעריגער, מיט רויטע פערדרעהטע אויגען. נאָך אפילו אַ ריה, זאָל גאָט ניט שטראָ־פען פאַר די רעד, געגאַנגען פון איהם... אפשר איז ער דאָס גע־ווען...

און אַ דריטע האָט מורא געהאַט צו דערצעהלען. צו איהר איז וואַרמעסצייט אַריין אַנ'אָרימאַן און איז געבליבען, ווי אַ שטיק אייז, צוגעפראָרען צום שוועל. זי האָט איהם געגעבען אַ שטיקעל ברויט, און ער שטעהט. האָט זי געפרעגט, וואָס פערלאַנגט ער נאָך. האָט ער געשוויגען. האָט זי מיט גוט'ן אָנגעהויבען: היינטיגע צייטען, געלויבט איז השם יתברך, וואָס מען קען געבען אַ שטיקעל ברויט, און ער שווייגט אַלץ, ער ריהרט זיך ניט פון אָרט. דאַ־מאָלסט איז זי אין כעס געוואָרען—זאָל איהר גאָט ניט שטראָפען; מ'איז אַזוי אויך זאַט מיט צרות... זי האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַ העזה... און די מעשה איז דאָך טאַקי אַזוי: מ'האָט עפּעס איינ־געלעגט, וואָס?—וויפיעל גאָט העלפט. און ערשט דאַמאָלסט, אַז זי האָט אַ געשריי געטהאָן—ס'הייסט אַ פּנים זי?—די צרות האָבען אַ געשריי געטהאָן; איז דער אַלטינקער אַוועק... און דאָס האַרץ

רײַסט איהר איצט: זאָל ער איהר מוחל זײַן, אֶפּשר איז ער דאָס געװען...

און נאָך אַ פֿולע זעגען געװען, װעלכע האָבען געטראַכט, װעמענס לויה איז עס; האָבען געפֿרעגט און אין ענטפֿער בעקומען — אַ קװעטש מיט די פּלײצעס.

אין טאָרבע האָט מען בײַ איהם געפֿונען עטליכע שטיקלעך ברויט. קײן געלד ניט. אֶפּשר איז יאָ געװען געלד, נאָר דער שמש האָט בעצײַטענס צוגענומען, דעריבער האָט מען איהם מקבר געװען אויפ׳ן רעכנונג פֿון קהל. קײן דאָקומענטען האָט מען אויך אין טאָרבע ניט געפֿונען. ס׳קען זײַן, אַז דער שמש האָט זיי מבער געװען, אויב עטליכע גראָשען האָט ער געפֿונען און מורא געהאַט, יורשים זאָלען ניט קומען. און אֶפּשר האָבען שוין לאַנג מײַז די דאָקומענטען אויפֿגעגעסען צוזאַמען מיט די ברעקלעך אין אַ הקדש. און אֶפּשר האָבען גאָר קײן דאָקומענטען ניט געדאַרפֿט זײַן; די טאָרבע האָט געזאָלט רעדען פֿאַר איהם. דעריבער האָט דער קברות־מאַן אין בוך אײַנגעשריבען: בשורה אחרונה דער 57־טער אַ עני זקן שאינו ידוע שמו נפֿטר ונטמן י״ז טבת שנת...

און אַז מ׳האָט אַזוי פֿערשריבען, און די גרוב מיט ערד פֿער־שאָטען, און חברה נושאים זענען זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען — האָט מען, אַ פּנים, גאָר פֿערגעסען אָהן דעם אַלטען און אָן די קופּע זאַמד אויף זײַן קבר.

אײן מאָל נאָר האָט דעם קברות־מאַנ׳ס יונגעל אָנגעהויבען אַרען אַ קשיה: אַלע קברים זענען אַרומגעמויערט, מיט שטײנער און מיט ערד פֿערגלײַכט, און דער דאָזיגער קבר שטעהט אַ צושאָ־טענער, — אַ צופּלאַשעטע קופּע ערד. האָט ער געפֿרעגט בײַם טאַטען, און האָט זיך בערוהיגט, װען יענער האָט איהם געזאָגט, אַז אין דעם קבר ליגט עפּעס אַנ׳אָרימאַן, װאָס האָט דאָ קײן קרובים ניט.

אַ צװײטען מאָל האָט געטראָפֿען, אַז דעם קברות־מאַנ׳ס קוה, װעלכע האָט זיך געפּאַשעט צװישען די קברים, האָט פּלוצלונג גע־לאָזען די זאַפֿטיגע גראָז דערגעהענדיג צו דעם דאָזיגען אָרט, האָט אַפֿילו מעלה גרה זײַן און צופֿרידען מיט׳ן עק שפּיעלען זיך איבער די פֿולע זײַטען אויפֿגעהערט. זי האָט אימעדיג אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און גענומען שמעקען מיט די פֿײַכטע נאָזלעכער די צע־פּלאַשעטע ערד. ס׳קען זײַן, אַז אַרום קבר איז געװאַקסען ביטערע גראָז און די קוה האָט געפֿרעגט. װער ליגט עס דאָרט אונטען.

און אֶפּשר האָט איהר די ערד דערצעהלט.

וול. בערענשטאם.

# ביים פערטיידיגען „פּאָליטישע“.

## 1) העלפּט!

איך בין א פערברעכער! — האט ער געזאגט, זיך אויסגלייכענדיג אין זיין גאנצען הויך. ער איז אוועק אין א ווינקעל פון צימער, אין וועלכען מען זעהט זיך מיט די פערטיידיגער, גלייך ווי ער וואלט פון מיר ערווארטען א קלאפּ.

מיר האבען לאנג געשוויגען...

— דעריבער האב איך אייך גערופען... איך דארף האבען אייער הילף... איך וויל נעהמען מיין מסירה צוריק. נאר דאס איז ווייניג... איך דארף טהון אלץ צו ראטעווען מיינע חברים! און איך וועל די הרכאים אלץ נעהמען אויף זיך... אלע מארדען... איינגאנצען איז, דאכט זיך, געווען דריי... אזוי, דוכט זיך, שטעהט אין בעשולדיגונגס־אקט?.. איינער אין וואלד — א פּראוואָקאטאר, און צוויי נעבען מאגאזין. מען דארף נאך, אז עמיצער זאל זיין דער ארגאניזאטאר פון די עקספּראפּריאציעס... עס איז נויטיג א פעראנטווארטליכער רעדאקטאר... זאגט זשע, איהר האט דאך מסתמא געזעהן די פּאפּירען. וואס רעדט זיך דארטען וועגען די מארדען, וועלכע בעוויזען האבען זיי?.. ווי האבען זיך אנגעהויבען אונזערע עקספּראפּריאציעס? אויב איך וועל ניט וויסען די איינ־צעלהייטען גענוי, וועלען זיי מיר נישט גלויבען...

— איך וועט משפּט'ן דער קריעגס־געריכט. איך ערווארט דאן טויט־שטראף!..

— איך ווייס דאס! מיין בעשלוס איז פעסט. זיי וועלען מיר אויפהענגען! איך וואלט זיך אליין מיט טויט בעשטראפט נאך מיט דריי מאנאטען צוריק, נור עס האט מיר געפעהלט ווילען..

ער איז אנשוויגען געווארען. נאכהער פערטראכט צוגע־געבען:

— איך בין דאך נידערטרעכטיגער פון דעם מוסר, פון דעם

כּריסטוס־פֿערקױפֿער יהודה׳ן. יענער איז געװען שטאַרקער... ער האָט זיך אַלײן אױפֿגעהאַנגען! און איך... בעדױערנסװערטער פּחדן... איך װיל לעבען, כ׳האָב מורא פֿאַר „יענער װעלט“... זאָלען זשע אַנדערע... װען איז געשעהען דער מאָרד אין װאַלד: בײַ טאָג אָדער אין אָבענד?..

— נײן, אַזױ פֿערטײדיגען בין איך ניט אײנשטימיג. איך װעל ניט העלפֿען צוגרײטען אַ תּליה...

— איך האָב דאָך אָבער בעשלאָסען און איך בעט אײַך רחמים מיר העלפֿען.

— אױפֿגעהאַנגען װערען?

— אױפֿגעהאַנגען װערען און די חבֿרים ראַטעװען...

— מיר װעלען אַלעס מעגליכעס טהון, צו ראַטעװען די חבֿרים, נאָר איך קען אײַער תּליון ניט זײַן!.. זאָגט, װי אַזױ האָט זיך דאָס מיט אײַך געטראָפֿען??!

— איך װײס אַלײן אױך ניט, איך פֿערשטעה אַלײן אױך ניט. װען מען האָט מיך געכאַפּט און געבראַכט אין טורמע, האָב איך דערפֿיהלט פּלוצלונג אַ מידקײַט. איך בין בײַ זיך אַראָבגע־פֿאַלען, איך האָב קײן מאָל ניט געטראַכט, אַז דאָס אײנצעלקאַמער קען אַזױ װירקען... און פֿונדעסטװעגען בין איך צוקראָכען גע־װאָרען... עס איז אָנגעפֿאַלען אַ מין װילענלאָזיגקײַט... אַ צװײ־פֿעל אין זיך אַלײן. איך האָב אױפֿגעהערט גלױבען אין אונזער זאַך... עקספּראָפּריאַציעס, עקספּראָפּריאַציעס... דער גײַסט איז אָבגעשטאָרבען... מען האָט מיר געבראַכט אױפֿ׳ן פֿאַרהער. עס איז געזעסען דער פּראָקוראָר, זײַן געהילף, צװײ זשאַנדאַרן־פּאָלקאָװ־ניקעס. איך האָב געזעהן, עס האַלט שלעכט. מען האָט מיט׳ן פֿאַרהער צופֿיעל פּאַראַד געמאַכט. שױן בײַ די ערשטע װערטער האָט מען מיר געזאָגט, אַז אָן מיר װענדט זיך, צו װעט דער פּראָצעס איבערגעגעבען װערען דעם פֿעלד־געריכט, אָדער ניט. אױב איך װעל אָנרופֿען אַלע אַנטײלנעהמער, װעט מען איבערגעבען אַ געװעהנליכען געריכט — דעמאָלסט װעלען זײַן אַ סך מענשען, און אַלעמען הענגען קען מען דאָך ניט... מען האָט מיר געגעבען דרײַ מינוט אױף מישבֿ זײַן זיך און בעװיזען אַ אָנגעגרײטען פּאַפּיר צום מיליטער־פּראָקוראָר... איך האָב געליטען שטאַרקע יסורים. בין צוגעגאַנגען צום פֿענסטער, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן אױשאַק... און אין קאָפּ איז געװען אַזאַ שטיקענדע פּוסטקײַט...

— איהר האָט נאָך אײן מינוט צו טראַכטען — האָט געזאָגט דער פּאָלקאָװניק.

— אױב איהר װעט אין א מינוט ארום ניט אנהױבען געבען קײן בעװײַזען, װעט מען אײך אין צװײ טעג ארום הענגען... בע-טראַכט דאָס...

איך בין געװען אזױ װי שכור, עפּעס אין א נעבעל...

אין דער צײַט האָט זיך פון טיש אױפגעהױבען דער געהילפס-פּראָקוראָר און האָט אנגעהױבען צו געהן הין און צוריק איבערן צימער, אױספײַפענדיג אָדער אונטערזינגענדיג, אדר אפשר אױף אַנ-אַנדער אופן, — איך געדענק ניט. —

Запрягу я тройку борзыхъ
Темно-карыхъ лошадей.

אַרומגעגאַנגען אַזױ מורמלענדיג אמאל פיער, איז ער צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט גענומען פּוקען מיט די פינגער איבערן שױב, אזױ װי ער װאָלט װײַטער געזונגען. פּלוצלונג האָב איך דערהערט, אַז ער זינגט מיט דעם זעלבען נגון; „גאַװראָװ, גאַװ-ראָװ, װאַרף אַלץ אױף די טױטע, די טױטע פיהלען קײן שאנד ניט“.. און װײַטער ציהענדיג דאָס לידעל „Запрягу я тройку...“ האָט ער אָבגעטראָטען פון'ם פענסטער... ער האָט אפילו צוגע-קנאַקט מיט די פינגער... װי מיט א האַמער האָט ער מיר איבערן קאָפּ א קלאַפּ געגעבען... װאַרפט אַלץ אױף די טױטע! נאר װער איז געשטאָרבען?! איך האָב מײַן זכרון אנגעשטרענגט.. עס איז גאָר ניט אַרױסגעקומען!..

— ביטע צום טיש. די צײַט האָט זיך געענדיגט... האָט אַרױסגערעדט א שטימע, קאַלט, װי דער טױט.

— גיט מיר לפּחות נאָך צװײ מינוט!

זײ האָבען אײַנגעשטימט...

— גוט, מיר װעלען װאַרטען...

און איך האָב װידער מײַן קאָפּ געבראָכען! גאָט מײַנער, איך האָב זיך קײן אײנציגען טױטען ניט געקאָנט דערמאָהנען! נאָכ-הער, אין דעם לעצטען אױגענבליק, האָב איך זיך דערמאָהנט, אַז דער פּראָקוראָר האָט מיר אין אָנהױב פאַרהער געפרעגט, צו איך האָב געקענט דעם פערשטאָרבענעם ז. הײסט דאָס, אַז ער איז געשטאָרבען, — האָב איך מיט שמחה בעשלאָסען. ער איז פער-װאונדעט געװאָרען, װען מיר זענען געלאָפען פון אָרט, װאו די עקספּראָפּריאַציע איז פאָרגעקומען... מען האָט אױף אונז אזױ פיעל געשאָסען... ער װעט אונז אַלעמען ראַטעװען...

איך האָב אנגעהױבען בעװײַזען אױף איהם... איך האָב זיך געטשעפּעט אָן איהם, װי אָן א רעטונגס-אַנקער...

און אַז איך האָב געענדיגט, האָבען זיי געפֿאָדערט, איך זאָל עס מיט מיין אייגענער האַנד אָנשרייבען... זיי האָבען מיר אַליין דעם אָנפֿאַנג דיקטירט: — ווילענדיג מודה זיין אָפֿענהערציג...

איך האָב זיך אונטערגעשריבען... דאַן האָט דער פּראָקו-ראָר געזאָגט: — איצט זייט איהר ביי אונז אין די הענד... אויב איהר וועט אין דריי טעג אַרום ניט אָנרופֿען אַלע איבעריגע, וועלען מיר ווייזען אייערע טענות דעם חבר ז.

— לעבט ער דען?! — האָב איך ערשטוינט אויסגעשריען.

— יאָ, געוויס, אָט איז זיין פֿאָטאָגראַפֿישעס בילד, וועלכען מען האָט ביי אונז אַרונטערגענומען...

איך האָב פֿערשטאַנען, אַז איך בין פֿערלאָרען... איך האָב זיך אומגעקעהרט אין קאַמער, אַליץ אַרום מיך האָט געשפּרונגען... איך האָב זיך ניט געקענט אויפֿקלייבען מיט די געדאַנקען. מינוטענווייז האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך בין אַראָב פֿון זינען... און אֶפֿשר האָט טאַקע מיין שוואַכער קאָפּ ניט אויסגעהאַלטען... איך האָב געוואָלט מיין שאַרבען אָן וואַנד צוקלאַפּען... פּלוצלונג האָב איך דערהערט אַ קלאַפּ... אַ שטילען, דערעסענדען קלאַפּען אין וואַנד. איך האָב עס ניט געוואָלט הערען. איך האָב געוואָלט לויפֿען פֿון מענשען, איך האָב דאָך אָבער ניט געקאָנט אַנטלויפֿען פֿון דעם קלאַפּען! דעם אלף בית האָב איך געקענט, ווי אַ טעלעגראַפֿיסט, ווייל איך בין שוין צוויי מאָל געזעסען; איך האָב ניט געוואָלט הערען, וואָס מען רעדט, נאָר איך האָב געהערט, געהערט!... און אֶפֿשר האָט דאָס געהערט מיין צומישטער מח!.. מיין אונבעקאַנטער שכן האָט מיר גוט גינציג אַנ'עצה געגעבען ראַטעווען מיינע חברים פֿון תליה, טהון אַליץ, מען זאָל זיי ניט איבערגעבען צום קריגס-געריכט... נאָכהער האָט ער גערעדט וועגען עקספּראָפּריאַציעס, וועגען דעם שאָדען, וואָס זיי ברענגען דער מאַסע, מאַכען זי פֿערשייט, וועגען דעם, וואָס די פֿרייהייט געהט צום גרונד... איך בין אַליץ שוואַ-כער און שוואַכער געוואָרען... אָ, ווי מיר ווילט זיך איצט נקמה נעהמען! צו פֿיהלט איהר ניט, צו פֿערשטעהט איהר ניט, אַז איך בין איצט בפֿירוש גרייט די ווענד מיט מיין שאַרבען צוברעכען, צוברעקלען איהם אָן זיי, כאָטש אויף איין מינוט זיך אַרויסרייסען אַהין, אויף דער פֿרייהייט, צו מענשען, אַ געשריי טהון זיי מיט אַ קול פֿון אַ פֿערלאָרענעם, מיט דעם לעצטען געשריי פֿון אַ שטער-בענדען... נאָר דאָס איז אונמעגליך... אודאי, איך האָב זיי געלייגט... און זיי האָבען מיר געלייגט... אָבגענאַרט, אָבגע-נאַרט!.. דער קריגס-געריכט!..

ער האט זיך אָבגעשטעלט, און מיט אַ ביטערן שמייכעל, וועלכער האט צוקרימט זיין גאנצען פנים, האט ער שטיל, אזוי ווי ענטדעקענדיג אַ טייערען סוד, געזאָגט:

— איך בין געווען נארישער פאר יהודה'ן, ער האט לפחות עטלעכע זילבערנע מטבעות בעקומען, און איך האָב מיינע חברים פארקויפט פאר פאלשע... נאר העלפט מיר, איך מוז אלע איינצעלהייטען וויסען. איך וועל זיי קענען דערצעהלען! מיין גאנצען לעבען האָב איך ניט געקאָנט קיין ליגען זאָגען... קינדווייז פלעגט מען מיר רופען קריסטאלענע שאלטעלע. אלע האָבען מיר געקענט זעהן דורך און דורך... איבערהויפט די מוטער און די עלטערע שוועס-טער... איך האָב קיין מאל ניט געקאָנט אָבנארען, ווי מיר האט זיך דאָס ניט געוואלט... און אזוי איז געווען מיין גאנצען לעבען. נאָר דאָ וועל איך קאָנען. מיין גייסט וועט זיך דערהויבען, נייע קרעפטען בעקומען און איך וועל זיין אַנ'ארטיסט, אַנ'אמת'ער אר-טיסט! און איך וועל זיי דערצעהלען, ווי איך האָב גע'הרג'עט, ווי איך האָב אלץ אָנגעפיהרט... העלפט זשע מיר!..

איך האָב ווידער איבערגע'חזר'ט, אַז איך קען אין דעם גאָר נישט העלפען...

— קיין פערטיידיגונג דארף איך דאך ניט... מיך פערטיי-דיגען?! ניין! איך האָב זיך שוין אליין פער'משפט. היינט פריה האָב איך אַוועקגעשיקט אין קריעגס-געריכט אַ מעלדונג, אַז איך ענטזאג זיך פון פערטיידיגונג. איך האָב געוואוסט, אַז דער פאפיר געהט דריי טעג, און איהר וועט נאָך בעוויזען צו זיין ביי מיר.

ער איז געזעסען מיט אַנ'אראָבגעלאָזענעם קאָפּ...

— העלפט מיר, העלפט!..

זיין געבעט איז געווען אַ שרעקליכער קרעכצען... איך האָב זיך קוים געהאלטען.

— ניין, אין דעם קאָן איך אייך ניט העלפען:..

— נו, אויב אזוי, — האט ער פלוצלונג דרייסט געזאָגט, זיך אויפהויבענדיג, — האָף איך עס אליין דורכצומאכען. ווען מען האט מיר בעוויזען די אויספאָרשונג, האָב איך אפילו ניט אַ קוק געטהון אויף דעם, נאָר איך וועל גוט ערלערנען דעם בעשולדיגונגס-אקט. איך וועל זיך אויף קלייניגקייטען ניט אָבשטעלען... איך וועל וועגען איינצעלהייטען ניט קאָנען רעדען, פשוט ווייל איך ווייס זיי ניט, און זיי וועלען מיינען, אַז איך בין ניט אימשטאנד... דאָס איז אַ אידעע!

מיר האָבען זיך געזעגענט... שטארק די הענד געדריקט...

איך בין אַוועק צו אַ קאָלעגע, אַ געניטען אַדוואָקאַט, וועלכער האָט געדאַרפֿט פֿערטיידיגען די איבעריגע בעשולדיגטע אין דעם פּראָצעס און האָב איהם געבעטען פֿערטיידיגען גאַווראָוו'ן, נור אַזוי, אַז ער זאָל עס ניט בעמערקען, טהון אַלץ צו ראַטעווען איהם פֿון תּליה...

אַליין בין איך אַוועקגעפֿאָהרען. אין גיכען האָב איך איבערגעלייענט אין אַ צייטונג אַ קורצע ידיעה: מען האָט געמשפּט עקספּראָפּריאַטאָרען. צווישען זיי איז געווען גאַווראָוו. נאָכהער אין עטליכע טעג אַרום נאָך אַ ידיעה: איבער דעם סטודענט גאַווראָוו האָט מען אויסגעפֿיהרט דעם טויט-אורטייל.

אַז איך האָב זיך אומגעקעהרט, האָב איך בעגעגענט דעם קאָלעגע, וואָס האָט אונבעמערקט פֿערטיידיגט גאַווראָוו'ן.

— וואָס איז מיט אייך? — האָב איך איהם געפֿרעגט. — איהר זענט אינגאַנצען גראָה געוואָרען!

— איך האָב פֿערטיידיגט גאַווראָוו'ן, — האָט ער קורץ געענטפֿערט.

— דער קריעגס-געריכט האָט אויסגעפֿיהרט זיין גערעכטען משפּט.

## 2) אַן אַדוואָקאַט.

אַ מענש אַ ריעז. מיט ברייטע אַקסלען, אַ שטאַרקער. ניט קיין גרויסער קאָפּ מיט אַ מעפֿיסטאָפֿעלישען געזיכט. אויף די ליפּען שטענדיג אַ שמייכעל אָפּשר פֿון שפּאָט און אָפּשר פֿון פֿעראַכטונג. געקומען איז ער צו אונז אין דער אַדוואָקאַטור אינגאַנצען אונגעריכט פֿאַר זיך אַליין. געענדיגט יוריסט, איז ער עטליכע מאָל צו דריי יאָהר געווען אַ אויסגעקליבענער ריכטער. מיר האָבען איהם געקאָנט פֿאַר אַ זעלטענעם רעדנער אין אַ געוויסער פּאָליטישער געזעלשאַפֿט מיט אַ קלאָר אויסגעדריקטער ריכטונג (לפנים וועגען האָט די געטראָגען די פֿירמאַ פֿון אַ וויסענשאַפֿטליכע געזעלשאַפֿט), געקאָנט פֿאַר אַן אָרענטליכען, מוטהיגען מענשען. דעריבער האָבען מיר בעשלאָסען רופֿען איהם אויף דעם פּאָליטישען פּראָצעס וועגען די פֿאַבריק-אונרוהען, פּרופֿען זיינע קרעפֿטען, אַלס פֿערטיידיגער. דער פּראָצעס האָט אונז זעהר אויפֿגערעגט. עס זענען אַרויסגעשוואומען אַ סך איינצעלהייטען, וועגען וועלכע דער בעשולדיגונגס-אַקט האָט,

פֿערשטעהט זיך, געשװיגען... די אַרבײַטס-בעדינגונגען אויפ'ן פֿאַבריק זענען געװען שװערע. די פּרײַזען פֿאַר די װעבער שרעקליך נידריגע. דעם אַרבײַטס-טאָג פֿלעגט מען, אַ דאַנק די אויבערשטונדען, אויסציהען, פֿײַנליך, ביז אָהן אַ סוף. עס איז שוין ניט געװען מעהר קײן כח צו לעבען... די נאַהרונג איז געװען אַ קנאַפּע, הונגער-ברויט... און נור װען ניט װען פֿלעגט מען רעדען צװישען זיך װעגען דער אונערטרעגליכקײט פֿון אַזאַ לעבען...

און אויפ'ן פֿאַבריק האָט מען אונטערגעשיקט, פֿערשטעלט פֿאַר אַרבײַטער, צװײ פּראָװאָקאַטאָרען. אײנער פֿון זײ פֿלעגט אָפֿען אָבטון מיאוסע מעשׂים. ער האָט אַ פּנים געמײנט, אַז דאָס הײסט „געבען פּראָפּאַגאַנדע". װען אײנער אַ פֿרומער אַרבײַטער איז געגאַנגען איבער די װערקשטאַטען קלײַבען געלד אויף בויען אַ קלויכטער, האָט ער אַרויסגעריסען בײַ איהם דעם געדרוקטען אויפֿרוף מיט דעם בילד פֿון הײליגען און אָנגעהויבען טרעטען מיט די פֿיס. דאָס האָט אויפֿגעבראַכט אַפֿילו די אינגלויביגע אַרבײַטער. און זײ האָבען געבעטען דעם פֿאַבריק-אינספּעקטאָר און די אַדמיניסטראַציע פֿון װעבערײַ, — צונעהמען דעם „אַגיטאַטאָר". מען האָט איהם ענטזאַגט אויף עטליכע טעג, נאָר אַ דאַנק די שתּדלנות פֿון אַכראַנקע, האָט איהם דער דירעקטאָר פֿון פֿאַבריק גלײַך צוריק צוגענומען... נאָך אַנ'אַרבײַטער האָט נאָכאַנאַנד גערופֿען צו אַ שטרײַק. ער האָט אויך אַגיטירט. און װען דער שטרײַק האָט באמת אויסגעבראָכען, און די אַרבײַטער האָבען בעמערקט, אַז דער „אַגיטאַטאָר" בלײַבט בײַ'ם װעב-שטול, און האָבען איהם גענומען אויפֿװאַרפֿען אין בעשולדיגען אין שװינדעל, האָט ער אַרויסגעכאַפּט אַ קינזשאַל און פֿערװאונדעט צװײען פֿון די, װעלכע זענען צו איהם צוגעגאַנגען, אײנעם האָט ער צושפּאָלטען די בויך און אַרויסגעלאָזען די געדערים, דעם צװײטען צעװאונדעט. בײדען האָט מען אָבגעפֿיהרט אין שפּיטאָל. בעסער װערענדיג, האָבען בײדע דערלאַנגט אַ אָנקלאָגע דעם פּראָקוראָר. און בײדענ'ס אָנקלאָגעס האָבען צוגאָר נישט געבראַכט.

די אַרבײַטער האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אין אַ גרויסער מאַסע אַנטקעגען פֿאַבריק. זײ האָבען געװאַרט, װאָס װײַטער װעט זײַן... עס איז געקומען דער פֿאַבריק-אינספּעקטאָר און האָט פֿאָרגעלײגט די אַרבײַטער אַרויסשטעלען פֿון זיך אַ דרײַ-פֿיער „פֿערשטענדיגע" אויף פֿערהאַנדלונגען. מען האָט אַרויסגעשטעלט. אין דער צײַט האָבען זיך דערהערט קולות: „מען פֿאָטאָגראַפֿירט, מען פֿאָטאָגראַפֿירט, היט זיך!" אין פֿענסטער פֿון פֿאַבריק איז געשטאַנען

אַ גרויסער פֿאָטאָגראַפֿישער אַפּאַראַט, און אַרום איהם האָבען זיך געעקט אַ ציווילער מיט אַ פּאָליציימאַן... די מאַסע איז צולאָפֿען... נאָכהער בעת'ן אַרעסט, האָט מען די אַרבייטער אַכזריות'דיג, אונגעוועהנליך־טהיריש געשלאָגען... די רוהיגסטע פֿון אונז זענען געוועז אויפֿגעבראַכט...

מיר האָבען אַלע גערעדט פֿון מיטען זאַל. אַדוואָקאַטען זענען געוועזען אַ סך און זיי זענען איינער נאָך דעם אַנדערן צוגעגאַנגען צו דער טריבונע. ער איז אויך אַרויס, ער, אַזאַ גרויסער, שטענדיג אַזאַ שטאַרקער. דעם מאָל אָבער איז זיין געזיכט געוועזען טויט־בלאַס, אויפֿ'ן שטערען האָט זיך אָנגעגאָסען אַ בלאָער אָדער, דער שאַרפֿער שמייכעל איז פֿערשוואונדען...

— איהר האָט דאָס וואָרט...

ער האָט געעפֿענט דעם מויל, געמאַכט עפּעס אַ בעוועגונג מיט'ן האַנד און געשוויגען.

מיר האָבען געוואַרט.

— איהר האָט דאָס וואָרט, — האָט דער פּאָרזיצענדער רוהיג איבערגע'חזר'ט.

ער האָט ווידער געעפֿענט דעם מויל, אַ מאַך געטהון מיט די הענד, ווי ער וואָלט וועלען זיך בעפֿרייען פֿון דריקענדע נעצען, וועלכע האָבען איהם פֿערפּלאָנטערט און ווידער הילפֿלאָז די הענד אַראָבגעלאָזען...

— מיר וואַרטען, הער פֿערטיידיגער!..

פֿון זיין מויל האָט זיך אַרויסגעריסען עפּעס אַ אונפֿערשטענדליכער, שרעקליכער יאָמער־געשריי, אַ קרעכץ פֿון יאוש, און די גאַנצע געזיכט האָט קאָנוואולסיוו געציפּט. דאָס צופּען איז געווען אַזוי שרעקליך, אַז עס איז געוועזען אַ וועהטאָג, אַ פֿיזישער וועהטאָג צו קוקען... אַלע האָבען געוואַרט... פֿיעלע האָבען זיך אָבגעקעהרט...

און ער איז ווי פֿריהער געשטאַנען פֿאַר'ן געריכט, אַזאַ גרויסער, מיט אַזעלכע יסורים אין געזיכט, מיט אַזאַ פּיין אין די אויגען... זיין גאַנצער גוף האָט ניט אויפֿגעהערט קאָנוואולסיוו ציטערן...

— הער פֿערטיידיגער, — האָט פּלוצלונג אויסגעשריען דער פּאָרזיצענדער, — אַזוי איז אונמעגליך! — זייט ניט אַזוי אויפֿגערעגט! מען טאָר זיך אַזוי ניט אויפֿרעגען!..

פֿון אָרט האָט זיך געטהון אַ הויב אויף אַ קאָלעגע, האָט אָנגעגאָסען וואַסער און איהם דערלאַנגט.

ער האָט שטיל און לאַנגזאַם, מיט קליינע זופּען אויסגעטרונקען, געשטאַנען צוויי-דריי סעקונדען אַ בערוהיגטער און, פּונקט ווי ער וואָלט דאָס האַרץ געעפֿענט, האָט ער אַרויסגערעדט...

— הערר פֿאָרזיצענדער! איהר קענט מיך פֿערוועהרען רעדען וועגען דאָס אָדער יענץ, איהר קענט פֿערוועהרען בעריהרען די אָדער יענע פֿראַגען... דערויף איז אויף אייער זײַט דער געזעץ... נאָר זאָגען מיר „רעגט אײַך ניט אויף!“ — קענט איהר ניט, איהר האָט אויף דעם קיין רעכט ניט! — יאָ, איך בין אויפֿגערעגט! איך וויל זיך אויפֿרעגען! איך וויל מײַן אויפֿרעגונג אײַך איבערגעבען! איך וויל, איהר זאָלט אייער אורטייל אַרויסזאָגען מיט אַזאַ אויפֿרעגונג און ציטערניש, מיט וועלכע איך ריידע מײַן רעדע!...

און ווען ער האָט געענדיגט די עטליכע אײַנגעהערט-שלופֿצענדע ווערטער, איז זײַן אַרויסגעריסענע, צו-וועהטאָגטע האַרץ געלעגען פֿאַר די ריכטער. און אַלע האָבען דאָס פֿערשטאַנען און דערפֿיהלט...

איהם האָט ווידער פֿיבערהאַפֿט, קאָנוואולסיוו געצופּט... אַ גרויסער מענש איינער אין זאַל...

און אין זאַל האָט געהערשט אַ טויטע שטילקײַט. קיינער האָט ניט געוואַגט זיך אַ ריהר צו טאָן, ניט געוואַגט אויפֿהויבען דעם קאָפּ. אַלע האָבען זיך געשעמט. און נור איצט האָט אַלעמען קלאָהר און דײַטליך דורכגעבּרענט דעם מאַרך דאָס בעוואוסטזײַן, וואָס פֿאַר אַ שאַנד עס איז צו הערען אַפֿילו וועגען די אַלע שרעקען, וואָס קומען פֿאָר אַרום...

דער פֿאָרזיצענדער האָט לאַנג געשוויגען.

— דער פֿאָלגענדער פֿערטיידיגער האָט דאָס וואָרט, — האָט ער ענדליך אַרויסגערעדט, שווער אויפֿהויבענדיג דעם קאָפּ.

### פּ. הײלפּערין

— — — — — — — — —

...אָבער שװײַגען זאָלט איהר, שװײַגען!
און עס זאָל די נאַכט ניט הערען
אײַער זיפצען, אײַער קרעכצען,
אײַער גיסען זיך מיט טרעהרען!
היט די טרעהרען און די זיפצען
אין נשמה טיעף פֿערשלאָגען!
טרעהרען זענען זאַפט פֿון זעלע,
איהרע בלוטען זענען קלאָגען!
װעה צו יענעם, װער געלאָזען
האָט איהר בלוט און זאַפט צערינען!
זעהן װעט ער ניט די גאולה,
אײביג קנעכטשאַפֿט װעט ער דינען!

...קלײַבט אין אײַך און היט דעם װעהטאָג!
שעפּט אײַך גבורה פֿון יסורים!
נעהמט די גרעסטע שװערסטע פּײַנען,
און בױט אױס פֿון זײ אַ טהורעם;
פּײַנען שװערע זענען פֿעסטער
פֿאַר גראַניט און פּאַנצירבלעכען, —
װעט עס זײַן אַ פֿײַערפֿעסטונג,
װאָס קײַן מאַכט װעט זי ניט ברעכען!
און פֿון איהרע גליהענדיגע
הױכע װענט און שאַרפֿע שפּיצען
זאָלט איהר פֿאָטערלאַנד זיך שאַפֿען,
היים — פֿון דונערן און בליצען!

נאָר אָהן יאָמער, װער עס לײַדט נאָך!
נאָר ניט גיסט, ניט גיסט קײַן טרעהרען!

בייַסט די ליפּען — בלוט זאָל פּלייצען, —
און קיין קרעכץ זאָל זיך ניט הערען!
וועה צו יענעם, שפּאָט און שאַנדע,
ווער געלאָזט האָט טרעהרען גיסען!
פון ישועה־בעכער וועט ער
...קיין מאָל, קיין מאָל ניט געניסען!

ד. מ.

# פויגעל מייַן.

אויף אַ בערגעל שטעהט אַ בוימעל,
האָט אַ צווייַגעל זאַפטיג גרין,
און אַ נעכט אויף יענעם צווייַגעל,
כ'זיצט אַ פייגעלע דאַרין
פויגעל מייַן, פויגעל קליין,
כ'קען דייַן זינגען נישט פערשטעהן.

פון די ווייַטיגע מקומות
קומסט דו, פייגעלע, אַ צינד;
ס'האָט געבראַכט אַהער צו טראָגען
דיך דער וואַרמער פריהלינגס־ווינד. —
פויגעל ליב, פויגעל זיס —
צי'האָסט דו מיר געבראַכט אַ גריס?

צ'האָסט דו ניט געזעהן אַ שיפעל
אויפ'ן ים דעם גרויסען דאָרט?
צ'האָסט דו ניט דערקענט דאָרט איינעם,
וועלכער אין דעם שיפעל פאָהרט?
פויגעל שען, פויגעל פיין,
טרייסט זשע מיך אים אומעט מייַן!

אִיז זַיין בְּלִיק נָאךְ שְׁטָאלְץ אוּן לִיכְטִיג,
זוּכְט עֶר, זוּכְט עֶר נָאךְ דָאס גְלִיק,
אָדֶער אָהן אַ צִיעל אוּן הָאפְנוּנג
טְרַייבּ זַיין שִׁיפֶעל הִין אוּן צִירִיק?
פוֹיגֶעל מַיין, פוֹיגֶעל קְלֵיין,
כ'קֶען דַיין זִינגֶען נִישְׁט פֶערְשְׁטֵעהְן.

װעֶר קֶען אוֹיסמֶעסְטֶען דִי יַמִים,
װאוּ אַ שִׁיפֶעל זוּכֶענְד פָאהְרְט?
װעֶר קֶען זָאגֶען, װאוּ דָאס גְלִיק װאָהְנְט,
װעֶר קֶען װַייזֶען מִיר דֶעם אָרְט?
פוֹיגֶעל מַיין, פוֹיגֶעל קְלֵיין,
צ'קֶען דֶען װעֶר דַיין שְׁפְּרַאךְ פֶערְשְׁטֵעהְן?

י. יודין.

# די יודענפֿראַגע אין דער דריטער גאָסודאַרסטווענער דומע*).

די דריטע דומע — די דומע פֿון פּריצים־פֿעאָדאַלען און גרויס־בורזשואַזיע — פֿליסט זיך מיט אַ אויסערסטער התמדה הויך צו האַל־טען די פֿאָהן פֿון „פּאַטריאָטיזם“ און „נאַציאָנאַליזם“. איבער יעדען נישטווירדיגען גרונד און אָהן קיין שום גרונד לאָזען זיך הערען פֿון די רעכטע און זייערע בונדעסגענאָסען, די אָקטאָבריסטען, קנאַקע־דיגע פּאַטריאָטישע רעדעס וועגען דער „נאַציאָנאַלער מאַכט“, „עכט־נאַציאָנאַלער“ פּאָליטיק, „עכט־נאַציאָנאַלער“ שול א. אַז. וו.

דאָס איז אַ אַלטער, זעהר אַלטער פּלאַג, הינטער וועלכען ס׳בעהאַלטען זיך שוין לאַנג די הערשענדע קלאַסען אין מערב־אייראָפּאַ, בעת זיי מאַכען זייערע גזלנ׳ישע אָנפֿאַלען אויף די עקאָ־נאָמיש און פּאָליטיש אָבגעשטאַנענע פֿעלקער, פֿערכאַפּען פֿרעמדע טעריטאָריעס אָדער פֿילען אָן די קעשענעס אויפ׳ן השבון פֿון די אָרעמע פֿאָלקסמאַסען ביי זיך אין דער היים, שאַפֿענדיג זיך פֿער־שידענע פּריווילעגיעס, פּרעמיעס, מאָנאָפּאָלען א. ד. גל. פֿער־שטעהט זיך, אַז אַלע די, וואָס האָבען דאָס מוט אָנצורופֿען דאָס קינד מיט׳ן נאָמען, זענען פֿעררעטער פֿון פֿאָטערלאַנד.

אָט די אייראָפּעאישע פּראַקטיק האָט אויסגעאַרבייט אַ בעזונדער מין בורזשואַזנעם נאַציאָנאַליזם, — דעם אַנטיסעמיטיזם. דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ קינד פֿון דער ניט ווייטער פֿערגאַנגענהייט און אימער האָבען איהם די רעאַקציאָנערע רעגירונגען פֿון מערב־

---

*) זייענדיג איינפֿערשטאַנדען מיט די מיינונג פֿון י. יודין בנוגע צו דער טאַקטיק אין דער יידישער פֿראַגע, לאָזען מיר איבער די פֿעראַנטוואָרטליכקייט אַר די אַלגעמיינע פּאָליטישע און טאַקטישע אָנשויאונגען דעם פֿערפֿאַסער גופֿא.
די רעדאַקציע.

אייראָפּאַ אויסגענוצט און נוצען נאָך טיילווייז אויס אויך איצט צוליעב צוויי ציעלען: — אום צוצושפּאַלטען דעם ליבעראַליזם און אָנצושטאָפּען אַלץ בּרייטערע שיכטען פֿון דער בּורזשואַזיע מיט רעאַקציאָנערע אַנשויאונגען, ווי אויך אום אָבּצוהיטען די מעהר אָבּגעשמאַנענע אַרבּייטער און טיילווייז אויך דאָס קליינבּירגערטום פֿון דער ווירקונג פֿון דעם אַלץ וואַקסענדען סאָציאַליזם.

בּיי אונז אין רוסלאַנד האָט אָט דער „נאַציאָנאַליזם“ און זיין כּשר קינד, דער אַנטיסעמיטיזם, ווי יעדע אידעאָלאָגיע פֿון דער רעאַקציע, קודם כּל געדינט דער אַלמעכטיגער בּיוראָקראַטיע און איהר לייבּליכען קרובֿ און שותּף — דעם אַדעלטום.

די זאָגענאַנטע „אינאָראָדצעס־פּאָליטיק“, די פּאָליטיק פֿון פֿערשקלאַפֿען די „אָקראַאינעס“ איז פֿאַר דעם בּיוראָקראַטישען אַדעל פֿריהער ווי אַלץ איינער פֿון די וויכטיגסטע קוועלען פֿון זיין עקזיסטענץ. אָט די פּאָליטיק האָט עס געמאַכט פֿון גאַנצע געגענדען אַזוי ווי ירושה־גיטער, וואו די העכערע אַדמיניסטראַציע פֿיהלט זיך, אַלס אונבּעגרענצטער בּעל־הבּית, האַלטענדיג אין אַ צושטאַנד פֿון לייבּאייגענשאַפֿט מיליאָנען פֿון „אינאָראָדצעס“ — פּאָליען, פֿינען, אידען, לעטען, אַרמעניער א. ד. גל. און אַלץ, פֿערשטעהט זיך, טוט זיך אים נאָמען פֿון דער „איינינקייט“ און „נאַציאָנאַלער מאַכט“ פֿון רוסלאַנד.

אָבּער אין דעם, אַזוי צו זאָגען, „לייבּאייגענעם“ נאַציאָנאַליזם איז דאָ נאָך אַ סטרונע, אויף וועלכער די רעגירונג האָט אויסגעשפּיעלט, שפּיעלט נאָך איצט אויס איהר רעאַקציאָנערען נגון בּעזונדערס גערן. די אינאָראָדצעס־פּאָליטיק האָט געדיענט און דיענט דער בּיוראָקראַטיע אַלס מיטעל אָבּצונויגען די וואַקסענדע אונצופֿרידענהייט און צאָרן פֿון אייניגע פֿינסטערע און אונוויסענדע שיכטען פֿון דער רוסישער בּעפֿעלקערונג אין אַ פֿאַר איהר גינסטיגער ריכטונג. אין אַלץ זענען שולדיג די „אינאָראָדצעס“, בּיי זיי דאַרף מען עס מאָנען פֿאַר אַלע אומגליקען און אונגערעכטיגקייטען, — דאָס איז דער לאָזונג, וועלכער הערשט מיט תּקיפֿות נאָך בּיז היינט.

די דריטע גאָסוד. דומע, וואָס איז לויט איהר מעהרהייט און סאָציאַלער צוזאַמענשטעלונג אַ פּריצישע, האָט ניט אָבּגעשוואַכט און האָט ניט געקענט אָבּשוואַכען און פֿערלייכטערן אָט די פּאָליטיק. פֿאַרקעהרט, — מיט איהר גאַנצער הנהגה בּיז אַהער האָט זי דעם לאָזונג פֿערשטאַרקט, אונטערגעשטיצט איהם מיט'ן מאָראַלען אויטאָריטעט פֿון דער כּלומרשט'דיגער פֿאָלקס־פֿערטרעטונג. און דאָס איז גאָר ניט קיין וואונדער. אַ געהאָרכזאַמעס געוועהר אין

די הענד פֿון דער רעגירונג, אַזאַ געהאָרכזאַמעס, דאָס קאָקאָווצעוו
האָט מיט פֿולען רעכט געקאָנט זאָגען, — ניט קוקענדיג אויף די
לעכערליכע פּראָטעסטען פֿון די אָקטאָבריסטען — „געלויבט דער
אויבערשטער, אין רוסלאַנד איז ניטאָ קיין פּאַרלאַמענט“ — איז די
דריטע דומע געגאַנגען און געהט אויך איצט אונטערטעניג אין
דעם אַלטען ביוראָקראַטישען וועג. אַנ׳אַנדערש מאָל אַפֿילו זאַלצט
זי פֿון גרויס השק איבער, לויפֿט פֿאָרויס און טרעט איבער די
גרעניצען, וואָס זענען ווינשענסווערט דער רעגירונג.

דערמאָנט זיך דעם כאַראַקטעריסטישען אינצידענט מיט דער
ערלויבניס יודען צו בענוצען זיך מיט די הייל-קוראָרטען, וואָס
געפֿינען זיך אין רשות פֿון דעם בערג-דעפּאַרטאַמענט. די דומע-
מעהרהייט, אָנגעפֿיהרט פֿון די אָקטאָבריסטען האָט אָבגעוואָרפֿען
די פֿאָרלאַגע און כמעט גלייכצייטיג האָט דער קריעגס-מיניסטער
בעקומען אַנ׳אַלערהעכסטען בעפֿעהל צו בעפֿרידיגען די בקשה פֿון
די יודען.

און — מען מוז עס מודה זײַן — די רעגירונג ווייס ווי אויס-
צוניצען אָט די קנעכטישע שטימונג פֿון דער דומע-מעהרהייט.
צוליב דער צוקונפֿטיגער הלואה איז איהר נויטיג, אַז די דומע-
מעהרהייט זאָל טרויען איהר אויסערער פּאָליטיק. אָרגאַניזירט זי
אַ פּאַטריאָטישע דעמאָנסטראַציע — די אַרויסטרעטונג פֿון דעם אוי-
כערן-מיניסטער איזוואָלסקי, — און אַרום דעם צוטרוי פֿעראייניגט
זי ניט נור די שוואַרצמאה׳דיגע אָקטאָבריסטישע מעהרהייט, נור אויך
די ליבעראַלע אָפּאָזיציע — די קאַדעטען. און אויב ס׳איז ניט גאַנץ
אונגעוועהנליך, וואָס די אָקטאָבריסטען האָבען נאָך ביז איזוואָלסקי׳ס
רעדע זיך צוגעאײַלט צו פֿאַנאַנדערשרײַבען זיך אין פּאַטריאָטישען
צוטרוי צו דער אויסערער פּאָליטיק פֿונ׳ם אַלטען רעזשים, וואָס
זייער אָנפֿיהרער גוטשקאָוו האָט מיט התלהבות צוגעזאָגט דער
רעגירונג די „הייסע שטיצע פֿון דער פֿאָלקס-פֿערטרעטונג“, ווײַל
„קיין איין הנהה פֿון אונזערע אינטערעסען, קיין איין שפּאַן ערד
קענען מיר ניט אָבגעבען אונזערע שכנים“, האָט זיך דאָך אָבער
געקענט דוכטען, דאָס אַזאַ בעציהונג צו דער דעמאָנסטראַציע מצד
די קאַדעטען איז עטוואָס אונערוואַרטעט. אָנשטאָט דעם, אָבצו-
שאַצען ווי געהעריג די אינהאַלטסלאָזע רעדע פֿון מיניסטער און
צו ענטפּלעקען דעם אמת׳ן אינהאַלט פֿון דער אויסערער פּאָליטיק
פֿון דער רעגירונג, האָט מיליוקאָוו פֿונ׳ם נאָמען פֿון דער פּאַרטיי
ערקלערט: „די פּאַרטיי פֿון פֿאָלקספֿרײַהייט האָט מיט טיעפֿער בע-
פֿרידיגונג אויסגעהערט דאָס וואָרט פֿונ׳ם אויסערן-מיניסטער און

האלט פאר איהר הויב צו בעגריסען זיין ערשטע ארויסטרעטונג". און די "רעטש" האט זיך צוגעאיילט אונטערצושטרייכלען מיט א "טיעפער הנאה" "אז די דומע האט אין איהר מיינונג וועגען דער אויסערער פאליטיק פערגעסען אויף עטליכע מינוט איהר פארטייליכקייט". אט די "פערגעסענהייט, אט די ליעבע איינינקייט פון דער רעגירונג, דער שווארצ'מאה'דיג-אקטאבריסטישער מעהרהייט און די קאדעטען, איז א גלענצענדער נצחון פון דער רעאקציע, איז אויך צוגלייכער צייט א נייער וויכטיגער בעווייז, אז די ליבעראלע אפאזיציע טוט תשובה. און אט די נייגונג צו תשובה-טאן האט זי ארויסגעוויזען נאכדעם, ווי די דומע-מעהרהייט האט דעמאנסטרירט איהר ספעציפישען פאטריאטיזם, ארויסטרייבענדיג די גאנצע אפאזיציע פון דער קאמיסיע וועגען מלוכה-שוץ. א אונפערמיידליכער טריט, ווייל זינד די פארטייען פון "פאלקספרייהייט" האט זיך געשטעלט מיט'ן רוקען צום פאלק, זינד זי האט אנגעהויבען אבצווארפען זיך מיט האס פון דער "רויטער שמאטע", זינד זי האט פרייער אבגעשטעמט, ארונטערשמייסענדיג פון זיך — לויט איהר אייגענעם אויסדרוק — דעם "המור", וואס האט זי געדריקט, איז איהר קיין אנדערע וועגווייזענדער שטערן ניט געבליבען, אויסער דער קאנסטיטוציאנאליזם פון סטאליפינ'ען, קומט איהר אונפערמיידליך אויס צו האפען נור אויף איהם, צופאסען זיך נור צו איהם.

אין פאליטיק עקזיסטירען צוויי וועגען — אויף לינקס אדער אויף רעכטס. האט ווער אבגעקעהרט פון לינקען וועג, וועט ער זיך גלייך לאזען רעכטס. און אונטער דער ווירקונג פון אט דער נייער ריכטונג זוכט די קאדעטישע פארטיי מיט היבש חשק אזעלכע פונקטען, אויף וועלכע זי וואלט זיך געקאנט פעראייניגען מיט דער אקטאבריסטיש-רעכטער מעהרהייט, אום ניט צו בלייבען אין דער אונאנגענעהמער לאגע פון א אפאזיציאנעלער מינדערהייט. דער בעסטער פונקט אזעלכער איז די אויסערע פאליטיק, דערום האט זי זיך מיט אזא היץ פאר איהם אנגעכאפט. צוליעב דער זעלבער אורזאכע סטארען זיך די קאדעטען ניט אויפהויבען אזעלכע פראגען, וואס קענען ארויסרופען די אונצופריעדענהייט פון דער מעהרהייט. דאס איז איבערהויפט בנוגע צו דער נאציאנאלער פראגע בכלל און דער אידענפראגע בפרט. די קאדעטישע פראקציע וויל אויף זיך ניט נעהמען די איניציאטיוו אין ערוועקען אזעלכע פראגען און אויף ניסעלאוויטש'עס אנפראגע האט זי קאטעגאריש געענטפערט, אז קיין געזעצפראיעקט וועגען דער אידענפראגע וועט זי ניט אריינטראגען.

בעת ס'האָבען זיך געפֿירט די דעבאַטען וועגען דער „אויכערער מאַכט“ פֿון רוסלאַנד האָט איינער אַ דרײַסטער טעאָרעטיקער פֿון דער פּאַרטײַ, דער ה' סטרואווע, זיך צוגעאײַלט צו בעגרינדען, ווי נויטיג ס'איי אונטערצוהאַלטען די אויסערע פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג — ווידער, פֿערשטעהט זיך, אין דעם נאָמען פֿון דער „גרויסער רוסלאַנד“. אין אַ אַרטיקעל, וואָס טראָגט אָט דעם נאָמען, פּרעדיגט ער גאַנץ אָפֿענהערציג אַ נײַע אויסערליכע אַוואַנטור — שוין נימ אויפֿ'ן ווײַטען, נאָר אויפֿ'ן נאָהענטען מזרח — דאָס שטרעבען צו האָבען די איבערוויכט איבער'ן גאַנצען באַסין פֿון שוואַרצען מעער. ער שרײַבט אויס פּאַטעטיש: „נור די מלוכה און איהר מאַכט (די אויסערע) קענען זײַן פֿאַר אמת'ע פּאַטריאָטען אַ ווירקליכער וועגווײַזענדער שטערן. אַלעס אַנדערס איז נור — בלאָנדזענדע פֿײַערלעך *). מיט וואָס אונטערשײַדעט זיך אָט דער פּאַטריאָטיזם פֿון דעם ביוראָקראַטישען? אָט דער געוועזענער מאַרקסיסט האָט פֿערגעסען אַזאַ עלעמענטאַרען אמת, אַז אויך דער פּאַטריאָטיזם איז אַ פּראָדוקט פֿון די געזעלשאַפֿטליכע פֿערהעלטניסע, אַז דאָס „פֿאָטערלאַנד“ בײַט זיך גלײַך מיט דעם, ווי ס'ענדערן זיך די געזעלשאַפֿטליכע פֿערהעלטניסע און אין די גרענצען פֿון דער געזעלשאַפֿט גופֿא איז די ראָל פֿון דעם פֿאָטערלאַנד בײַ פֿערשידענע קלאַסען פֿערשידען און צוזאַמען מיט דעם צײכענט זיך איין קלאַס פֿון דעם אַנדערן אויס מיט זײַן בעזונדערען בעגריף וועגען „פּאַטריאָטיזם“. (קויטסקי — פּאַטריאָטיזם, קריג און כאָצ. דעמ.).

ואָגאַר דער פּאַטריאָטיזם און נאַציאָנאַליזם פֿון דער בורזשואַזיע, ווען נור ער זאָל זײַן ריכטיג פֿערשטאַנען פֿונ'ם שטאַנדפּונקט פֿון איהרע קלאַסענאינטערעסען, האָט זיך געדאַרפֿט בע-

---

*) ס'איז טשיקאַווע, וואָס אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דער אימפּעריאַליסטישער פּערספּעקטיווע פֿון אײַנעהמען דעם נאָהענטען מזרח, איז סטרוּווע גרייט צו בענוצען זיך אויך מיט יודען און איז מסכים אויף דאָס קוקענדיג, שענקען זיי רעכט. ער שרײַבט: „אין יענער עקאָנאָמישער עראָבערונג פֿונ'ם נאָהענטען מזרח, אָהן וועלכער ס'קען ניט בעשאַפֿען ווערען די „גרויסע רוסלאַנד“ (ווי זאָל זײַן איצטער, ווען אין טערקײַ איז פֿעסטגעשטעלט אַ קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדנונג? א. יו.) זאָלען די איבערגעגעבענע דער רוסישער שטאַאַטליכקײַט און דער רוסישער קולטור יודען פּשוט אומפֿערמײַדליך-נויטיג אַלס פּיאָנערען און פֿערמיטלער. אויף אַזאַ אופֿן דאַרפֿען מיר צוליב דער גרויסער רוסלאַנד אַזעלכע יודען בעשאַפֿען און זיך מיט זיי ברייט בענוצען“. וואָס קען זײַן געמיינער פֿון אָט דער, לויט'ן גײַסט, ריין אַנטיסעמיטישער אַרגומענטאַציע?

דײַטענד אונטערשײדען פֿון דעם, ווי די לאָזונגען פֿערשטעהט דער אַלטער רעזשים. אָבער די רוסלענדישע בורזשואַזיע, וואָס איז שטענדיג געגאַנגען אויפֿ'ן שטריקעל בײַ דעם רעזשים, פֿיהלט זיך נאָך עד היום גוט נור אין די ביוראָקראַטישע ווינקעלעך און ס'איז אַ גרויסער ספֿק, אויב זי וועט אין גיכען פֿערלאַנגען פֿון זיי זיך אָבצופּטר'ן. און אויב זי וועט עס פֿערלאַנגען, וועט זי עס קענען דורכפֿיהרען אין זיך שטעלען אַליין אויף די אייגענע פֿיס... דאָס פֿערשטעהט אויסגעצייכענט די רעגירונג און דעריבער בעציהט זי זיך אַזוי פֿעראַכטליך צו דער דריטער דומע און איהר פּריוויש־בורזשואַזער מעהרהײַט, דעריבער איז זי איהר גרייט צו דולדען נור אויף אַזוי פֿיעל, אויף וויפֿיעל די דומע איז מוכן ומזומן צו שפּיעלען די ראָל פֿון אַ קאַנצעליאַריע בײַ דער רעגירונג, אויף וויפֿיעל זי זאָגט זיך וואָס ווײַטער אַל'ץ מעהר אָב פֿון פּראָווען, כאָטש אין קליינינקײַטען, צו ווײַזען זיך אַלס קאָנסטיטוציאָנעלע אײַנריכטונג.

* *
*

בײַ אַזאַ לאַגע, וואָס האָט זיך בעקומען אַלס אונפֿערמײַדליכער רעזולטאַט פֿון דעם נצחון פֿון דער רעאַקציע איבער דער בעפֿרײַאונגס־בעוועגונג, וואָלט עס געווען אונפֿערצײַהליך־אוטאָפּיש צו האָפֿען, אַז די דריטע דומע וועט וועלען און וועט וואַגען כאָטש וויפֿיעל ניט איז ערנסט אַרײַנצושטעלען אין טאַגעסאָרדנונג — מיר ריידען שוין ניט וועגען לייזען — די נאַציאָנאַלע פֿראַגע, אַז זי וועט פֿערלאַנגען כאָטשבי נור אַרויסזאָגען זיך ענטשידען געגען יענע אונגעוועהנליכע רעפּרעסיעס, אונטער וועלכע ס'קרעכצען אַזוי פֿיעל מיליאָנען „אינאָראָדצעס“, וועט זײַן פֿאַר די פֿערניכטונג פֿון איין גרויסען ווינקעל־שטיין אין דעם היכל פֿונ'ם אַלטען רעזשים.

נאָך אין דער דעקלאַראַציע זײַנער האָט סטאָליפּין אָפֿען און דײַטליך אַרויסגעזאָגט דעם שטאַנדפּונקט פֿון דער רעגירונג אין דער פֿראַגע.

קיינע הנחות, קיינע פֿערלײַכטערונגען, ביז וואַנען די אינאָראָדצעס וועלען זיך ניט שטעלען אויפֿ'ן שטאַנדפּונקט פֿון דער רעגירונג, — „דאָס העכסטע גליק איז צו זײַן אַ רוסישער בירגער“. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס: זאָגט זיך אָב פֿון אײַער איי־

געגענער נאַציאָנאַלער פֿיזיאָנאָמיע, זאָגט זיך אָב פֿון אייער גאַנצען היסטאָרישען עבר, פֿון אייער שפּראַך, אייער שול, אייער נאַציאָנאַלער קולטור, — און דאַן וועט איהר בעקומען אַלע רעכט.

אָט די קלאָרע, ביז ציניזם קלאָרע, דירעקטיוו האָט איינגאַנצען איבערגענומען די מעהרהייט פֿון דער דריטער דומע, — ווי די רעכטע, אַזוי אויך דער אָקטאָבריסטישער צענטר. און אום זי דורכצופֿיהרען האָבען די רעכטע אָנגעהויבען זייער קאַמפּאַניע געגען די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטען און פֿלייסען זיך ביי יעדען פֿאַל אונטערצוואַרעמען די סאַמע געמיינע שאָוויניסטישע אינסטינקטען. היינט — פֿינלאַנד, מאָרגען — פּוילען, איבערמאָרגען — קאַווקאַז און כמעט אַלע טאָג — אידען. די רעוואָלוציע האָבען בעשאַפֿען די אינאָראָדצעס — שרייען זיי נאָך דער ביוראָקראַטיע, לכן — נידער מיט'ן פּויל, נידער מיט'ן יודען, פֿינלענדער און אַז. וו.

און די אָקטאָבריסטען, וואָס שמועסען אַליץ אין די קולואַרען, אַז זיי זענען פֿאַר די גלייכבערעכטיגונג פֿון די נאַציאָנען? אָט די קנעכטישע נשמות קענען ניט ניט געהן אין דעם זעלבען סטאָליפּינס וועג. און דער הילוק צווישען זיי און די רעכטע איז נור אין דעם, וואָס די לעצטע געהען אָפֿען צו זייער ציעל, ענטפּלעקענדיג די פֿערבאָרגענסטע וואונשען פֿונ'ם אַלטען רעזשים, בעת די אָקטאָבריסטען האַלטען בעסער פֿון פֿערשווייגען, צביעות און „הין-הער"-פּאָליטיק. און אין דעם זין איז די פּאָזיציע פֿון די אָקטאָבריסטען פֿיעל מעהר געפֿעהרליך. אונטער די אויסערליכע פֿרומע וואונשען ליגט פֿערבאָרגען די העסליכסטע בעוואוסטזיניגע בגידה, וואָס בויט אַלע איהרע חשבונות אויף דער קורצזיכטיגקייט פֿון דעם נאָהענטסטען שכן.

שטעלט, למשל, איינע קעגען די אַנדערע די צוויי אָנפֿראַגען וועגען פֿינלאַנד: פֿון די רעכטע און די אָקטאָבריסטען, און איהר וועט פֿערשטעהן, אַז זייער אויפֿגאַבע איז געווען איינע און די זעלבע — אונטערשטיצען די רעגירונג אין איהר שטרעבען צו ליקווידירען די לעצטע עראָבערונג פֿון דער בעפֿרייאונגס-בעוועגונג — די פֿינלענדישע אויטאָנאָמיע. נור די רעכטע זענען געווען ציניש-אָפֿענהערציג, די אָקטאָבריסטען אָבער האָבען אַרויסגעשטעלט נור דיפּלאָמאַטישע מאָטיווען. די ערשטע האָבען גערעדט וועגען די פֿיעלע פֿערברעכענס — געגען רוסלאַנד —, וואָס האָבען זיך צוגעגרייט אין פֿינלאַנד, און די לעצטע האָבען אָנגעוויזען נור אויף דעם, וואָס ביי די פֿינלענדער איז ניטאָ „דער בעוואוסטזיין פֿון שטאַאַטליכער איינִיגקייט מיט דער אימפּעריע". און גוטשקאָוו האָט דאָך געהאַלטען

פֿאַר נויטיג צו דראָהען, דאָס אויב די נײַע וואַהלען אין פֿינלאַנד וועלען ניט איבּעראַנדערשען די צוזאַמענשטעלונג פֿון סיים, וועט אומגעענדערט ווערען דער וואַהל־געזעץ. הגם אין דעם פּונקט וועגען פֿאַנאַנדערלאָזען דעם סיים איז דער פֿיהרער פֿון די אָקטאָבּריסטען געווען אונערוואַרטעט פֿאַר זיך זעלבּסט אין אַ וואוילער קאַמפּאַניע: אונזער גאַנצע אָפּאָזיציאָנעלע פּרעסע, — אפילו די „נאַשאַ גאַזעטאַ“, וואָס איז געווען געניגט צו די טרודאָוויקעס, — האָבּען זיך געאײַלט אויסצורעדען דער פֿינלענדישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע דערפֿאַר, וואָס זי איז דרײַסט אַרויסגעטראָטען געגען דער אָפֿענער פּאָליטיק פֿון דער רוסישער רעאַקציע, דערפֿאַר, קענטיג, וואָס זי האָט זיך אָבּגעזאָגט צו געהן אין דעם וועג פֿון דעם רוסלענדישען ליבּעראַליזם, וועלכער גלויבּט, אַז דאָס איינציגע מיטעל צו פֿערטיידיגען און אײַנהאַלטען די קאָנסטיטוציע איז — אונאויפֿהערליך נאָכגעבּען, אָבּלאָזען איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער.

אָדער אָט האָט איהר נאָך אַ בּײַשפּיעל, אַ מעהר בּעדײַטענדען. ווען מ'האָט בּעטראַכט דעם פּונקט וועגען דער צאָהל נאָוואָבּראַנצעס, האָבּען די עקסט־רעכטע, גאַנץ קאָנזעקווענט פֿון זייער שוואַרץ־אַנטיסעמיטישען שטאַנדפּונקט, אַרויסגערוקט די אידען־פֿראַגע, די פֿראַגע וועגען מיליטער־דיענסט פֿון די אידען.

זיי האָבּען זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר דער מעגליכקײַט אַרויפֿצוּוואַרפֿען אַלע מפּלות פֿון דעם רוסישען היל פֿאַר די לעצטע יאָהרען אויף די אינאָראָדצעס און היות דער סאַמע שעדליכער עלעמענט אין דער אַרמעע זענען, ווי בּעוואוסט, אידען, איז אום די אַרמעע צו אויסבּעסערען, דאַרף מען קודם כל אַרויסוואַרפֿען פֿון איהר אָט די פּגע און פֿערבּײַטען אידען די מיליטער־דיענסט מיט אַ געלד־אָבּצאָהלונג אָדער מיט אַ וועלכער ס'איז אַנדערער נאַטורעלער התחיבות. **די שטעלונג** פֿון דער פֿראַגע **איז** געווען ניט **ווייניגער** ציניש, איידער די ציעלען, וואָס מ'האָט דערבּײַ געהאַט. זאָל מען נור אידען בּעפֿרײַען פֿון מיליטער־דיענסט, וועט מען שוין בּמילא לאָגיש מוזען בּײַ זיי אָבּנעהמען זייערע בּירגערליכע רעכט, אויסטיילען זיי פֿון דעם אַלגעמיינעם געזעץ, געבּען זיי נור די רעכט פֿון אויסלענדישע יודען, וואָס קענען זײַן אין רוסלאַנד נור אין אויסערליכע פֿאַלען.

אָבּער אָט מיט די זעלבּע כונה'ס אין עצם — אויסשליסען די אידען פֿון דער אַרמעע און אַוועקשטעלען זיי אויסער דעם געזעץ — טרעט אַרויס דער אָנפֿיהרער פֿון די מעסיג־רעכטע, קרופּענסקי. נאָכ־

מאַכֿענדיג די אָקטאָבריסטען, שטעלט ער אַרויס אַזעלכֿע ראיות, וואָס זענען דוכֿט זיך אַזוי ווי גאַנץ פֿרום, וואָס אַפּעלירען זאָגאַר צו אַ אײַגענאַרטיגען מין יושר. ער שטריכֿעלט אונטער, אַז די רעליגיעזע איבערצײַגונגען פֿון די אידען שטערען זיי צו אַרבײַטען אין שבתים און עסען טריפֿה, ער רעדט וועגען דער אונגערעכֿטיגקײַט פֿון דעם 300-רובעלדיגען שטראָף, רעכֿענט אויס נאָך אונגערעכֿטיגקײַטען, וואָס נויטען די אידען צו בעהאַלטען זיך פֿון פּריזיוו, מאַכֿען זיך פֿעהלערן און ד. גל. איז וואָס געשעהן? ווי האָט זיך בעצויגען צו אָט דעם עטוואָס פֿערמאַסקירטען אַנטיסעמיטישען שפּיצעל דער אָקטאָבריסטישער צענטר? די פֿאָרשטעהער פֿון׳ם קריגס-מיניסטעריום זענען געבליבען שטום, ווי די פֿיש, און די אָקטאָבריסטען, וואָס האָבען קענטיג אויסגעטײַטשט אָט דאָס שווײַגען אַלס הסכמה, האָבען אויסגעדריקט זייער פּרינציפּיעלען מיטפֿיהל קרופּענסקי׳ס פֿאָרלאַגע. אין קאָמיסיע האָבען זיי זי פֿערוואָרפֿען נור צוליב רײַן פֿאָרמעלע אורזאַכֿען, ווײַל די קאָמיסיע, פֿערשטעהט איהר מיך, האָט נור אַ מיליטער-טעכֿנישע קאָמפּעטענץ און ניט קײַן פּאָליטישע.

מיר מיינען, עס איז גענוג אָט די פּאָר פֿאַקטען אום זיך צו איבערצײַגען, אַז אין דעם געביט פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע און פֿון דער אידישער איבערהויפּט איז אין עצם ניטאָ קײַן הילוק צווישען די אָקטאָבריסטען און די רעכֿטע. און דערום וועט עס זײַן לעכֿערליך צו האָפֿען, אַז די דריטע דומע וועט אויסבעסערען די אידישע פֿראַגע, זאָגאַר טײַלווײַז, אַז זי וועט וויפֿיעל ניט איז ערנסט פּרובֿען פֿערלײַכֿטערן דעם דרוק פֿון רעכֿטלאָזיגקײַט. קודם כל וויל עס ניט די רעגירונג. זי וועט זיך ניט דערוואַגען עטוואָס צו פֿערגרינגערן די נאַציאָנאַלע רעפּרעסיעס שוין נור צוליב דעם, וואָס אַזאַ פּאָליטיק וואָלט געגעבען אַ צו גרויסען קאָזיר יענע זעהר הויכֿע ספֿערען, וואָס גראָבען זיך אָהן אויפֿהער אונטער דעם אייגענאַרטיגען רוסישען קאָנסטיטוציאָנאַליזם, וועלכֿען ס׳פֿערטיידיגט סטאָליפּין: יענע ספֿערען, פֿאַר וועלכֿע די אונטערדריקונג פֿון די „אָקראַאינעס“, די פֿערפֿאָלגונג פֿון די אינאָראָדצעס איז ווי ביי דער גאַנצער ביוראָקראַטיע אַ צענטראַלער פּונקט, דער לעבעדיגסטער נערוו פֿון זייער אינערליכֿער פּאָליטיק. און דער אָקטאָבריסטישער פֿיהרער גוטשקאָוו האָט פֿון זײַן זײַט קלאָר ערקלערט: „אין דער אידענפֿראַגע וועלען מיר ניט געהן ווײַטער פֿון דער רעגירונג“. און ס׳איז פֿערשטענדליך, אַז אַפֿילו די אַמ׳מעהרסטען לינקע אָקטאָבריסטען, וואָס ווילען עטוואָס פֿערשמירען דעם ווידערשפּרוך צווישען זייערע

מעשים און די פֿראַגען וועגען מיטפֿיהל די אונטערדריקטע נאַציאָנען, זענען גענויט צו געברויכען פֿערשידענע פֿאָקוסען, וואָס זאָלען בערעכטיגען אָט די שווייגען־פּאָליטיק. אָט, צ. ב., האָט ערקלערט דער ה׳ אַנרעפּ, אַז די נאַציאָנאַלע און יודענפֿראַגע פֿערדינען די פֿולע אויפֿמערקזאַמקייט, נור, פֿערשטעהט איהר מיך, מען דאַרף זיי לייזען פּרינציפּיעל. און דערוויַיל — בײַ דער בעטראַכטונג פֿון פֿערשידענע פּראָיעקטען, וועגען געוויסען־פֿרײַהײַט פֿרײַהײַט פֿון בעוועגונג — דאַרף אַלץ בלײַבען ווי געוועזען, די יודישע רעכטלאָזיגקײַט דאַרף פֿערבלײַבען.

די יודען האָבען ניט פֿון דער דריטער דומע צו וואַרטען אויף וועלכע ס׳איז פֿערבעסערונגען, ווי פֿריהער וועלען זיך פֿון דער דומע־טריבונע לאָזען הערען בעליידיגונגען פֿאַר אונזער מענשליכער און נאַציאָנאַלער עהרע, בײַ דעם אָבשוילינען הירזשען פֿון די רעכטע און אַ טייל צענטער און בײַ דעם איינשטימיגען שווייַגען פֿון די איבעריגע אָקטאָבריסטען; ווי פֿריהער, וועט די שוואַרץ־מאה׳דיגע דומע־מעהרהייט העלפֿען דער רעגירונג אין איהר אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק, וועט אײפֿריג נאָכקוקען אַז די פּאָליטיק זאָל ניט ווערען שוואַכער, וועט פֿאָדערן אַלץ נײַע און נײַע פֿערפֿאָלגונגען.

* *
*

פֿאַר וועלכערע טאַקטיק דאַרפֿען מיר זיך האַלטען בײַ די בעדינגונגען, וואָס זענען בעשאַפֿען געוואָרען דורך דער דומע פֿון 3־טען יוני?

קודם כל, דאַרף זײַן קלאָר יעדערען, וואָס האָט אַ גוטען זכרון און געזונדען קאָפּ, אַז דער שווערפּונקט פֿון די יודישע האָפֿנונגען און יענער פּראַקטישער אַרבײַט, וואָס איז נויטיג אום זיי צו פֿערווירקליכען, דאַרף זײַן איבערגעטראָגען פֿון דער דריטער דומע אויף אַנ׳אַנדער געביט, וואָס ליגט אויסער איהר, אין יענעם געביט פֿון אַרבײַט, וועלכע איז אמת רײַך אין קרבנות און יסורים, וועלכע איז דאָך נור אַלײן בכח צו ברײנגען אונז אַ ווירקליכען נצחון, וועלכע האָט ביז אַהער צוגעגרייט די רוסלענדישע פֿרײַהײַטס־בעוועגונג. מיט די דומע־אילוזיעס דאַרף מען ענטשידען אָב׳פּטר׳ן. אויב איהר ווילט, זענען זיי שוין אפילו אין אַ געוויסער מאָס ניטאָ. צום בעדויערן אָבער האָט זיך די פֿערשטענדליכע גלײַכגילטיגקײַט

צו דער דומע פֿערוואַנדעלט אין אַ גלײַכגילטיגקײַט צו דער פּאָליטישער טעטיגקײַט בכלל. אָט דער אינדיפֿערענטיזם איז שוין אַזוי אויסגעוואַקסען, האָט אַזוי ברייט אַרומגעכאַפּט אײניגע נאָך גאָר ניט לאַנג פּראָגרעסיווע שיכטען פֿונ'ם יודענטום, — בתוכם כמעט דעם גאַנצען בעסערען טייל פֿון אונזער אינטעליגענץ, — דאָס ער האָט זיך פֿערוואַנדעלט אין אַ האַלב־שׂפּאָטישע, אויב ניט פּשוט אין אַ פֿײַנדליכע בעציהונג צו דער אַרבײַט פֿון די עקסט־לינקע פּאַרטייען; אַ בעציהונג, וואָס דערמאָהנט זעהר יענע פֿײַנדליכע געזעלשאַפֿטליכע אַטמאָספֿער, אין וועלכער ס'איז אויסגעקומען צו אַרבײַטען אינ'ם סוף פֿונ'ם פֿאָריגען אין אָנהויב פֿון הײַנטיגען יאָהרצעהנדליג בעת ס'האָבען זיך פֿערלייגט די גרונד־שטיינער פֿון דער בעפֿרײַאונגס־בעוועגונג.

אויף אָט דעם באָדען פֿון גלײַכגילטיגקײַט הויבט שוין אָן איבער אַ נײַעס צו בעווײַזען זיך די טאַקטיק פֿון אונזערע „פּני“, די פּאָליטיק פֿון הניפֿה און מה־יפֿית־זינגען, די פּאָליטיק פֿון שתדלנות און הינטער־טהיר. די אידענפֿראַגע מאַכט מען אָבהענגיג פֿון די אָדער יענע פֿערבינדונגען מיט די פּאָליטישע פּאַרטייען, פֿון די אָדער יענע געלונגענע מאַכינאַציעס אין די הויכע ספֿערען. דער קאַדעט ה' ניסעלאָוויטש זוכט, אום צו לעזען די אידענפֿראַגע, פּראָטעקציעס בײַ סטאָליפּינ'ען, וואָס ענטפֿערט איהם מיט דער שפּראַך פֿון פּלעווע, און בײַ די ווירקונגספֿולע פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס ענטפֿערן קאַטעגאָריש: ניין, זאָגענדיג עס אָפֿען אָדער האַלב־פֿערבאָרגען. דער ה' ניסעלאָוויטש, וועלכען מ'האָט געגעבען דאָס וואָרט, אַלס „אײנציגען פֿאָרשטעהער פֿון דעם יודישען פֿאָלק“, האַלט אַ רעדע, וואָס איז לויט איהר טעלער־לעקערישען און געמײנעם טאָן אַבשײַליך, אַזוי ווי ענטשולדיגט זיך פֿאַר די רעכטע, וואָס אַ טייל פֿון דעם יודענטום האָט אַנטייל גענומען אין דער בעפֿרײַאונגס־בעוועגונג און אין געגענטייל, — ווי ער אַליין דריקט זיך אויס, — „צו די פֿאָרשטעהער פֿון אַנדערע נאַציאָנען“ (פּוילען, מוסולמאַנער און ליטאָווצעס), וואָס האָבען געבעטען בײַ דער דומע די ערלויבניש צו האָבען אײגענע שולען, ערקלערט ער, ניסעלאָוויטש, דאָס „מיר יודען בעטען ניט, איהר זאָלט אינז געבען אונזער אײגענע שול *).

---

*) אַזוי לייענען מיר אין דעם סטענאָגראַפֿישען בעריכט, וואָס דרוק זיך אין דער אָפֿיציעלער „ראָסיאַ“. נאָכדעם האָט ניסעלאָוויטש ערקלערט, אַז אין בעריכט איז דורכגעלאָזען דאָס וואָרט „דערוויל“, וואָס איז אין עצם כמעט אַלץ אײנס.

אַפֿילו „רעטש“, דער אָרגאַן פֿון זיין אייגענער פּאַרטיי, האָט צוגעקוועטש מיט די אַקסלען, וויסענדיג גאַנץ גוט, דאָס אַלע יודישע פּאָליטישע פּאַרטייען אין יודענטום שטעלען נעמליך אַרויס די פֿאָדערונג פֿון „אַנ'אייגענער נאַציאָנאַלער שול“.

אָבער אין דעם אַרטיקעל אינטערעסירט אונז די פֿראַגע וועגען דער טאַקטיק אין דער דומע גופֿא און ניט אויסער איהר. אין וואָס דאַרף זי זיך אויסדריקען?

וועגען דער פֿראַגע האָט „דער פֿריינד“ געמאַכט אַ אַנקעטע צווישען „די פּובליציסטען און פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטליכע טוער“. די אַנקעטע האָט זיך בענוגענט מיט צוויי פֿראַגען: — 1) צי מען דאַרף אַריינטראָגען אַ געזעצפּראָיעקט וועגען יודען אין דער דריטער דומע און 2) אויב יע, אין וואָס פֿאַר אַ מאָס דאַרפֿען מיר פֿאָדערן די פֿערברייטערונג פֿון אונזערע רעכט?

ענטפֿערן האָבען זיך בעקומען זעהר פֿערשידענע און פֿערפּלאָנטערטע. קיינער כמעט איז ניט אויף אַזוי פֿיעל אָפּטימיסטיש, אַז די 3־טע דומע וועט געבען גלייכבערעכטיגונג, דאָך גלויבט די מעהרהייט, אַז טיילווייזע אויסבעסערונגען, — צ. ב. די פֿערניכטונג פֿונ'ם „תחום“ — וועט זיך איינגעבען צו קריגען. צווישען די מאָטיווען געגען דאָס אַריינטראָגען פֿון אַ געזעצפּראָיעקט איז דער הויפּט־מאָטיוו אַזאַ, דאָס אויב די דומע וועט איהם פֿערוואַרפֿען, וועט עס סאַנקציאָנירען אין די אויגען פֿון דער בעפֿעלקערונג און פֿון גאַנץ אייראָפּאַ די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג. די רעגירונג וועט אַפֿילו קענען זאָגען, אַז זי וואָלט גערן פֿערלייכטערט די יודישע לאַגע, נור זי האָט מורא פֿאַר דער געזעלשאַפֿטליכער מיינונג, וואָס האָט זיך אין דער פּערזאָן פֿון דער דומע כלומרשט אַרויסגעזאָגט געגען פֿערבעסערונגען. אַנדערע וואָלטען ניט מורא געהאַט אויך פֿאַר אַ מפּלה, ווען די יודען וואָלטען אין דומע געהאַט אַזעלכע רעדנער, ווי לאַסאַל. אַפּולע האָבען אויך מורא פֿאַר דער אַנטיסעמיטישער דעמאָנסטראַציע, דער העסליכער העצע, וועלכע וועט זיך אויפֿהויבען אַרום דעם געזעצפּראָיעקט און וועלכע וועט קענען מיט דעם שאָדען, וואָס זי וועט ברענגען, איבערוועגען די ניצליכקייט פֿון אַ טיילווייזער הנחה. אייניגע ווידער האַלטען פֿאַר נויטיג אָבצוואַרטען מיט'ן געזעצפּראָיעקט אַ פּאָר יאָהר, ביזוואַנען ס'וועט זיך עטוואָס איינשטילען די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע שטימונג פֿון די רעכטע אין די דומע וועט ווערען אַביסעל לינקער.

צווישען די מאָטיווען, וואָס ווערען אַרויסגעשטעלט פֿאַר

דאָס אַרייַנטראָגען אַ געזעצפּראָיעקט, פֿערנעהמט דאָס צענטראַלע אָרט די האָפֿענונג, אַז ווי ניט איז וועט זיך דאָך עטוואָס אײַנגעבען צו בעקומען. יענע ביסעלע־דאָך, וואָס האַלטען פֿון דער האָפֿענונג ניט, זעהען איין אַ גוטען רעזולטאַט שוין נור אין דעם, וואָס „זעקס מיליאָנען יודען וועלען דערזעהן אַז פֿון דער 3־טער דומע איז ניטאָ וואָס צו ערוואַרטען און ס'איז ניטאָ צו רעכענען אויף די ברעקלעך פֿונ'ם ביוראָקראַטישען טיש“. פֿאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס מיינען, אַז דעם געזעצפּראָיעקט דאַרף מען אַרייַנטראָגען וואָס גיכער, כל זמן ביי די אָקטאָבריסטען האָט זיך נאָך אינגאַנצען ניט אויסגעוועבט דער גייסט פֿון דער בעפֿרייאונגס־בעוועגונג און זיי וועט דעריבער זיין שווער אָבצוזאָגען; שפּעטער וועלען זיי דאָך זיין שאַרף געגען יודישער גלייַכבערעכטיגונג. — לסוף, שטריכען אונטער אייניגע זעלטענע ענטפֿערן די אַגיטאַציאָנע בעדייטונג פֿון דעם, וואָס ס'וועט אויפֿגעהויבען ווערען די יודענפֿראַגע און ערוואַרטען פֿון די דעבאַטען אין דומע גוטע רעזולטאַטען אין דעם זין, וואָס זיי וועלען ליכטיגער מאַכען די רוסישע מאַסע און וועלען אַראָבריַיסען פֿון אונזערע פֿיַינד די שענע מאַסקעס, הינטער וועלכע זיי בעהאַלטען זיך.

בכלל דאַרף מען זאָגען, אַז די אַנקעטע האָט זיך ניט אײַנגעגעבען. און אונז דוכט זיך, אַז די הויפּט־אורזאַכע פֿון דעם איז די ניט ריכטיגקייט און ניט קלאָרקייט פֿון דער ערשטער גרונד־פֿראַגע.

ווירקליך. ווי זאָל מען פֿערשטעהן די פֿראַגע: „צי מען דאַרף אַרייַנטראָגען אַ געזעצפּראָיעקט וועגען יודען אין דער דריטער דומע?“ צי זאָל מען זי טייַטשען צ. ב. אַזוי: ביי די עקזיסטירענדע פֿערהעלטניסע פֿון די געזעלשאַפֿטליכע קרעפֿטען אין לאַנד, ביי דער איצטיגער צוזאַמענשטעלונג פֿון דער דומע, וועלכע איז אַ רעזולטאַט פֿון דעם געזעץ פֿון 3־טען יוני, וואָלט דאָס אַרייַנטראָגען פֿון אַ געזעצפּראָיעקט וועגען יודען, צוליב וואָס פֿאַר אַ אויסזיכטען דאָס זאָל ניט געשעהן, געווען אַ ריינע משוגעת, וואָלט דאָס אויך האָבען די זעלבע בעדייטונג — ווי איינער האָט זיך אויסגעדריקט, — ווי ווענדען זיך צו אַ קאַזיאָנעם רב מיט אַ בקשה צו בעפֿרייען פֿון אַקציז־אָבצאָהלונג? אַזוי האָבען עס טאַקע פֿערשטאַנען אייניגע, וואָס האָבען צוגעשיקט זייערע ענטפֿערן און האָבען מיט רעכט ערווידערט, אַז אויב אַזוי, איז ניט קאָנזעקווענט, פֿאַר וואָס עפּעס מעג מען אַרייַנטראָגען געזעצפּראָיעקטען וועגען אַנדערע וויכטיגע פֿראַגען, וואָס וועלען אויך געוויס האָ־

בען די מפלה, און פארוואס, אויב אזוי, איז מען בכלל געגאנגען אין דער דומע. אדער די אנקעטע האט מיט דער פראגע געוואלט זיך נור דערוויסען, צי מען דארף דעם געזעצפראיעקט אריינטראגען גלייך באלד, אדער מען דארף בעסער ביז וואנען וואס אבווארטען? מיר האבען געזעהן, אז אין די ענטפערן איז דא אויך אזא פערטייטשונג, און ווער ס'ראט צו מאכען דאס אונגעזאמט, און ווער — אבלעגען עס אויף א יאהר — דעם אנדערען.

אט די גאנצע פערפלאנטערטקייט אין דער שטעלונג פון דער פראגע ערקלערט זיך מיט דעם, וואס די מיינונגס-פערשידענהייטען, וועלכע זענען מעגליך און עקזיסטירען ווירקליך אין דער פראגע, ליגען גאר אויף א אנדער פלעכע.

דער תוך פון דער זאך איז ניט אין דעם, צי זאל מען יע אריינטראגען א געזעצפראיעקט וועגען דער יודען-פראגע אדער ניט — ווארום א פרינציפיעל בעניינענדער ענטפער וואלט בעדייטען דעם באיקאט פון דער דומע בכלל — א טאקטיק, ביי וועלכער ס'האלטען זיך ניט דערווייל אפילו די עקסט-לינקע. די זאך איז אין דעם, וואס פאר א אויפגאבען און ציעלען שטעלען מיר זיך אין און אויסער דער דומע, אריינטראגענדיג אזא געזעצפראיעקט. און דא — ווידער האלטען מיר — קענען זיין און זענען ווירקליך די וויכטיגע מיינונגס-פערשידענהייטען, אבהענגיג פון דעם, ווי מיר שאצען אב דעם איצטיגען פאליטישען מאמענט, וואס מיר לעבען איבער, און די פערספעקטיווען, וואס מיר בויען אויפ'ן גרונד פון די אבשאצונגען.

ווער, צ. ב., עס געפינט, אז די רעוואלוציע האט זיך געענדיגט און זי האט זיך געענדיגט מיט א נצחון; ווער עס זעהט איין אין דעם פאקט אליין וואס עס עקזיסטירט די 3-טע גאסוד. דומע, אז מיר האבען אמת א ארומגעשניטענע זאך, ניט קיין פאפירענע און א פעסטע קאנסטיטוציע, וועלכע איז פעהיג און דארף אונפערמיידליך זיך ווייטער פערברייטערן אונטער דער ווירקונג פון דער אייגענער אינוועניגסטער ענטוויקלונג, פאר יענעם ליגט דער שווערפונקט פון דאס אריינטראגען א געזעצפראיעקט פריהער פאר אל'ץ שוין אין דעם אליין וואס ס'ווערט בעשאפען די מעגליכקייט צו דערשלאגען זיך וועלכע ס'איז, כאטש קליינע, כאטש טיילווייזע אויסבעסערונגען. אלע איבעריגע השערות געהן ביסלעכווייז אב אויפ'ן לעצטען ארט*). דאן שטעהט אויפ'ן ער-

*) אזא טאקטיק ווערט אין א געוויסער מאס פעראורזאכט דורך דער

שטעהן פלאן די פראגע וועגען דער פראקטישער צוועקמעסיגקייט פון דעם אדער יענעם טריט; דאן איז פאר אונז פערשטענדליך די מיינונגס-פערשידענהייט אין דעם, צי זאל מען באלד אריינטראגען דעם פראיעקט אדער אבלעגען איהם אויף איינע פון די נאהענטע אדער שפעטערע סעסיעס; איז אונז אויך פערשטענדליך די צווייטע פראגע פון דער אנקעטע: „אין וואס פאר א מאס דארפען מיר פאדערן די פערברייטערונג פון אונזערע רעכט?“

אבער ס'עקזיסטירען אויך אנדערע מיינונגען אין דער פראגע, וואס זענען ראדיקאל געגענזעצליך די ערשטע. קיין קאנסטיטוציע איז ביי אונז אין דער ווירקליכקייט ניטא, ווייל ס'זענען ניטא קיינע גאראנטיעס. ס'איז דא נור א שטיקעל פאפיר, און די אויבערשטע מאכט, וואס קען — ווי דאס איז געווען אפען ערקלערט אין דער מיניסטארען-דעקלאראציע — דאס פאפירעל ארומשניידען, קען עס אויך אינגאנצען פערניכטען. די „געהארכזאמע“ דומע איז טאקע דערפאר געהארכזאם, איז טאקע נור א נייער ארגאן פון דער רעגירונג, ווייל קיין קאנסטיטוציע איז ניטא. די רעגירונג נויטיגט זיך נאך דערוויל אין דער דומע, האלט זי איהר, הגם זי האט פון איהר איינינע אינאנגענעהמליכקייטען. די נויטיגקייט וועט פערביינעהן — און וואס מעהר די בעפעלקערונג וועט אויף דער דומע האפען, אלץ אונניצליכער וועט זי ווערען, — וועט מען זי פאנאנדערלאזען, — פאנאנדערלאזען אויף תמיד. א אמת'ע ניט קיין פאפירענע קאנסטיטוציע דארף מען נאך ערקעמפפען. און פערשטעהט זיך, ניט דורך דער דומע. ווער ס'האלט זיך ביי אזא פאליטישער וועלט-אנשויאונג, פאר יענעם זענען אי די דומא, אי די געזעצגעבענדע טעטיגקייט וויכטיג נור, אלס געוועהר פון אגיטאציע צווישען די מאסען, וויכטיג, ווי א הויכע טריבונע, פון וועלכער מען קען און מען דארף ריידען צום פאלק וועגען אלץ, וואס ס'טוט זיך, ענטפלעקען פאר איהם דעם קלאסען-כאראקטער פון דער דומע-טעטיגקייט, ווייזען איהם דעם אמת'ען פנים פון דער רעגירונגס-פאליטיק. און וואס מעהר אמת'ע אגיטאציאנע ארבייט, וואס געהט ארויס פון דעם שטאנדפונקט, וועט זיין געריכטעט אין דעם זייט פון פאלק, אלץ גיכער, אמת, וועלען זיך פערשטארקען די שאנסען פון פערנאנדערטרייבען די דומע, אבער דערפאר ביז

איינענער אינוועניגסטער לאגיק פון דעם פארלאמענטאריזם און דער היינטיגער בירושואזער מלוכה; אבער אזא טאקטיק ווידערשפרעכט אין גרונד דעם סאציאלדעמאקראטישען שטאנדפונקט.

חאַנען זי וועט בלייבען, וועלען אַלץ השובֿער און בעדייטענדער זיין די פּראַקטישע הנהות אויף וועלכע ס'וועט מסכים זיין די רעגירונג און די איהר געהאָרכזאַמע דומע־מעהרהייט.

דאָס אַלץ בעציהט זיך אין גלייכער מאָס אויף דער אידענפֿראַגע און, אַזוי ווי מיר האַלטען זיך אויך ביי די פּאָליטישע מיינונגען, איז שוין במילא אויך קענטיג אונזער ענטפֿער אויף דער פֿראַגע פֿון דער אַנקעטע.

ס'איז נויטיג אַריינצוטראָגען אַ געזעצפּראָיעקט וועגען יידען צוליב אַגיטאַציאָנס־אויסזיכטען און, פֿערשטעהט זיך, אין דער פֿולער מאָס. מ'דאַרף אַרויסשטעלען די פֿאָדערונג ניט נור פֿון בירגערליכער גלייכבערעכטיגונג, נור אויך פֿון נאַציאָנאַלער (די שפּראַך, שולען א. אַז. וו.). און אַוועקשטעלען די פֿראַגע דאַרף מען זעלבשטענדיג, ניט אַריינ'גנבֿה'דיג איהם בעהאַלטענערהייט דורך אַהעלכען ס'איז אַלגעמיינעם געזעצפּראָיעקט. דאָס וואָלט געווען אַ פּאָליטישער טעות, ווייל דאָס וואָלט אינגאַנצען פֿערקלענערט די אַגיטאַציאָנע בעדייטונג פֿון די דעבאַטען, וואָלט פֿערנישטווירדיגט דאָס, וואָס דאַרף איבערהויפּט קלאָר ווערען פֿאַר דער בעפֿעלקערונג — די גאַנצע נאַציאָנאַלע און אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פֿונ'ם אַלטען רעזשים.

אויב אַפּילו די דומע וועט פֿערוואַרפֿען דעם געזעץ־פּראָיעקט און וועט ניט פֿערלאַנגען זאָגאַר איבערגעבען איהם אין אַ קאָמיסיע, וועט עס דאָך קיין שאָדען אַלענפֿאַלס ניט בריינגען, ווייל די סאַנקציע פֿון דער רעגירונגס־פּאָליטיק אין דער נאַציאָנאַל־פֿראַגע איז געגעבען דורך דער דומע שוין מיט דעם אַליין, וואָס די מעהרהייט האָט ניט נור ניט פּראָטעסטירט געגען די רעפּרעסיעס, נור האָט ביי יעדען גינסטיגען פֿאַל אַרויסגעזאָגט אויך איהר הסכמה. און אויב איהר ווילט, אַז די דומע זאָל ניט פֿערוואַרפֿען אַזוי גראָב אייער געזעצפּראָיעקט, פֿערשטאַרקט אייער אַרבייט אויסער דער דומע, — זאָל די דומע־מעהרהייט און די רעגירונג דערפֿיהלען אָט דעם אויסערליכען דרוק. אָבער אויך היץ אַ געזעצפּראָיעקט איז נויטיג ביי יעדען פֿאַל — און אַזעלכע טרעפֿען דאָך די שוואַרצמאה'ניקעס גאַנץ אָפֿט — צו האָבען אין זינען אָט די אַגיטאַציאָנע צוועקען.

מען טאָר ניט שווייגען, אָבער די רעדעס דאַרפֿען טראָגען אַ כאַראַקטער ניט פֿון פֿערטיידיגונג, נור פֿון אָנגרייפֿען. מען דאַרף אָנפֿאַלען און ניט פֿערטיידיגען זיך.

* *

*

אַזאַ אויסגעהאַלטענער ריין־דעמאָקראַטישער טאַקטיק האָבען מיר ניט צו ערוואַרטען פון די יודיש־קאַדעטישע דעפּוטאַטען. זיי קענען זיך ווענדען נור „אַרויף“ צו דער רעגירונג און די פּאַרטייען, וואָס האַלטען זיי אונטער*). דעריבער קען זייער שפּראַך זיין נור די שפּראַך פון אַ שקלאַף, די שפּראַך פון געטטאָ.

מיר קענען און דאַרפען ערוואַרטען אַזאַ טאַקטיק, אַזעלכע דרייסטע און ענטשידענע טריט נור פון דער סאָצ.־דעמאָקראַטישער פראַקציע. מיר דאַרפען, ס'איז אָבער נויטיג גלייך צוצוגעבען, אַז ביז אַהער האָט זי אונזערע האָפנונגען ניט ערפילט. מיט אַ טיעפען בעדויערן זענען מיר גענויט פעסטצושטעלען, דאָס אין דעם געביט פון דער אידענפראַגע האָט די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פראַקציע אַרויסגעוויזען אַזאַ בעציהונג, וועלכע ס'קומט אויס אָנצורופען, ווי מעהר אַלס אַ אינאויפמערקזאַמע, זאָגאַר אַ נאַכלעסיגע. אַזוי איז עס געווען אין דער צווייטער דומע, אַזוי איז עס אויך אין דער דריטער. אין צערעטעלי'ס דעקלאַראַציע איז ניט געווען קיין איין וואָרט וועגען דעם נאַציאָנאַלען דרוק, וועגען דער נאַציאָנאַלער רעכטלאָזיגקייט. די גלענצענדע רעדע וועגען ביודזשעט פון אַלעקסינסקי, וואָס האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלען ערפאָלג, האָט מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט וועגען דעם נאַציאָנאַלען יאָך בכלל און דער אידישער רעכטלאָזיגקייט בפרט, הגם פאַר איהם האָט גערעדט דער מיניסטער קאָקאָווצעוו, וועלכער האָט געוואָרפען די פראַגע „וועגען דעם כלומרשטען נאַציאָנאַלען דרוק“. און אין דער דריטער דומע פערגעסט ווידער אויך. דער סאָצ.־דעמ. פּאָקראָווסקי צו דערמאָנען אין דער דעקלאַראַציע וואָס איז דאָך געווען דורכגעטראַכט און אויסגעאַרבייט פון פריהער, וועגען דעם זעלבען נאַציאָנאַלען דרוק און רעכטלאָזיגקייט. און ענדליך ניט לאַנג, בעת די דעבאַטען איבערן ביודזשעט פון מיניסטעריום פון פאָלקסבילדונג, ווען אפילו די אָקטאָבריסטען זענען געווען איין מאָמענט אין דער ראָל פון אַ ערנסטער אָפּאָזיציע, האַלט דער דעפּוטאַט אַ לאַנגע רעדע און אין איהר זענען בוכשטעבליך נור איינינגע שורות געווידמעט דער פּראָצענטען־בע-

---

*) אַפילו דער בורזשואַזער „פריינד“ וואַרט איצט גאָרניט פון די קאַדעטען; „ניט פון דער פּאַרטיי, וואָס סטאַרעט זיך דורכאויס צו געבען די רעכטע א פתחון פה צו בעשילדיגען זיי אין יודענפריינדשאַפט, קען מען זיך רכר טען, אַז זי זאַל אקטיוו און אָפען אַרויסטרעטען מכח דער יודענפראַגע“, „דער פריינד“ № 82.

גרענעצונג פֿאַר דער יודישער יוגענד. קיין איין וואָרט וועגען דעם, וואָס אויך אין דעם יודישען פֿאָלק לעבט דאָס שטרעבען צו אַ אייגענער שול, צו דער ענטוויקלונג פֿון אַ אייגענער קולטור; קיין איין וואָרט וועגען דעם, אַז די רעגירונג איז פֿערפֿליכטעט צו גאַראַנטירען די יודען אַ אייגענע שול מיט דעם למוד אויף דער אייגענער שפּראַך; קיין וואונק וועגען די אונענדליכע פֿערפֿאָלגונגען פֿון דער יודישער שפּראַך, וועגען די פֿערוועהרונג צו לייענען אויף איהם לעקציעס, רעדען אויף פֿערזאַמלונגען (אפילו פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען), איינאָרדנען קורסען און אַז. וו. און ווען די פֿאָרשטעהער פֿון דעם פּוילישען קאָלאָ האָבען אַרויסגעשטעלט זייער פֿאָדערונג פֿון אַ נאַציאָנאַלער שול, האָט בעלאָאוסאָוו פֿערגעסען צו דערמאָנען אָט די העררן, אַז ביי זיך אין פּוילען ווילען זיי שאַפֿען דעם זעלבען נאַציאָנאַלען דרוק, פֿאַר וועלכען זיי וואַרפֿען זייערע דונערן און בליצען דער רוסישער רעגירונג. ער האָט געדאַרפֿט ברענגען די ווערטער פֿון זייער אָנפֿיהרער דמאָווסקי*). אָט וואָס ער האָט געזאָגט, לויט ווי עס גיט איבער די „רעטש“: „מיר האַלטען ניט די יודען פֿאַר אַ פֿאָלק. וואָס איז עס פֿאַר פֿאָלק, וועלכעס האָט ניט קיין אייגענע טעריטאָריע און קיין אייגענע שפּראַך. די נאַראָדאָווצעס ווילען קיין יודישע שול ניט געבען, ווייל זיי האַלטען ניט זשאַרגאָן פֿאַר אַ שפּראַך“.

אָט די אַלע פֿעהלערן און פֿערגעסענהייט פֿון דער ס.-ד. פֿראַקציע זענען מעהר ווי פֿערדריסליך. זיי זענען געפֿעהרליך, ווייל זיי גיבען אַ שטאַרקעס געוועהר אין די הענד פֿון די נאַציאָנאַליסטישע און שאָוויניסטישע פּאַרטייען. מיר פֿערשטעהען, אייגענטליך, אַז די גרונד-סיבה פֿון אָט דער נאַכלעסיגקייט איז דאָס, וואָס אין דער פֿראַקציע איז ניטאָ קיין אונמיטעלבאַרער פֿאָרשטעהער, קיין דעלעגאַט פֿון יודישען פּראָלעטאַריאַט. אָבער אָט דער טרויעריגער פֿאַקט האָט נור געדאַרפֿט נאָך מעהר פֿערפֿליכטען די פֿראַקציע אָפּצוהיטען זיינע אינטערעסען, וואָס ענערגישער און וואַלזאַמער צו רעאַגירען אויף די אַנטיסעמיטישע שפּיצלעך און העצעס פֿון דער דומע-מעהרהייט.

מיר אַנערקענען אויך, אַז עס איז דאָ אַ גאַנצע רייהע אָביעק-

---

*) דער זעלבער הערר, וואָס האָט אויף אַ פּאָרוואַהל-פֿערזאַמלונג אין וואַרשוי געדראָהט די יודען מיט אַ פּאָגראָם, אויב זיי וועלען ניט שטימען פֿאַר די נאַראָדאָווצעס.

טיווע בעדינגונגען, וואָס מאַכען פּיעל שוואַכער די אַרבײַט פֿון דער סאָצ.-דעמ. פראַקציע אין דער דומע. און דאָך קענען מיר ניט נעהמען צוריק אונזער פאָרוואורף אין אונאויפמערקזאַמקײַט און נאַכלעסיגקײַט נאָכדעם, ווי אין לאָנדאָן איז דער פראַקציע געגעבען געוואָרען אַ ספּעציעלע דירעקטיוו — צו ווענדען זייער בעזונדער אויפמערקזאַמקײַט אין דער דומע אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

מיר ווילען האָפען, אַז מעהר וועט אונז ניט אויסקומען צו מאַכען דער פראַקציע אַזעלכע פאָרוואורפען, מיר האָפען, אַז די יודישע אַרבײַטער וועט ניט אויסקומען אַרויסצוטרעטען מיט אַ ענערגישען פראָטעסט געגען איהר אויפפיהרונג אין דעם געביט פֿון דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

ב. איגאָרעוו.

# די אייראָפּייאישע רעאַקציע אין די 50־ער יאָהרען.

## די דיקטאטור פון נאפאלעאן דעם III.

### 1.

די עפּאָכע פֿון דער פֿערציגער רעאַקציע, וואָס מיר לעבען איצט איבער, איז אין געוויסע פּרטים ענהליך צום פּעריאָד פֿון די קאָנטר־רעוואָלוציעס, וואָס ס'האָבען זיך אָנגעהויבען נאָך דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע און בעזאָנדערס נאָך די רעוואָלוציאָנערע שטורעמס פֿון 48־טען יאָהר. די רעוואָלוציע פֿון 48־טען יאָהר, צוליעב דער ראָליע, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט אין זיי געשפּילט, האָט פֿאַר אונז אַ בעזונדערס וויכטיגע בעדייטונג, און יענע רעאַקציע, וואָס האָט זיך נאָך זיי אָנגעהויבען, יענע צושלאָגענע האָפֿענונגען, די אַפּאַטיע און די פּאָליטישע גלייכגילטיגקייט, וואָס האָבען בעהערשט די מאַסען, זענען אונז בעזאָנדערס נאָהענט און פֿערשטענדליך. די בעקאַנטשאַפֿט מיט די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און פּסיכאָלאָגישע ערשיינונגען, וואָס כאַראַקטעריזירען יענע עפּאָכע, ווי אויך מיט יענע בעדינגונגען, וועלכע האָבען אין יעדער לאַנד אַרויסגערופֿען אַ נייעם אויפשוואונג פֿון דער מאַסען־בעוועגונג, האָט דעריבער פֿאַר אונז אַ מורא'דיגען ניט נאָר טעאָרעטישען, נאָך אויך פּראַקטישען אינטערעס, ווי אַ געוויסע פֿאָרשטעלונג פֿון דעם, וואָס מיר קענען ערוואַרטען אין דער נאָהענטסטער צוקונפֿט. מ'דאַרף געדענקען, אַז ווי פֿערשידען ס'זאָלען ניט זיין די רעוואָלוציעס לויט די אורזאַכען, וואָס האָבען אַרויסגערופֿען זייער אָנפֿאַנג און ענדע, און לויט די פּאָליטישע און סאָציאַלע בעדינגונגען, אין וועלכע זיי האָבען זיך אָבגעשפּיעלט, בעזיצען זיי דאָך געמיינזאַמע פּסיכאָלאָגישע שטריכען, וועלכע דריקען זיך אויס אין דעם, וואָס עס בייטען

זיך רעגעלמעסיג די געהויבענע רעוואָלוציאָנערע שטימונג, איהר פאַלען נאָך דער מפלה און אַ נייער אויפשוואונג.

אין דיזער הינזיכט איז בעזונדערס אינטערעסאַנט די קאָנטר-רעוואָלוציע אין פראַנקרייך, אין נאַפּאָלעאָן דער 3-טענס צייטען, אין דעם משך פון יענע 20 יאָהר, ווען דער פראַנצויזישער פאָלק, וואָס האָט איבערגעלעבט דריי רעוואָלוציעס, האָט אַריבערגעטראָגען דעם שענדליכען יאָך פון אַ באַנדע אַוואַנטיוריסטען, וועלכע האָבען פערכאַפּט די מאַכט אין דער פינסטערער דעצעמבער נאַכט פון יאָהר 1851.

דעריבער האָט אַ בעזונדער אינטערעס, פון דעם שטאַנדפונקט, וואָס אינטערעסירט אונז דאָ, די עפּאָכע פון נאַפּאָלעאָנס דיקטאַטור. אַ נייעם רייכען מאַטעריאַל אויך צו שטודירען די דאָזיגע עפּאָכע גיט די ניט לאַנג ערשינענע אונטער דער רעדאַקציע פון זשאָרעס „די געשיכטע פון דער צווייטער אימפּעריע" פון דעם פראַנצויזישען סאָציאַליסט אַלבער טאָם און אויך די ערפאָרשונג פון דעם רוסיש-פראַנצויזישען געלעהרטען אי. טשערנאָוו וועגען די רעפּובליקאַנישע פּאַרטייען אין דער צייט פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען און וועגען די געהיימע פעראיינען און חברות, וואָס זענען אויפגעקומען אין דער צייט. ווען ער איז נאָך געווען אַ פּרעזידענט, אין 49 און 50 יאָהרען. מיר געהען איצט איבער צו דער דאָזיגער עפּאָכע.

## 2.

די אורזאַכען און די מעגליכקייט פון דער דעצעמבער-איבערקעהרעניש, ד. ה. פון צוטרייבען די געזעצגעבענדע פערזאַמלונג, די אָבשאַפונג פון דער רעפּובליקאַנישער קאָנסטיטוציע, און דאָס פערכאַפּען די מאַכט דורך נאַפּאָלעאָן דעם 3-טען, זענען אַזוי פאָלשטענדיג און קלאָר געשילדערט פון מאַרקס'ן אין זיין קלאַסישער ווערק „דער 18-טער ברומער פון לואי באָנאַפּאַרט", אַז דערויף איז ניט מעהר נויטיג זיך לאַנג אָבצושטעלען. דעריבער וועלען מיר בלויז דערמאָהנען, אַז די קאָנטר-רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַ צייט פריהער פאַר דעם 2-טען דעצעמבער, אַז בעת באָנאַפּאַרט איז נאָך געווען פּרעזידענט, האָט די גאַנצע אַדמיניסטראַציע, פון די מיניסטאָרען ביז'ן לעצטען פּאָליציי-בעאַמטען, געאַרבייט לטובה פון זיינע אינטערעסען און האָט צוגעגרייט די בעדינגונגען פון זיין נצחון, און אַז פון דער צווייטער זייט איז אין דעם אויפרוף וועגען דער מלוכה-איבערקעהרעניש פּראָקלאַמירט געוואָרען דאָס אַלגעמיינע

וואַהל-רעכט, וועלכעס איז אָבגענומען געוואָרען ביים פֿאָלק דורך דעם בורזשואַזען פּאַרלאַמענט. דאָס איז געווען פֿון נאַפּאָלעאָנ'ס זייט אַ געשיקטער שריט, וועלכער האָט איהם געדאַרפֿט קויפֿען אַ שם פֿון אַ דעמאָקראַט, דערביי האָט ער דערפֿון אַליין גאָרנישט פֿערלאָרען, ווייל ביי דער אָנגעשראָקענהייט פֿון דער בעפֿעלקערונג און ביי געוויסע פּאָליציייאישע מיטלען האָט דאָס אַלגעמיינע וואַהל-רעכט געדאַרפֿט פֿערוואַנדעלט ווערען אין אַ הייליגע פֿיקציע. פֿונדעסטוועגען האָט דאָס פֿאָלק אַרויסגעוויזען אַ ווידערשטאַנד, אויף וועלכען באָנאַפּאַרט און זיינע מיטהעלפֿער האָבען זיך ניט געריכט. דעם 3-טען דעצעמבער האָט זיך אָנגעהויבען אַנ'אויפֿשטאַנד אין פּאַריז, און אין די אַרבייטער-קוואַרטאַלען האָט מען געבויט באַריקאַדען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די אַרבייטער זענען אָבגעשוואַכט געווען פֿון דער שרעקליכער הריגה אין יוני 1848. אין די פֿאָלגענדע טעג האָט אויסגעבראָכען אַ רייהע אויפֿשטאַנדען אין דער פּראָווינץ און אפֿילו צווישען די פּויערים, אויף וועלכע נאַפּאָלעאָן האָט הויפּטזעכליך געבויט. די אַלע אויפֿשטאַנדען זענען דערשטיקט געוואָרען מיט אַ שרעקליכער אַכזריות. פּאַריז איז אָבגעגעבען געוואָרען אין די הענד פֿון די פֿערגרעבטע פֿער'שכור'טע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען געשאָסען אין זייטיגען פֿריעדליכען עולם. צושאָסען אַלע אַרבייטער, אויף וועלכע ס'איז ביי זיי געפֿאַלען אַ השד און אַרויפֿגעוואָרפֿען אַ פּחד אויף דער גאַנצער בעפֿעלקערונג. דער אויפֿשטאַנד האָט זיך ניט געקענט איינגעבען, הגם אויף צו פֿערטיידיגען די רעפּובליק, וועלכע איז פֿאַר זיי געווען אַ שטיפֿמוטער, האָבען זיך אויפֿגעהויבען אַלע בעוואוסטזיניגע אַרבייטער; זיי האָבען אָבער ניט געקענט ציהען נאָך זיך די מאַסע פֿון די רוהיגע אָדער וועניג בעוואוסטזיניגע אַרבייטער, וועלכע און נור וועלכע עס בעשטימען דעם גורל פֿון אַנ'אויפֿשטאַנד; ביי דער דאָזיגער מאַסע האָט די בורזשואַזע רעפּובליק אָבגעצאַפּט אַ סך בלוט, אַוועקגעריבט אַלע האָפֿנונגען און האָט זי געבראַכט צו אַ פֿערבייסענעם שטילשווייגען. באָנאַפּאַרט, וועלכער האָט געחלומ'ט וועגען אַ דעמאָקראַטישען קעניגרייך, וועגען דער ליעבע פֿון נידעריגע קלאַסען צו איהם, האָט אָנגעהויבען פֿון אַ בלוט-באָד. אין צוויי און דרייסיג ד'עפּאַרטאַמענטען איז ערקלערט געוואָרען בעלאַגערונגס-צושטאַנד. אַלע, וועמען מ'האָט פֿערנומען מיט געהעדר אין האַנד, האָט מען תיכף דערשאָסען, צעהנדליגער טויזענדער זענען אַרעסטירט געוואָרען און אין אַ משך פֿון עטליכע מאָנאַטען פֿערשיקט געוואָרען אין קאַטאָרגע, פֿערטריבען אָדער אָבגעגעבען גע-

ווארען אונטער דער פּאָליציי־אישער השגחה. עס זענען געגרינדעט געוואָרען ספּעציעלע „געמישטע קאָמיסיעס“, וואָס זענען בעשטאַנען פֿון אַ פּראָקוראָר־פּרעפֿעקט (פּאָליציי־מײַסטער) און אַ גענעראַל, וועלכע האָבען געשפּיעלט די ראָליע פֿון ריכטער. דער דאָזיגער „געריכט“ איז פֿאָרגעקומען בײַ פֿערמאַכטע טירען, אָהן עדות און פֿערטיידיגער, און האָט פֿערענדיגט דאָס, וואָס ס׳האָט ניט אויסגעפֿיעט צו טהאָן די אַדמיניסטראַטיווע אַכזריות. מענשען פֿלעגען פֿערשיקט ווערען אויף קאַטאָרגע אָהן שום חקירה ודרישה, בלויז אויפֿ׳ן הוילען קוק, נאָכ׳ן אײַנדרוק, וואָס זיי האָבען געמאַכט אויף די „שופֿטים“, דערבײַ איז קיינער כמעט ניט אַרויס ריין, דגם אַ גרויסע מעהרהייט האָט, ווי די ריכטער אַליין האָבען מודה געווען, קיין שום מגע ומשא ניט געהאַט מיט פּאָליטיק. דאָס גאַנצע לאַנד איז — ווי ס׳דריקט זיך אויס די בעריהמטע שרײַבערין זשאָרזש זאַנד — צוטיילט געוואָרען אויף צוויי מחנות, פֿון וועלכע איינע פֿלעגט מסר׳ן אויף דער צווייטער. בלויז אין איין קרײַז זענען 60.000 רעפּובּליקאַנער בעשולדיגט געווען אין געהערען צו געהיימע חברות. אַזאַ מאַסע צו פֿערשיקען איז אונמעגליך געווען, נאָר מעהר ווי צוויי טויזענד האָט מען פֿערשיקט. די „התמדה פֿון דער מאַכט“, — זאָגט איינער אַ היסטאָריק פֿון יענער עפּאָכע, — „איז געווען אַזאַ, אַז אין איין קופּע פֿלעגט מען פֿערכאַפּען אויך באָנאַפּאַרטיסטען, דעמאָלסדיגע פּראַנצויזישע שוואַרצע־מאה׳ניקעס, און די פּרעפֿעקטען פֿלעגט אויסקומען צו פֿערענטפֿערן זיך פֿאַר׳ן אינערן־מיניסטר. ס׳איז, פֿערשטעהט זיך, איבעריג צו זאָגען, אַז מ׳האָט פֿערמאַכט אַלע אַרבּייטער־פֿעראיינען און חברות, וועלכע זענען גאַנץ געבליבען פֿון די רדיפֿות פֿון דער בורזשואַזער רעפּובּליק, און אויך די גאַנצע אָפּאָזיציאָנעלע פּרעסע. און אָט בײַ אַזעלכע בעדינגונגען מאַכט נאַפּאָלעאָן אַ פּלעביסציט (אַלגעמיינע פֿאָלקס־אָבּשטימונג), וועלכער דאַרף זאָגען אמן אויף דער געמאַכטער מלוכה־איבערקעהרעניש. קיין חידוש, אַז פֿון 8 מיליאָן אָבּגעגעבענע שטימען האָט מעהר ווי 7 מיליאָן זיך אַרויסגעזאָגט אַזוי, ווי דאָס איז ניחה געווען נאַפּאָלעאָנען, ווײַל די פּאָליציי פֿלעגט אַרעסטירען אפֿילו פֿאַר דאָס פּשוט׳ע אָבּהאַלטען זיך פֿון צו שטימען. נאָך אַזאַ „מאָראַלישער“ סאַנקציע פֿון דער איבערקעהרעניש איז ערקלערט געוואָרען אַ נײַע „קאָנסטיטוציע“: אַ מלוכה־ראַט, בעשטימט פֿון נאַפּאָלעאָנען אויף „צוצוגרייטען“ געזעצען, און אַ געזעצגעבענדע אײַנריכטונג, וועלכע ווערט אויסגעקליבען דורך אַן׳אַלגעמיינער אָבּשטימונג, האָט אָבער דאָס רעכט בלויז אַרומצוטראַכטען און אָבּשטימען די פּראָיעקטען פֿון דער רעגירונג,

דערצו נאָך בײַ פֿערמאַכטע טירען און מיט אַ פּאָרזיצענדען, בעשטימט דורך נאַפּאָלעאָנען. נאָכדעם, אײדער ס'האָט זיך געעפֿענט דער דאָזיגער פּופּען־„פּאַרלאַמענט“ האָט זיך אָנגעהויבען אַ פֿיבערהאַפֿטע געזעצגעבענדע טהעטיגקײַט פֿון דעם נײַעם מושל פֿון פֿראַנקרײַך, אַ שטײַגער ווי בײַ אונז אויפ'ן סמך פֿון דעם 87 אַרט *). ס'איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ נײַער אכזריות'דיגער געזעץ וועגען דער פּרעסע, וועלכער האָט געפֿאָדערט פֿון די הערויסגעבער ערבות און געגעבען דאָס רעכט דער אַדמיניסטראַציע מתרה צו זײַן די צײַטונגען און פֿערמאַכען זיי נאָך דער דריטער התראה. ס'איז אָבגענומען געוואָרען די אויטאָנאָמיע פֿון די אוניווערזיטעטען. זעהר גרויסע פֿאָלמאַכטען זענען געגעבען געוואָרען דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע צו פֿערווערען דעם האַנדעל און יעדע געזעלשאַפֿטליכע טהעטיגקײַט יענע פּערזאָנען, אויף וועלכע ס'וועט פֿאַלען אַ חשד, אַז זיי פֿיהלען ניט מיט דער נײַער רעגירונג. און ועל כולם האָט מען מאַסענווײַז ענטזאַגט פֿון די שטעלעס די „פֿערדעכטיגע“ בעאַמטע. אין דעם סאַמע קאָך פֿון דאָזיגער „בערוהיגענדער“ אַרבײַט, אין פֿעברואַר 1852 זענען בעשטימט געוואָרען די וואַהלען אין דער געזעצגעבענדער אײנריכטונג. די וואַהלען זענען געגאַנגען אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿון דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע; אומעדום זענען בעשטימט געוואָרען אָפֿיציעלע, ד. ה. פֿון דער רעגירונג אַרויסגעשטעלטע קאַנדידאַטען. לויט דער „קאָנסטיטוציע“ זענען פֿערבאָטען געוואָרען פֿאָרוואַהל־פֿערזאַמלונגען. די רעגירונגס־בעאַמטע האָבען געפֿיהרט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע. אַלע פּאָרזיכטס־מיטלען זענען אָנגענומען געוואָרען, כדי דאָס אַלגעמײנע וואַהלרעכט זאָל זיך פֿערוואַנדלען אין אַ אונשעדליכען שפּיעל. און ועל כולם, כדי צו פֿערוואָרענען זיך פֿון רעפּובליקאַנער, האָט מען אײנגעפֿיהרט פֿאַר די דעפּוטאַטען אַ שבועה פֿון טרײַהײַט צו נאַפּאָלעאָנען. און די רעפּובליקאַנער האָבען טאַקי בעשלאָסען צו באָיקאָטירען די וואַהלען, רעכענדיג, אַז הען זיי זאָלען זיך יע בעטײליגען, וועט עס האָבען אַ פּנים, ווי זיי וואָלטען געגעבען זייער הסכם אויף דער פֿאָרגעקומענער איבערקעהרעניש. און ווען, ניט קוקענדיג אויף די אַלע מיטלען, זענען אין צווײ גרעסטע צענטרען פֿון דער דעמאָקראַטיע, אין פּאַריז און ליאָן, דאָך דורכגעגאַנגען דרײַ בורזשואַזע רעפּובליקאַנער, האָבען זיי זיך

---

*) לויט אַרט. 87 פֿון אונזערע גרונדגעזעצען האָט די רעגירונג דאָס רעכט אַרויסצוגעבען געזעצען אָהן דער דומע אין דער צײַט, ווען די דומע פֿונקציאָנירט ניט.

אָבגעזאָגט פון זייערע מאַנדאַטען. אויף אַזאַ אופן איז די גאַנצע פּאַלאַטע בעשטאַנען פון די רעגירונגס־שילוחים. נאַפּאָלעאָנס טריאומף איז געווען אַ פאָלשטענדיגער. די אַרבייט פון „בערוהיגונג“ איז פערענדיגט געוואָרען. דעם 28־טען מערץ איז אומעדום אַראָבגענומען געוואָרען דער בעלאַגערונגס־צושטאַנד, און מיט אַ טאָג שפּעטער האָבען זיך אָנגעהויבען די זיצונגען פון די געזעצגעבענדע איינריכטונגען. ס'האָבען זיך אָנגעהויבען די „רעפאָרמען“.

3.

נאַפּאָלעאָן האָט פון לאַנג אָן געטרוימט וועגען איינשטילען, איינצוימען אַלע צו איהם פיינדליכע פּאָליטישע קרעפטען פון לאַנד, זיי זאָלען זיך רייסען און ראַנגלען מיט איינאַנדער, און ער אַליין זאָל שפּיעלען די ראָליע פון אַ רודף־שלום און ווערען דער גרויסער בעל־טובה פון אַלע זיינע אונטערטהאַנען; בעפריעדיגען זייערע מאַטעריעלע בעדערפעניסען, ערוועקענדיג אין זיי די תאוה פון עשירות אָדער דאָס בענוגענען זיך מיט אַ גוטער מאַטעריעלער לאַגע, אָבצוגעוועהנען זיי צו גלייכער צייט פון פּאָליטישע שטרעבונגען און פּאָליטישען קאַמפף; מיט אַ גרויסען שם אין אויסלאַנד און מיט'ן וואוקס פון עשירות אָבציהען זיי פון יעדער איגערליכער פּאָליטיק.

לאָמיר זעהן, ווי האָט ער זיך גענומען אויסצופיהרען זיין פּראָגראַם און אויף וויפיל דאָס איז איהם געלונגען.

פון יענע פּאָליטישע קרעפטען, מיט וועלכע נאַפּאָלעאָנען איז אויסגעקומען צו רעכענען זיך, זענען געווען די וויכטיגסטע: די קאַטוילישע פּאַרטיי, די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע, און, ענדליך, דער פּראָלעטאַריאַט. די קאַטוילען האָט ער איבערגעצייגען אויף זיין צד און האָט זיי געמאַכט פערגעסען די „געזעצליכע“ פּרינציפּען פון דער בורבאָנער דינאַסטיע דערמיט, וואָס ער האָט זיי אָבגעגעבען אַ אונגעהויערע ראָליע אין דער בילדונג פון דער יוגענד, ערלויבענדיג זיי צו גרינדען פערשידענע חברות און אָרדענס, אונטערשטיצענדיג זייער פּרעסע, ענטזאַגענדיג פון די שטעלעס די ניט פרומע בעאַמטע, וואָס האָבען ניט אָבגעהיט די דינים פון דער קירכע. טיילווייז צוליב דער בעפריעדיגונג דעם ערהגייסט פון די קאַטוילען האָט ער זיך אַריינגעמישט אין דער זאַגאָנאַנטער מזרח־פראַגע, צוליב וועלכער ס'האָט אויסגעבראָכען די קרימער מלחמה. פון דער צייט האָט ער זיך אין די ערשטע יאָהרען פערוואַרענט אויפ'ן בעסטען אופן. אָבער אונטערהאַלטענדיג די קאַטוילען, האָט ער דערמיט צו־

רייצט די שטאָדטיגע בורזשואזיע, וועלכע איז טריי געבליבען די געגענקאָטוילישע טראַדיציעס. זיי האָט מען בעדאַרפט אונטערקויפען מיט דער אונגעהייערער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע. און אָט אין די 50-גער יאָהרען הויבט זיך אָן אין פראַנקרייך אַ קאַפּיטאַליסטישער פיבער, ווי פראַנקרייך האָט דאָס ביז איצט ניט געוואוסט. אמת, די 50-גער יאָהרען צייכנען זיך אויס אין גאַנץ אייראָפּאַ דורך אַ שנעלער ענטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם, נאָר אין פראַנקרייך, וואו דער קעניג האָט עס געהאַלטען פאַר אַ פראַגע פון זיין פּערזענליכען כבוד און וואו די דאָזיגע ענטוויקלונג האָט געהאַט אַ פּאָליטישען ציעל — רעכט צו מאַכען ביי אַלעמען דעם נייעם רעזשים — האָט די דאָזיגע ענטוויקלונג אָנגענומען אַ בעזונדער כאַראַקטער פון אַ מין געזעלשאַפטליכער עפּידעמיע, וועלכע האָט דערמאָהנט אָן די צייטען פון לאָ אין דעם 18-טען יאָהרהונדערט. די ענטוויקלונג פון קרעדיט און באַנק-געשעפטען, די פיבערהאַפטע בערזען-ספּעקולאַציע, די בעשאַפונג פון אַ בעזונדערען „בעוועגליכען קרעדיט", די אונגעהייערע פערגרעסערונג פון דער אייזענבאַהן-נעץ, דאָס אַלץ האָט מיטגעהאָלפען דעם אויפקומען און וואוקס פון אַ סך אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען, איבערהויפּט אין דער פּראָווינץ, וואו עס איז געשווינד געגאַנגען די קאָנצענטרירונג פון די קאַפּיטאַלען. די אַלוועלטליכע אויסשטעלונג פון 1855 יאָהר אין פּאַריז — דאָס איז געווען אַ יום-טוב, וועלכען דער קייזער האָט געמאַכט פאַר דער בורזשואזיע. און די בורזשואזיע, וועלכע איז מיעד געוואָרען פון פּאָליטיק, וועלכע האָט געוואָלט הנאה האָבען פון לעבען און צוליב דעם רייך ווערען, איז געווען צופרידען און שטאָלץ מיט איהר קייזער.

ס'איז נאָך געבליבען דער פּראָלעטאַריאַט, דער דאָזיגער שווייגענדיגער, געהיימניספאָלער ספינקס, דער זיעגער אין פעברואַר 1848. מיט בלוט אָבגעגאָסענער אין יוני 1848, דער בעזיעגטער און אונטערטהעניג געוואָרענער אין דעצעמבער 1851. זיינע פיהרער זענען געווען אַרויסגעשיקט, פערשיקט, פערשפּאַרט אין די טורמעס. צו האָט מען געקענט מאַכען אַ פערזוך אויך ביי איהם רעכט צו מאַכען דעם נייעם רעזשים און אָבציהען איהם פון פּאָליטיק? דאָס איז געווען די שווערסטע, די קאָמפּליצירטעסטע אויפגאַבע פון דער גאַנצער אינערליכער פּאָליטיק פון נאַפּאָלעאָן דעם 3-טען. און, פערלויפענדיג אַ פריהער, קען מען זיכער רעכענען נאַפּאָלעאָן דעם 3-טען פאַר דעם ערשטען ערפינדער פון יענער רעגירונגס-טאַקטיק בנוגע צו דער אַרבייטער-פראַגע, וועלכע האָט ביי אונז בעקומען דעם נאָמען

פֿון זובאַטאָוושטשינע. און הגם זײַן טאַקטיק איז געוועזען ניט אין אַנ'ערך קליגער און האָט דערגרייכט אַ סך גרעסערע רעזולטאַטען, נאָר אויך זי האָט געמוזט סוף כּל סוף פֿערוואַנדעלט ווערען אין אַ געוועהר געגען איהר ערפֿינדער. דער וואונש אײַנצושלעפֿערען די פּאָליטישע אונצופֿרידענהײַט דורך דער בעפֿרידיגונג פֿון די וויכטיגסטע אַלטעגליכע עקאָנאָמישע בעדערפֿענישען, אַ „האַרציגע“־פֿאָטערליכע בעציהונג — און די שטרענגסטע פּאָליצײַאישע השגחה, וועלכע פֿערניכטעט אין וואָרצעל יעדען פֿערזוך פֿון אַ זעלבּשטענדיגע אָרגאַניזאַציע צווישען פּראָלעטאַריאַט — דאָס זענען די גרונד־סימנים פֿון דער דאָזיגער „סאָציאַלער פּאָליטיק“.

אויפֿ'ן ערשטען פּלאַן איז געשטאַנען דער קאַמפֿ מיט דער אַרבּײַטסלאָזיגקײַט, דעם דאָזיגען הויפּטקוואַל פֿון דער סאָציאַלער אונצופֿרידענהײַט פֿון די מאַסען. אויב מ'האָט ניט געקענט פֿערזיכערן פֿאַר'ן אַרבּײַטער אַ גוטען מצב, האָט מען בעדאַרפֿט לכל הפּחות געבּען איהם אַ שטענדיגען פֿערדינסט, וועלכער זאָל איהם טײַער מאַכען אפֿילו זײַן עלענדע לאַגע. און ניט בענוגענדיג זיך דערמיט, וואָס די געשווינדע ענטוויקלונג פֿון דער אינדוסטריע בכלל און דאָס בּויען פֿון דער אײַזענבּאַהן בפרט האָט שוין פֿערנומען אַ סך פֿרײַע אַרבּײַטער־הענד, האָט נאַפּאָלעאָן פֿאָרגענומען אַ גראַנדיעזע אַרבּײַט לטובה און צו גלײַכער צײַט געגען די אַרבּײַטער — איבּערבּויען אויף דאָס נײַ גאַנץ פּאַריז און אַנדערע גרויסע שטעדט. דער אַלטער פּאַריז, דער פּאַריז פֿון בּאַריקאַדען מיט זײַנע קרומע און שמאָלע גאַסען פֿון די אַרבּײַטער־קוואַרטאַלען, וואו ס'איז אַזוי בּעקוועם געווען צו בּויען בּאַריקאַדען, דאָס אַלץ האָט געמוזט פֿערשווינדען און אָבּרוימען אַנ'אָרט פֿאַר דעם איצטיגען נײַעם פּאַריז, מיט זײַנע בּרייטע, גלײַכע גאַסען און בּולוואַרען, וואו ס'איז גרינג צו פֿיהרען פֿון איין אָרט אויפֿ'ן אַנדערן חיל פֿון אַלע מינים געוועהר. צעהנדליגער טויזענדער אַרבּײַטער זענען פֿערנומען געווען דערמיט, וואָס זיי האָבּען אָבּגענומען אויף להבא בײַ זיך אַליין די מעגליכקײַט פֿון אַ גאַסען־קאַמפֿ. נאָר דערפֿאַר האָבּען זיי געהאַט אַ זיכערען וועון אפֿילו אַ קלאָגעדיגען שטיקעל בּרויט און דאָס האָט געזאָלט, לויט דער מיינונג פֿונ'ם קייזער, צורעכט מאַכען בײַ זיי דעם אַלטען רעזשים. איינער אַ היסטאָריקער דריקט זיך אויס שאַרפֿזיניג, אַז די געזעלשאַפֿטליכע אַרבּײַטען אין פּאַריז איז געווען פֿאַר די פּאַריזער פּראָלעטאַריער דאָס זעלבּע, ווי אין דעם אַלטען קייזער־ליכען רוים דאָס אומזיסטע צוטיילען בּרויט צווישען פֿאָלק. ווײַטער, בּאַלד נאָך דער איבּערקעהרעניש, האָט נאַפּאָלעאָן קאָנפֿיסקירט דעם

אויגענס פֿון דער פֿעריאָגטער בורבאָנער דינאַסטיע און 10 מיליאָן דערפֿון האָט ער מנדב געווען אויף צו פֿערבעסערען די דירות פֿון די אַרבייטער, 10 מיליאָן האָט ער אָבגעגעבען אין די קאַסען פֿון געגענזייטיגער הילף און שפּעטער אין דער צייט פֿון קריזיסען אָדער ניט-גערעטענע יאָהרען האָט די רעגירונג ניט נאָר ערלויבט, נאָר אויפֿגעמונטערט צו קלייבען צווישען דער געזעלשאַפֿט נדבות לטובה פֿון די בעדערפֿטיגע, און דערביי האָט דער קייזער אַליין מנדב געווען פֿון זיינע אייגענע געלד. צו גלייכער צייט האָט ער כסדר אונבאַרעמהערציג פֿערטיליגט אַלע אַרבייטער-אָרגאַניזאַציעס, די ווי-דערשטאַנדס-פֿעראיינען און אפילו די הילפֿס-קאַסען, וועגען וועלכע די פּראָקוראָרען האָבען גע'מסר'ט באָנאַפּאַרט'ן בעת ער איז נאָך געווען פּרעזידענט, אַז זייער אמת'ער ציעל איז צו דיסציפּלינירען דעם אַרבייטער-קלאַס, אַז זיי דינען פֿאַר אַ ווערקצייג אָדער צענטרען פֿון אַ אַנטיסאָציאַלער פּראָפּאַגאַנדע און כדומה.—פֿון 300 אַרבייטער-חברות און פֿעראיינען, וואָס זענען געווען אין דעם לעצטען יאָהר פֿון דער רעפּובליק, איז געבליבען נאָך דער מלוכה-איבערקעהרעניש סך הכל 15. בנוגע צו די הילפֿס-חברות איז נאָכדעם, ווי ער האָט מנדב געווען די 10 מיליאָן, האָט מען ערלויבט נאָר יענע, וועלכע זענען געגרינדעט געוואָרען דורך דעם אָרטיגען מער (שטאָדט-גאָלאָווא) אָדער גלח. אַ חוץ דעם האָט מען געגעבען גרויסע פּריווילעגיעס יענע הילפֿס-געזעלשאַפֿטען, ביי וועלכע דער פֿאָרזיצענדער איז בעשטימט געווען פֿון דעם קייזער אַליין און וועלכע האָבען זיך מתחייב געווען ניט אַרויסצוגעבען קיין שטיצע אין דער צייט פֿון אַרבייטס-לאָזיגקייט. ווייטער זענען געגרינדעט געוואָרען פּשרות-קאָמיסיעס פֿון אַרבייטער און ב"ב, נאָר אויך אין זיי פֿלעגט דער פֿאָרזיצענדער און זיין געהילף בעשטימט ווערען פֿון דעם קייזער אַליין. כדי צו פֿערפֿאָלשטענדיגען דעם דאָזיגען פּאָליציאישען סיסטעם איז אַרויס-געגעבען געוואָרען אַ געזעץ וועגען אַרבייטער-ביכלעך, וועלכע די אַרבייטער האָבען בעדאַרפֿט בעקומען ביים איבערבייטען דעם אָרט. דער ענגער פּאָליציאישער רינג האָט געדריקט דעם אַרבייטער ביי יעטוועדער פֿערזוך זיינעם צו פּראָטעסטירען אָדער צו אָרגאַניזירען זיך, און מיט מאַטעריעלע נדבות האָט מען זיך געסטאַרעט צו פֿערדאָרבען זיין נשמה און פֿערדונקלען זיין קלאַסען-בעוואוסטזיין.

צו גלייכער צייט איז ניט אָבגעשוואַכט געוואָרען אויך דער אַלגעמיינער פּאָליציאישער דרוק. מ'פֿלעגט אַרעסטירען פֿאַר אַ איינ-פֿאַכען פּאָליטישען שמועס; שפּיאָנעס און פּראָוואָקאַטאָרען פֿלעגען אַריינדרינגען אומעדום, דער „שוואַרצער קאַבינעט" אויף איבערצו-

קוקען אויפ'ן פּאָסט די בריעף, איז געוואָרען אַ רעגעלמעסיג־פונקציאָנירענדע אײַנריכטונג. כדי צו פערסמ'ען אויך דעם יונגען דור, זענען די אוניווערזיטעטען אָבגעגעבען געוואָרען אונטער דער הויכ־זאַמער פּאָליציי־אישער השגחה, און די פּראָפעסאָרען, וואָס האָבען זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען דעם נײַעם סיסטעם, פלעגען פערטריבען ווערען. די אָפּאָזיציאָנעלע פרעסע איז פערשטיקט געוואָרען, און אַ רייהע פון רעגירונגס־אויסגאַבען און רעפּטיליען האָט סיסטעמאַטיש געטהאָן פערסמ'ען דאָס געזעלשאַפטליכע בעוואוסטזײַן.

„און אַזוי גרויס איז געווען די מידיגקייט פון איינע און דער שרעק פון אַנדערע — זאָגט וועגען דער דאָזיגער צײַט אַ היסטאָריקער אַ סאָציאַליסט — אַז די גאַנצע נאַציאָן האָט אַזוי ווי שלום געמאַכט מיט'ן דאָזיגען רעזשים. ס'איז מעהר ניט געווען ניט קיין מיינונגען, ניט קיין געדאַנקען. דאָס פעהלען פון אַ פרייער פרעסע, דאָס פעהלען פון אַ פּאַרלאַמענטאַרישער טריבונע איז פון איצט אָן וועניג בעמערקבאַר געווען פאַר דעם רוב פראַנצויזען". הויף־יום־טובים, אָרגיעס פון די בערזע־לײַט — אויבען, קליינע נדבה'לעך און דאָס אָנקוקען די תענוגים פון די אדונים — פון אונטען, אָט וואָס ס'האָט בעדאַרפט פערבײַטען די ניט־לאַנגיגע פּאָליטישע שטורעמס. אין די אויסגעצייכענטע ראָמאַנען פון זאָלאַ, בעזאָנדערס זײַן „עקסעלענץ עזשען רוגאָן" און „געלד" איז קינסטלעריש געשילדערט די דאָזיגע עפּאָכע פון דעם צובושעוועטען עגאָאיזם און מאָראַלישער פערדאָרבענהייט.

די זיעג־רײַכע מלחמה מיט רוסלאַנד אין 1853—55 האָט צוגעגעבען צו דער דאָזיגער לאַגע אַנ'אויסערליכען רוהם און אַ פער־שכורונג מיט'ן שאָוויניזם. ס'האָט זיך געדוכט, אַז פראַנקרײַך ווערט לעבעדיגערהייט צופאַלען. פּאָליטיש און גײַסטיג.

4.

און פונדעסטוועגען האָט זיך ניט מעהר ווי געדוכט.

אָנהויבענדיג פון סאַמע אָנפאַנג 1852 יאָהר זענען די אָרטיגע פּראָקוראָרען ווי איין מענש כסדר מודיע דער רעגירונג וועגען דער געפעהרליכער שטימונג צווישען די אַרבייטער אין די גרויסע שטעדט און אינדוסטריעלע צענטרען. בעת די ערשטע וואַהלען אין פעברואַר 1852 יאָהר איז אין ליאָן אויסגעקליבען געוואָרען אַ רעפּובליקאַנער, האָט דער ליאָנער פּראָקוראָר, ווי מטושטש פון אַ מיסטישען שרעק, אַזוי געשריבען: „דער דאָזיגער אויסוואַהל, וועלכער איז פאָרגעקומען שטילערהייט, אָהן וואַהל־פערזאַמלונגען, אָהן אויפרופען, אָהן צײַטונגען,

בעהויזט, ווי לעבענספֿעהיג און אָרגאַניזירט ס'זענען נאָך די געהיימע חברות אין ליאָן. בײַ די דאָזיגע חברות איז ניטאָ קײַן צײַטונגען; די ווערטער פֿון זייערע פֿערזאַמלונגען זענען געשלאָסען; די קאָנסום־פֿעראיינען זענען פֿאַנאַנדערגעלאָזען; דער בעלאַגערונגס־צושטאַנד און די בעשאַפֿונג פֿון דער נײַער פּאָליציי ערשוועכט אויסערסט זייער התקרבות, די השוב'סטע רעפּובליקאַנער זענען אַרעסטירט געוואָרען נאָך פֿאַר'ן 2־טען דעצעמבער, און דער רעטעניער טעראָר האָט געדאַרפֿט אײַנהאַלטען די איבעריגע. און דאָך אָהן דער זיכטבאַרער שטיצע, דורך כל'ערליי מניעות ווערט דורכגעפֿיהרט בשתיקה אַ קאַנדידאַטור, און אונגעשטערטערהייט, ניט קוקענדיג אויף אַלע בעמיהונגען פֿון דער אַדמיניסטראַציע, בעקומט די אַנ'ערפֿאָלג!" אין אַ יאָהר אַרום איז ווידער איבעראַשט דער נאָכפֿאָלגער פֿון דעם זעלביגען פּראָקוראָר: „אין ליאָן עקזיסטירט — שרײַבט ער — עפּעס אַ מין אמונה, אַ מין פּאָליטישע רעליגיע, פֿאַר וועלכער די ווערקשטאַטען דינגען פֿאַר קאַטאַקאָמבען". ווײַטער שיטען זיך די אַנ'אינאויפֿהערליכער שטראָם פֿון אַלע זײַטען מסירות, אַז אין דעם אַרבײַטער־קלאַס איז צו זעהן אַ קוים בעמערקבאַרע געהרונג, אַז „צווישען די אַרבײַטער איז ניט צו בעמערקען קײַן מאָראַלישע אויסבעסערונג", אַז „די מיאוס'ע תאוות בעהערשען ווידער די מהות פֿון די אַרבײַטער". אין 1856 יאָהר שרײַבט ווידער דער ליאָנער פּראָקוראָר: „די פֿילאָזאָפֿישע און פּאָליטישע ביכער, וואָס זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען אין 1848 יאָהר, ווערען זאָרגפֿעלטיג אויפֿבעוואָהרט אין אַ סך געזינדען און האַלטען אונטער די טראַדיציעס פֿון גלײַכהייט און שלעכטע האָפֿנונגען... די פֿאַנטאַזיעס פֿון די מענשען פֿון 48־טען יאָהר פֿערשפּרייטען סאָציאַליסטישע אידעען אין די מאַסען און בעוואַהרען־אויף אונטער דעם אַש דעם פֿלאַם־פֿײַער פֿון דער רעוואָלוציע". ענדליך זענען אַ סך פּראָקוראָרען מודיע, אַז ניט קוקענדיג אויף דער גאַנצער וואַכזאַמקייט פֿון דער פּאָליציי, ווערט אַ סך רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור אַריבערגעפֿיהרט דורך קאָנטראַבאַנדע פֿון אויסלאַנד און ווערט פֿערשפּרייט אין לאַנד.

און באמת בלײַבען טאַקי די אַרבײַטער טריי די אידעאַלען און ערינערונגען פֿון 48־טען יאָהר. זיי דריקען עס אויס דערמיט, וואָס זיי קלײַבען צווישען זיך געלד לטובה פֿון זייערע פֿערשיקטע אָדער אַנטלאָפֿענע חברים. די קאָמיטעטען אויף צו העלפֿען די פּאָליטישע עמיגראַנטען, וואָס זענען בעשאַפֿען געוואָרען דורך די בורזשואַזע רעפּובליקאַנער. בעקומען אַ בעדײַטענדע שטיצע מצד די אַרבײַטער, און אין ליאָן ווערט אַפֿילו בעשאַפֿען אַנ'אייגענטהימליכע עכטע

אַרבייטער-אָרגאַניזאַציע אויף צו קלייבען געלד פֿאַר די, וואָס האָבען געליטען פֿון פּאָליטישע רדיפֿות, דערבײַ איז די שטאָדט אײַנגעטיילט אין קוואַרטאַלען, און באַזונדערע געלד-זאַמלער געהען פֿון שטוב צו שטוב. פֿון צײַט צו צײַט אימפּראָוויזירען די אַרבייטער אַ דעמאָנסטראַציע אויף אַ לויה פֿון אַ נאָהענטען מענשען. בעת ס'איז געשטאָרבען ראַספּאַל'ס *) פֿרוי — שרײַבט אַ היסטאָריקער — הגם דער דאָזיגער נײַעס איז באַקאַנט געוואָרען בס"ה אין אַ משך פֿון איין מעת-לעת צײַט, איז געקומען 25 טויזענד אַרבייטער אויף אָפּצוגעבען דעם לעצטען כּבֿוד דער פֿרוי פֿון זייער פֿרײַנד. אַזוי ווי די פּאָליציי האָט נאָכגעשפּירט, זענען זיי געגאַנגען שטיל, ניט רײדענדיג קיין וואָרט, און אָט די אונגעהויערע שווייגענדיגע פּראָצעסיע האָט געמאַכט אַ שטאַרקען אײַנדרוק. ס'זענען ניט געזעסען אָהן אַרבייט אויף די עמיגראַנטען, וואָס זענען מאַסענווײַז צושפּרייט געווען אין לאָנדאָן, בריסעל, זשענעוו און אַנד. שטעדט, און וואו זייער לעבען איז געווען אַ שווערער און געמאַטערטער און וואו דאָס רובֿ פֿון זיי האָבען געליטען הונגער. אמת, צוטיילענדיג זיך אין קליינע גרופּען, פֿלעגען זיי שטענדיג רײַסען זיך איינע מיט די אַנדערע, באַשולדיגענדיג איינער דעם צווייטען אין פֿעררעט געגען דער דעמאָקראַטיע; אמת אַ סך פֿון זיי פֿלעגען פֿון פֿערצווייפֿלונג קומען צו די ווילדעסטע פּלענער, ווי צ. ב. איינער, וועלכער האָט גערופֿען די קאָזאַקען אויף צו מאַכען אָרדנונג אין מערבֿ-אייראָפּא, אָדער אַ צווייטער, וועלכער „האָט אַן עצה געגעבען מ'זאָל אָרגאַניזירען קליינע גרופּען פֿון 3—4 מענשען און קוילענען, גנבֿ'ענען, סמ'ען, אונטערצינדען, ביז די ערד וועט ניט געריינעגט ווערען און צוגרייטען די צוקונפֿטיגע האַרמאָניע". נאָר ניט קוקענדיג אויף דעם, האָבען זיי מיט זייערע צײַטונגען און בראָשורען אונטערגעהאַלטען די איבערגעבליבענע חבֿרים אין פֿראַנקרײַך, און די פֿיהרער זייערע האָבען זיך באַטייליגט אין באַטראַכטען די וויכטיגסטע טאַקטישע פֿראַגען, ווי צ. ב. וועגען באָיקאָטירען די וואַהלען. ס'איז צו באַמערקען, אַז דאָס רובֿ פֿון זיי זענען טרײַ געבליבען די אַלטע קאַמפּפֿס-מעטאָדען און האָבען ניט פֿערשטאַנען די נײַע באַדינגונגען. די פּראָפּאַגאַנדע פֿון אַ באַוואָפֿנטען אויפֿשטאַנד, פֿערלאַפֿען די מאַכט און פֿון קאָמפּלאָטען האָט, פֿערשטעהט זיך, ניט געקענט אונטערגראָבען נאַפּאָלעאָנ'ס מאַכט, הגם די דאָזיגע פּראָפּאַגאַנדע האָט די ערשטע צײַט געפֿונען אַן אָפּקלאַנג, אויף וואָס ס'זאָגט עדות די עטליכע אַטענטאַטען אויף

*) אַ אָנגעזעהענער טוער אין 48 יאָהר אַ פֿרײַנד פֿון בלאַנקי.

דעם קייזער און איינגע פון דער פאליציי ענטדעקטע קאמפלאטען, וועלכע זענען געווען לעכערליך שוואך; און איין מאל, אין אויגוסט 1855 איז אפילו דערגאנגען ביז צו, אזוי צו זאגען, „אפענער ארויסטרעטונג": אונטער דעם איינדרוק פון א פראקלאמאציע, וועלכע האט געזאגט, אז די קרימער ארמעע איז אומגעקומען און אין פאריז איז פראקלאמירט געווארען א רעפובליק, האבען אין איין פראווינץ די ארבייטער זיך געלאזט אין וועג, און זענען גלייך צושפרייט געווארען פון מיליטער.

מ'דארף אבער ניט פערגעסען, אז אט די אלע סימפטאמען פון דער שטימונג צווישען די מאסען, הגם זיי האבען געדינט פאר א געניגענדען בעווייז, אז ניט אליך איז על צד היותר טוב, ווי דאס האט זיך געוואלט נאפאלעאנען, אז די ארבייטער לאזען זיך ניט אזוי לייכט פיהרען פון זיין זובאטאווסקער פאליטיק, נאר דאס זענען גיכער געווען די לעצטע אבקלאנגען פון דער פערגאנגענהייט, איידער אנ'אנפאנג פון א נייער בעוועגונג. גאנץ ריכטיג בעמערקט דער מחבר פון דער געשיכטע פון דער צווייטער אימפעריע, א סאציאליסט, אז „די טרייהייט צו די אלטע טראדיציעס און די פראפאגאנדע פון געהיימע געזעלשאפטען קענען אליין נאך ניט בעשאפען א גרויסע סאציאלע בעוועגונג". ס'זענען נויטיג געווען נייע מאטעריעלע און גייסטיגע בעדינגונגען אויף אריינצוציהען ווידער אין קאמפף די ברייטע מאסען, און ס'זענען נויטיג געווען נייע קאמפפס-מעטהאדען און א רייהע גינסטיגע בעדינגונגען, אז דער דאזיגער קאמפף זאל קענען ווערען זיגרייך. אין 1857 האבען געדארפט פארקומען נייע וואהלען אין דער געזעצגעבענדער איינריכטונג. א סך פון די רעפובליקאנער, וואס האבען ניט געוואלט וויסען פון קיין שום פשרה, בעזאנדערס פון די „אלטע". האבען אנ'עצה געגעבען צו האלטען זיך ביי דער טאקטיק פון באיקאט. ניט פערשטעהענדיג, ווי קען מען דאן נעהמען אנ'אנטייל אין די ענינים פון דער אימפעריע. נאר דעם מאל האט די אידעע פון באיקאט ניט געפונען קיין אבקלאנג צווישען די מאסען, און איינגע עמיגראנטען, בעזאנדערס לואי בלאן, זענען ענטשידען געשטאנען פאר בעטייליגען זיך אין די וואהלען. „היט זיך דערפון — האט געשריבען לואי בלאן — אז דער פאליטישער פאראליטש זאל אריינגעהן אין א סיסטעם. אבהאלטען זיך וואלט בעדייטען אוועקנעהמען דעם מוט ביי אונזערע פריינד, דערפרעהען די שונאים, געבען א מאסקע די סקעפטיקער, מגין זיין אויף די ציטעריגע. א פערפלאנטערטער קניפעל ווערט ניט פאנאנדערגעבונדען פון זיך אליין". ער האט אגב אנ'עצה געגעבען די אויסגעקליבענע דעפו-

טאַטען ניט אַרײַנצוטרעטען אין פּאַלאַטע און פֿערהאַנדלען אױף אַזאַ אופֿן די װאַהלען גופֿא אין אַ גראַנדיעזע רעפּובליקאַנישע דעמאָנסטראַציע. די דעמאָנסטראַציע האָט זיך באמת אײַנגעגעבען, װײַל די רעפּובליקאַנער האָבען בעקומען אַזױ פֿיל שטימען, װי פֿיל זײ האָבען אַלײן ניט ערװאַרט, נאָר ניט אַלע אױסגעקליבענע האָבען זיך אָבגעזאָגט פֿון זײערע מאַנדאַטען און עטליכע דעפּוטאַטען האָבען געבילדעט דעם ערשטען קערן פֿון דער פּאַרלאַמענטאַרישער אָפּאָזיציע. בײַ יענע בעדינגונגען, װען פֿון דער פּאָליטישער פֿרײַהײט איז קײן זכר ניט געװען, איז די ראָליע פֿון דער דאָזיגער אָפּאָזיציע נישטהערטיג געװען. מ'האָט בעדאַרפֿט אַן אױסערליכען שטױס, אַז דאָס לאַנד זאָל אַרױסגעהן פֿון דעם טױדטען פּונקט פֿון דער רעאַקציע. אַזאַ שטױס איז געגעבען געװאָרען דורך דער אױסערליכער פּאָליטיק פֿון נאַפּאָלעאָנען. יענע אױסערליכע פּאָליטיק, װעלכע האָט. אַ דאַנק דער קרימער מלחמה, פֿערפֿעסטיגט זײַן לאַגע אין פֿראַנקרײַך און בעשאַפֿען איהם אַ אונגעהױערען אױטאָריטעט אין אײראָפּא, האָט שפּעטער אױסערסט געשװינד פֿערזיכערט זײַן מפּלה. ס'האָט זיך אָנגעהױבען דערפֿון, װאָס ער האָט זיך אַרײַנגעמישט אין די איטאַליענישע אַנגעלעגענהײטען, אין דעם קאַמפּף פֿון דער אונטערדריקטער איטאַליע געגען דער הערשאַפֿט פֿון אײסטרײַך.

פֿון די יונגע יאָהרען אָן איז נאַפּאָלעאָן בעהערשט געװען פֿון דער בעגעהר פֿאָרטצוזעטצען די ליניע פֿון נאַפּאָלעאָנען דעם 1־טען אין דער גרױסער רעװאָלוציע בנוגע צו בעפֿרײַען די אונטערדריקטע נאַציאָנען. אַחוץ דעם האָט ער געװאוסט, אַז די דאָזיגע אידעע איז פּאָפּולער געװען אין פֿראַנקרײַך, אַ דאַנק די ניט אָבגעשטאָרבענע טראַדיציעס פֿון דער גרױסער רעװאָלוציע. בעת ענדע די 50־גער יאָהרען האָט זיך מיט אַ נײַער קראַפֿט אָנגעהױבען אין איטאַליע אַ קאַמפּף פֿאַר די נאַציאָנאַלע בעפֿרײַאונג, האָט זיך נאַפּאָלעאָנען געװאָלט שפּילען די ראָליע פֿון אַ גואל פֿון דער אונטערדריקטער נאַציאָן. נאָר דער שטענדיגער ישוב הדעת און קװײַנקלעניש האָט אױפֿגעבראַכט געגען איהם די איטאַליענישע פּאַטריאָטען, װאָס האָבען געװאַרט אױף זײַן הילף. דעם 28 יאַנואַר 1858 האָט דער איטאַליענער אָרסיני געװאָרפֿען אַ באָמבע אין דער קאַרעט פֿון קײזער. נאַפּאָלעאָן איז גאַנץ געבליבען און האָט אױסגעגאָסען זײַן כּעס אױף די אונשולדיגע פֿראַנצױזען. ס'האָבען זיך אומגעקעהרט די פֿינסטערע צײַטען פֿון 1852. דער װײַסער טעראָר האָט אָנגעהױבען צו בושעװען מיט אַן אונערהערטער קראַפֿט. ס'איז אָב-

געגעבען געוואָרען אַ בעפעהל איבער אַלע דעפּאַרטאַמענטען צו אַרעסטירען אַ בעשטימטע צאָהל פּערזאָנען. אויב ס'האָט ניט געקלעקט קיין רעפּובליקאַנער, וועלכע די פּאָליציי האָט געקענט אַלס אַזעלכע, האָט מען גענומען ווער ס'האָט זיך געמאַכט אונטער'ן האַנד. נאָר אין גיכען האָט זיך מאָדנע געביטען די שטימונג פון קייזער. ער האָט ביי זיך בעשלאָסען, אַז דער אַטענטאַט פון אָרסיני איז אַ מין רמז פון הימעל, און האָט אָנגעהויבען צו פיהרען אַן אַנדערע פּאָליטיק, וועלכע איז אויסען געווען צו געווינען די געזעלשאַפטליכע מיינונג צו גונסטען פון אַ איטאַליענישע מלחמה. צוליב דעם האָט ער געמוזט שלום מאַכען מיט די ליבעראַלען אום צו געווינען אין זיי בונדעס-גענאָסען געגען דער קאַטוילישער פּאַרטיי, וועלכע איז פיינדליך געשטימט געווען בנוגע צו אַ איטאַליענישע מלחמה, ווייל ביי איהר האָט עס געדייסען פוגע זיין די רעכטען פון פּויפּסט. דעם 17-טען אויגוסט 1859 איז ערקלערט געוואָרען אַן אַלגעמיינע און פאָלשטענדיגע פּאָליטישע אַמניסטיע. פון דעם דאָזיגען מאָמענט אָן ווערט נאַפּאָלעאָנס אינערע פּאָליטיק אַלץ מעהר און מעהר פערפלאָנטערט. צורייסענדיג מיט די קאַטוילען, האָט ער אין גיכען פערלאָרען אויך די סימפּאַטיען פון דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע, ווייל אין 1860 יאָהר האָט ער געשלאָסען נייע האַנדעלס-קאָנטראַקטען מיט אויסלאַנד, דורך וועלכע ער האָט אָבגעשאַפט די סיסטעם פון פּראָטעקציאָניזם און, נאָכאַנצענדיג ענגלאַנד, האָט ער פערקלענערט אָדער אין גאַנצען מבטל געמאַכט אַ רייהע פון שוץ-צאָלען. דאָס האָט אַרויסגערופען אַ ערביטערונג פון אַלע קאַפּיטאַליסטען. ענדליך די ניטגעלונגענע עקספּעדיציע אין כינאַ און מעקסיקע האָבען בעדייטענד אונטערגעגראָבען זיין פּאָפּולאַריטעט און האָבען ביי איהם גופא אָבגענומען זיינע תקיפות. דאָס זענען געווען די אויסערליכע בעדינגונגען, וועלכע האָבען פערגיכערט דאָס אויפלעבען פון דעם ליבעראַליזם אָנפאַנגס די 60-גער יאָהרען. דאָס בעדערפניש צו געווינען די געזעלשאַפטליכע מיינונג האָט געצוואונגען נאַפּאָלעאָנען צו פערברייטערען די רעכטען פון דער געזעצגעבענדער איינריכטונג און מאַכען זיינע זיצונגען עפענטליך. דאָס האָט תיכף אויפגעהויבען די בעדייטונג פון דער קליינער גרופּע רעפּובליקאַנער, און זייערע רעדעס האָבען אָנגעהויבען אַרויסצורופען אַלעבהאַפטען אינטערעס.

די ערשטע קוויינקלענישען אין דער אינערליכער פּאָליטיק.

די ערשטע הנהות דער געזעלשאַפטליכער מיינונג האָבען אַרויסגערופען צום לעבען נייע פּאָליטישע עלעמענטען. אין די סאַלאָנען

פון דער פינאַנציעלער אַריסטאָקראַטיע האָט מען געמורמעלט אויף דעם קייזער, מ'האָט אָנגעהויבען צו ריידען וועגען דער נויטיגקייט פון פעסטע קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס, וועגען אַ קאָנטראָל איבער דער אַדמיניסטראַציע. ס'איז אויפגעשטאַנען אַ נייער יונגער דור צווישען דער סטודענטענשאַפט, וועלכער האָט געטרוימט וועגען „גלייכהייט, ברידערליכקייט און פרייהייט"; די אַלטע קעמפפער פון 48-טען יאָהר, וואָס האָבען זיך אומגעקעהרט פון פערשיקונג און עמיגראַציע, האָבען געפונען נייע בעדינגונגען און אַ נייעם דור, וועלכער האָט זיך פערהאַלטען צו די „זקנים" מיט מיטגעפיהל, ווען אפילו אַביסעל שפאָטיש. ס'איז אויפגעקומען אַ גאַנצע רייהע קורצ-יאָהריגע זשורנאַלען, איבערהויפּט ליטעראַרישע (כדי אויסצומיידען די וואַכזאַמקייט פון דער צענזור), וועלכע האָבען אונטער אַ ליטעראַרישער פאָרמע דורכגעפיהרט דרייסטע פאַר יענער צייט פּאָליטישע אידעען. צום ערשטען האָבען אויסגעפרופט זייערע כחות די טאַלאַנטען פון דעם דאָזיגען „יונגען דור", ווי ס'האָבען זיך אָנגערופען מיט שטאָלץ די צוקונפטיגע טהוער פון 70 און 71 יאָהר. דער אַלטער בלאַנקי, וועלכער איז בעפרייט געוואָרען אין 59 יאָהר און ווידער אַרעסטירט געוואָרען אין 61 יאָהר, האָט געלערנט אין דער טורמע די יוגענד, וואָס פלעגט אַהין אַריינפאַלען, און האָט געזייט צווישען איהר זאַמען פון רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם. און אַז ביי די וואַהלען פון 1863 האָט די אָפּאָזיציע צונויפגעקליבען צוויי מיליאָן שטימען, האָבען די רעפּובליקאַנער מיט ערשטוינונג געקוקט אויף דעם אונגעריכטען בילד. אַן עלט-אַרבייטער-קאַנדידאַטור אין פּאַריז. ס'איז אַ פּנים אויפגעקומען אויך אַ נייער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט זיך אויסגעלערנט אָבצושיידען זיינע אינטערעסען פון די אינטערעסען פון דער רעפּובליקאַנישער קליינבורזשואַזיע.

5.

דער דאָזיגער פּראָלעטאַריאַט איז געוועזען אַ פּראָדוקט פון דער זעלביגער אונגעהויערער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג, וועלכע האָט געזאָלט, לויט נאַפּאָלעאָנס כונה, אָבציהען די אַרבייטער פון פּאָליטיק און אַרויסרופען ביי זיי אַ דאַנקבאַרקייט צום קייזער. און אויך דאָ, ווי אין אַלע זיינע אַנדערע אונטערנעהמונגען, האָבען זיך אויסגעלאָזען פון אַלע זיינע כחמה'דיגע פּלענער אַ רעה פאַר איהם גופא. די ענטוויקלונג פון דער מאַשין-אינדוסטריע האָט אונגעהייער פערגרעסערט די אַרמעע פון פּראָלעטאַריאַט, צוציהענדיג צו איהר אַ מאַסע פּויערים און קליינע האַנדווערקער, פערטיליגענדיג די לעצטע

שפּורען פֿון די פּאַטריאַרכאַלישע בעציהונגען, פֿעראײניגענדיג און אָרגאַניזירענדיג די אַרבײטער און ערציהענדיג אין זײ דעם קלאַסען־בעוואוסטזײן. ס'האָט זיך אָנגעהויבען יענער לאַנגזאַמער און כסדר'דיגער קאַמפּף פֿאַר די פֿערבעסערונג פֿון זײער לאַגע, װעלכע, װי נאָר זי הויבט זיך אָן, קען מעהר ניט אויפֿהערען; און די אײזערנע דיסציפּלין, װאָס איז אײנגעפֿיהרט געװאָרען אין די גרױסע פֿאַבריקען, און די סיסטעם פֿון שטראָפֿען האָט שטענדיג געגעבען נײעם שטאָף פֿאַר די ערבּיטערונג פֿון די אַרבײטער און האָט געװעקט אַ פּראָטעסט. אמת, די שכירות זענען פֿאַר דעם משך צײַט געשטיגען אין דעם רוב פֿון די אינדוסטריע־צװײַגען, אָבער דערפֿון איז די אַרבײטער גאָר נישט צוגעקומען, װײַל צוזאַמען מיט די שכירות איז נאָך שטאַרקער געװאָקסען דער יקרות אויף די נויטיגסטע לעבענסמיטלען און בעזאָנדערס אויף די דירות אין די גרױסע שטעדט. אין דעם גאַנצען משך פֿון די 50־גער יאָהרען הערען ניט אויף צו בעקלאָגען זיך אויפֿ'ן יקרות און צו פּראָטעסטירען די פֿערבּיטערטע אַרבײטער און זײערע פֿרויען און דאָס פֿערשאַפֿט ניט װעניג אונרוהיגקײט דער רעגירונג. נאָר די סכנה פֿאַר דער רעגירונג איז ניט געלעגען אין יענע אויפֿרופֿען „ברויט פֿאַר'ן פֿאָלק אָדער אַ טויט“, ניט אין דעם ברעכען די שויבען אין די בעקערײען, נאָר אין דער אַלגעמײנער עקאָנאָמישער רעװאָלוציע, אין יענער קאָנצענטרירונג פֿון די אַרבײטער אויף די פֿאַבריקען פֿון די גרױסע שטעדט, װעלכער די רעגירונג גופא האָט מיטגעהאָלפֿען. „די סאָציאַליסטישע בעװעגונג פֿון דער צװײטער אימפּעריע — זאָגט דער שוין דערמאָהנטער היסטאָריקער — איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פֿון דער עקאָנאָמישער ענטװיקלונג“. ניט קוקענדיג אויף אַלע זכרונות פֿון 48־טען יאָהר, ניט קוקענדיג אויף אַלע פֿאָרמולען, װאָס װערען כסדר איבערגעחזר'ט, און דינען אַמאָל פֿאַר זײַן אויסדרוק, קען מען זאָגען, אַז זײַן ענטװיקלונג הויבט זיך אָן פֿון *אָנהויב* אָן. די בעװעגונג װערט ניט אַרויסגערופֿען דורך דער אַבסטראַקטער אידעע װעגען סאָציאַלען יושר; זי װערט אַלײן מעהר אַ בעװאוסטזיניגער, אַלײן מעהר אַן אמת'ער אויסדרוק פֿון דעם נײַעם קלאַסען־קאַמפּף. אײנער אַ בורזשואַזער עקאָנאָמיסט, װעלכער האָט ערקלערט אין 54־טען יאָהר, אַז דער סאָציאַליזם איז געשטאָרבען — האָט אין 59־טען יאָהר, אויספֿאָרשענדיג די אַרבײטס־בעדינגונגען אין פֿערשידענע אינדוסטריע־צװײַגען, אַזױ געשריבען: „װאָס מעהר איך פֿאָרש אויס די פֿאַקטען, אַלײן מעהר איבערצײַג איך מיך, אַז גלײַכצײַטיג מיט די צופֿעליגע לײַדענשאַפֿטען, װעלכע האָבען בעהערשט די אַרבײטער אין 48־טען

יאָהר, אונטער דעם איינפלוס פון ביכער און קלובען-רעדעס, זענען דאָ שטענדיגע, בעוואוסטזיניגע און טיפע, וועלכע דרינגען אריין צו זיי דורך זיי גופא, דורך זייער פאבריק-רעזשים". דער ערשטער רעזולטאט פון דער נייער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג איז געוועזען די מעכטיגע שטרעבונג פון די ארבייטער צו בעשאפען עקאָנאָמישע אָרגאניזאציעס. נאָר ווי איז דאָס מעגליך געוועזען? די פּראָדוקציאָנס-גענאָסענשאפטען זענען צושטערט געוואָרען דורך דער רעגירונג אָדער פלעגען שטארבען מיט א נאטירליכען טויט. אלע ווידערשטאנדס-פעראיינען, אלע פּראָפעסיאָנעלע קאמפּפס-פעראיינען זענען אוממעגליך געוועזען, ס'זענען איבערגעבליבען די חברות פון געגענזייטיגער הילף, וואָס האבען געפונען חן אין די אויגען פון דער רעגירונג, אמת. מיט'ן פערבאָט צו שטיצען אין א צייט פון ארבייטסלאָזיגקייט און בעזאָנדערס אין צייט פון שטרייקען. די רעגירונג האָט אויך פערבאָטען צו בעטראכטען דאָרטען די פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסען: זי פלעגט אריינפיהרען אהין אלס עהרען-מיטגלידער מענשען פון דער בורזשואזיע, אלס א גאראנטיע פון סאָציאלען שלום. קורץ, זי האָט געזעהן אויף כל-ערליי אופנים צו ענטוואפנען זיי. „נאָר זיי האָבען דאָך עקזיסטירט, זענען געדולעט געוועזען, מ'האָט זיך דאָרט געקענט בעגעגענען און קיינמאָל האָט מען ניט געקענט שטערען צוויי פּראָלעטאריער, וועלכע קומען זיך אויף אין א וועלכען ס'איז פעראיין אָדער חברה — צו בעטראכטען זייער לאגע". ענדליך איז גענוג געוועזען צו בעשאפען פּראָפעסיאָנעלע חברות פון געגענזייטיגער הילף, און דערמיט האָט מען בעקומען לעגאלע פאָרמען פאר א פּראָפעסיאָנעלען פעראיין. דאָס האָבען גוט פערשטאנען אויך די קאפּיטאליסטען און פּראָקוראָרען און האָבען שטענדיג מתרה געווען די רעגירונג וועגען דער דראָהענדער סכנה. איינער פון די פּראָקוראָרען, אָנווייזענדיג, אז די רעגירונג האָט זיך טועה געווען אין חשבון, רעכענענדיג דורך די לעגאלע חברות פון געגענזייטיגער הילף אָבצוציהען די ארבייטער פון די געהיימע חברות און צוציהען זיי אויף איהר צד, און בעהויפּטענדיג, אז די ארבייטער האסען יעטוועדע מאכט, איז דערביי מוסיף: „זיי פעהלט בלויז אן אָרגאניזאציע; און אָט די כלומרשט'דיגע חברות פון געגענזייטיגער הילף גיבען זיי דאָס". די דאָזיגע מסירות האָבען געהאט אן איינפלוס. און די פערשארפטע פּאָליציייאישע השגחה האָט אויסערסט שווער געמאכט די פערשפּרייטונג פון די פּראָפעסיאָנעלע חברות. נאָר די לאגע פון די ארבייטער איז אונערטרעגליך געוועזען, און, ניט האָבענדיג קיין רעגעלמעסיגע אָרגאניזאציע אויף צו פער-

טהיידיגען זייערע אינטערעסען, פלעגען זיי זיך כאפען פאר סטיכיאישע שטרייקען, וועלכע פלעגען אויסברעכען מאסענווייז, אין פערשידענע ערטער, אננעהמענדיג צייטענווייז א כאראקטער פון בונטען. די רעגירונג פלעגט פערפאלגען די שטרייקער, און די צאהל געריכטליכע פראצעסען פאר שטרייקען איז געווען מורא'דיג גרויס.

גלייכצייטיג מיט די אכזריות'דיגע רדיפות געגען די פראפעסיאנעלע פעראיינען און שטרייקען, בכלל געגען יעטוועדער פראבע פון ארגאניזאציע און קאמפף, איז געמאכט געווארען דורך איינינע מקורבים צום קייזער נאך איינער א זובאטאווסקער פערזוך „איינצוקויפען זיך אין לאסקע" ביי די ארבייטער. אין 60 און 61 יאהר איז געגרינדעט געווארען א זשורנאל, וועלכער האט געזאלט איבערצייגען די ארבייטער, אז דער קייזער — איז זייער איינציגער אמת'ער פריינד; מ'האט צוגעצויגען דערצו איינינע ארבייטער, און ס'האבען זיך געפונען אפילו געוויסע, ניט אנגעזעהענע טהוער פון 48 יאהר, וועלכע האבען זיך געלאזט פערפיהרען. מ'האט זיך געסטארעט ארויסצורופען ביי די ארבייטער א בעגייסטערונג, לויבענדיג אין טאג ארײַן די „בעפרייאונגס"-פאליטיק פון נאפאלעאנען בנוגע צו די אונטערדריקטע נאציאנען. ס'האבען זיך גענומען דרוקען בריעף און ארטיקלען פון ארבייטער, וועלכע, לויבענדיג דעם קייזער, האבען ערווארט פון איהם א רפואה פון אלע סאציאלע צרות. די דאזיגע נייע זובאטאווטשטשינע האט קיין ערפאלג ניט געהאט, די בעוואוסטזיניגע ארבייטער האבען ניט פערגעסען, וואס פאר א בעדייטונג ס'האט געהאט פאר זיי נאפאלעאנס פריינדשאפט. נאר זי האט געהאט יענעם אונגעריכטען רעזולטאט, וואס די ארבייטער גופא האבען צום ערשטען מאל גענומען ריידען אין דער פרעסע וועגען זייער לאגע און זייערע בעדערפנישען.

א סך א גרעסערע בעדייטונג האט געהאט נאפאלעאנס הסכם אויף צו שיקען אנ'ארבייטער-דעלעגאציע אויף דער לאנדאנער אלוועלטליכער אויסשטעלונג פון 62-טען יאהר. די דאזיגע פאסירונג, וועלכע האט געהאט לויט איהרע רעזולטאטען א מורא'דיגע בעדייטונג, איז ווערט אז מ'זאל זיך אויף איהר אבשטעלען גענויער. די אידעע איז אויפגעקומען אין די קרייזען פון נאפאלעאנס מקורבים און איז געפעלען געווארען דעם קייזער, אלס א שטיצע פאר זיין אידעע וועגען האנדעלס-פרייהייט און וועגען דער ענטוויקלונג פון דער פראנצויזישער אינדוסטריע. די דאזיגע אידעע האט אונטערגעכאפט דער אויבענדערמאהנטער זשורנאל פון די ארבייטער; די ארבייטער האבען אנגעהויבען צו שרייבען בריעף. איינער אנ'ארבייטער טאלען, א מע-

סאָנזשניק, האָט אָנגעשריבען אַ מערקווירדיגען בריעף, אין וועלכען ער האָט אָנגעוויזען, אַז כל זמן די איניציאַטיווע געהט פון אויבען, וועלען די אַרבייטער האָבען צו איהם ווייניג צוטרוי, און ווען זי זאָל געהן פון אונטען, ווערט זי אונפערמיידליך שטעלען אין אַ סכנה די איניציאַטאָרען, ווייל, זאָגט ער, „אַן אַרבייטער, וואָס פערנעהמט זיך מיט פּאָליטיק אין אַ לאַנד פון אַלגעמיינעם וואַהל־רעכט, רעכענט זיך פאַר אַ געפעהרליכען מענשען; נאָך ערגער איז, אויב ער פער־נעהמט זיך מיט סאָציאַלע פראַגען“. לסוף פאָדערט ער פרייהייט פון אָרגאַניזאַציע, און נאָר ביי אַזאַ פרייהייט זאָגט ער צו אַיין נאָמען פון די אַרבייטער צוצושטעהן צו דער זאַך. דער בריעף האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק אין די הויכע ספערען. מען האָט אויסגעדריקט דעם וואונש צו בעקענען זיך מיט דעם אַרבייטער טאָלען, צוזאַמען מיט נאָך נײַן אַרבייטער האָט ער אויסגעאַרבייט אַ פּראָעקט פון אַ דעלעגאַציע, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרען. ס'איז געגרינדעט געוואָרען אַן אַרבייטער־קאָמיסיע פון די פאָרזי־צענדע פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען פאַר געגענזייטיגער הילף אויף אָנצופיהרען די וואַהלען אין דער דעלעגאַציע, און אויף אַזאַ אופן האָט די רעגירונג געמוזט אַנערקענען דעם פּראָפעסיאָנעלען כאַראַקטער פון די פעראיינען פאַר געגענזייטיגער הילף. ס'זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען וואַהלען אין גאַנץ לאַנד פון אַלע פּראָפע־סיעס און בעטריבען, און אַרום די דאָזיגע וואַהלען איז בעשאַפען געוואָרען אַ אונערהערטע לעבעדיגקייט; ניט קוקענדיג אויף די פאָר־וואורפען און אונציפרידענהייט פון די אַלטע רעוואָלוציאָנערען, וועל־כע האָבען בעשולדיגט די איניציאַטאָרען פון דער זאַך אין פער־בינדונגען מיט דער רעגירונג און האָבען אַן עצה געגעבען צו באָי־קאָטירען די וואַהלען, און ניט קוקענדיג אויף דער שפּאָטישער בעציהונג פון די גלייכגילטיגע צו דער זאַך אַרבייטער, פלעגען זיי זיך אָרגאַניזירען מאַסענווייז צוליב די וואַהלען און האָבען לעב־האַפט בעטראַכט די פראַגע. די פּאָליציי איז אַזוי אונרוהיג געוואָרען פון דער אונערוואַרטעטער בעוועגונג, אַז ווען נאַפּאָלעאָן וואָלט זיך פּערזענליך ניט אַריינמישען אין דער זאַך, וואָלט אונמעגליך געווען צו דערפיהרען די וואַהלען ביז'ן סוף. ס'איז אויסגעקליבען געוואָרען 200 מאַן, וועלכע זענען אָבגעפאָהרען אין לאָנדאָן, וואו די ענגלישע אַרבייטער האָבען זיי איבערגענומען מיט בעגייסטערונג.. דאָס פער־ברייינגען פון די דעלעגאַטען אין לאָנדאָן, זייער בעקענען זיך מיט די ענגלישע אָרדנונגען, מיט דער ענגלישער פּאָליטישער פרייהייט, מיט די הויכע שכירות פון די ענגלישע אַרבייטער און מיט זייערע

שוין דאן מעכטיגע ארגאניזאציעס — האט געמאכט דעם טיפסטען רושם אויף די דעלעגאטען, און דעם דאזיגען רושם האבען זיי איבערגעדריקט אומקעהרענדיג זיך אין פראנקרייך אין זייערע בעריכטען צו די וועהלער. אויף אזא אופן האבען די רעזולטאטען פון דער נסיעה דורכאויס ניט ענטשפראכען די כונות פון דער רעגירונג.

דער גרויסער שטרייק פון די פאריזישער זעצער, וועלכער האט אויסגעבראכען צו יענער צייט און וועלכער האט צוגעצויגען די סימפאטיען פון דער געזעלשאפט צו די שטרייקער, האט געצוואונגען נאפאלעאנען אונטער דער ווירקונג פון דער געזעלשאפטליכער מיינונג צו בעפרייען די ארעסטירטע שטרייקער און צו בעגנאדיגען די, וואס זענען פערמשפט געווארען. דאס האט בעדייטענד אונטערגעגראבען דעם אויטאריטעט פון דער רעגירונגס-מאכט: ס'איז קלאר געווארען, אז נאך אזא בעגנאדיגונג וועט די אדמיניסטראציע אויפהערען אנצוקלאגען פאר'ן געריכט די שטרייקער, און די ארבייטער העלען מיט מעהר תקיפות קוקען אין דער צוקונפט.

ענדליך זענען אנגעקומען די וואהלען פון 63-טען יאהר. מיר האבען שוין געזעהן, אז די אפאזיציע האט צונויפגעקליבען ארום צוויי מיליאן שטימען, און אז ביי די דאזיגע וואהלען זענען צום ערשטען מאהל ארויסגעשטעלט געווארען ארבייטער-קאנדידאטען, וועלכע האבען אזוי אונאנגענעהם בעוואונדערט די בורזשואזע רעפובליקאנער. ביז איצט האבען די ארבייטער געשטימט פאר יענע, וועלכע זענען נאר געווען געגען דער רעגירונג, אונאבהענגיג פון זייער סאציאלער פראגראם. אין 57-טען יאהר האבען די ארבייטער אויסגעקליבען קאווענייאקען, דעם ארגאניזאטאר פון דער שחיטה אין יוני 1848, און אין 63-טען יאהר דעם פון זיי פעראכטעטען טיער נאר דערפאר, וואס די דאזיגע צוויי לייט זענען געווען שונאים פון דעם באנאפארטיזם. די ארבייטער זענען ארויסגעגאנגען פון דעם טעם: די שונאים פון מיינע שונאים זענען מיינע פריינד. דעריבער זענען די ערשטע ארבייטער-קאנדידאטען אין 63-טען און ביי די הוספה-וואהלען אין פריהלינג פון 64-טען יאהר געווען אזוי אונערווארטעט. בעשיידען און מעסיג זענען געווען די פאדערונגען פון די ארבייטער אין זייערע וואהל-מאניפעסטען — נאר די דאזיגע קאנדידאטען זענען געווען קאנדידאטען פון א ק ל א ס, וועלכער האט זיך ענטגעגענגעשטעלט די אנדערע קלאסען, און פון דעם שטאנדפונקט בעטראכט זענען זיי בלא ספק געווען סימפטאמען, וועלכע האבען עדות געזאגט, אז אין דער ארבייטער-בעוועגונג פון פראנקרייך הויבט זיך אן א נייע עפאכע.

אייגענטליך האָבען מיר דערמיט געקענט פֿערענדיגען, ווייל אונזער אויפֿגאַבע — צו געבען אַ בילד פֿון דער רעאַקציע אין די 50=גער יאָהרען אין פֿראַנקרייך — איז ערפֿילט: די יאָהרען פֿון דער רעאַקציע האָבען זיך פֿערענדיגט אין 64=טען יאָהר, און ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייער לעבען פֿון אַנ'ערב=רעוואָלוציע, די סימפּטאָמען פֿון וועלכע ס'זענען אונז גענוג בעקאַנט. נאָר צוליב דער פֿאָלשטענדיגקייט האַלטען מיר פֿאַר נויטיג אָנצומערקען אין צוויי ווערטער די וויכטיגע עטאַפּען פֿון דער ענטוויקלונג.

אין 64=טען יאָהר איז געגרינדעט געוואָרען דער אינטערנאַציאָנאַל, און זיינע סעקציעס זענען אויפֿגעקומען אין פֿראַנקרייך. די טהעטיגקייט פֿון די סעקציעס, וועלכע איז לכתחילה אונבעמערקבאַר געווען, ציהט צו צו זיך די אַלגעמיינע אויפֿמערקזאַמקייט אין דער צווייטער העלפֿט פֿון די 60=גער יאָהרען און האָט אויסגעשטעהן פֿערשידענע רדיפֿות מצד דער רעגירונג. נאָר ס'איז שוין אָבער צו שפּעט. נייע געזעלשאַפֿטליכע קרעפֿטען, מיט אַ נייעם גלויבען אין אַ נאָהענטען נצחון האָבען קיין מורא ניט פֿאַר די רדיפֿות פֿון דער אונענטשלאָסענער און קווינקלענדער רעגירונג, וועלכע פֿערלירט אַלץ מעהר דעם אויטאָריטעט פֿון דער מאַכט. ס'שטעהט אויף אַ נייער דור סאָציאַליסטען און געפֿינט אַ ברייטע פֿלוצלינג אויסגעוואַקסענע אוידיטאָריע. די אַרבייטער=אָרגאַניזאַציעס וואַקסען און מעהרען זיך אונגעהויער געשווינד. פֿון דעם 68=טען יאָהר אָן פֿיהלען אַלע די נאָהענטקייט פֿון דעם סוף. די רעגירונג איז געצוואונגען צו געבען פֿרייהייט פֿון פּרעסע און פֿעראיינען. דער געוועזענער רעפּובליקאַנער עמיל אָליוויע ווערט בעשטימט פֿאַר אַ מיניסטער. נאָר דאָס אַלץ איז שוין צו שפּעט. געשווינד פֿערשפּרייטען זיך די סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע אידעען. ס'קומט פֿאַר אַ רייהע פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס, און אין 69=טען יאָהר געהט דורך איבער'ן גאַנץ לאַנד אַ אונגעהויערע כוואַליע פֿון שטרייקען. ווי איינער, וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך פֿאַר אַ שטרוי, כאַפּט זיך אָן נאַפּאָלעאָן אויף אונטערצוהאַלטען זיין ממשלה פֿאַר אַ מלחמה — מיט פּרייסען, און די דאָזיגע מלחמה איז געווען זיין קבורה. נאָך דער סעדאַנער מפּלה, אַז דער קייזער האָט אונטערגעגעבען די אַרמעע און זיך אַליין אָבגעגעבען אין געפֿאַנגשאַפֿט ביסמאַרק'ן, ווערט דעם 4=טען סעפּטעמבער 1870 פּראָקלאַמירט אין פּאַריז אַ רעפּובליק. און דעם 18=טען מערץ 1871 בּרעכט אויס אַנ'אונערהערטע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, וועלכע איז בעקאַנט אונטערן נאָמען די פּאַרידזער קאָמונע.

# צום אַכציגיאָהריגען יוביליום
# פונ'ם גראַף לעאָ טאָלסטאָי

## 1828—1908.

I

אַ דאַנק דער אויסגעקלעהרטער מיטהילף פון דער רעגירונג, איבערהויפּט פונ'ם הייליגען סינאָד, האָט טאָלסטאָי'ס יובל בעקומען אַ כאַראַקטער פון אַ פּאָליטישער דעמאָנסטראַציע, הגם אַזאַ פּאַסט זיך דורכאויס ניט צו דער בעדייטונג פונ'ם „גרויסען שרייבער רוסלאַנד'ס". מיט אונזער רעגירונג טרעפט עס אָפט אַז זי שטעלט זיך אַ געוויסען ציעל — דעם מאָל איז איהר ציעל געווען קעמפּפען מיט טאָלסטאָי'ס געזעלשאַפטליך-רעליגיעזע מיינונגען און מיט זיין טעטיגקייט — און מיט איהרע קלוגע פּראַקטישע טריט דערשלאָגט זי זיך אַזעלכע רעזולטאַטען, וועלכע זענען פּונקט דער היפוך פון דעם ציעל, וואָס זי האָט זיך געשטעלט. ווען די רעגירונג וואָלט דעם מאָל לפּחות בעפרייט די רוסלענדער בירגער פון איהר מוטערליכער השגחה, וואָלט דער יום-טוב פונ'ם גרויסען שרייבער אָנגענומען גאָר אַנ'אַנדער כאַראַקטער. סיי די קולות פונ'ם הייסעל שוואַרצע פאַנאַטיקער, די פערביסענסטע געגנער פון טאָלסטאָי'ס רעליגיעזע פּרינציפּען, סיי די קולות פון די אָנהענגער פון זיין וועלטאָנשויאונג וואָלטען דאַן דערטרונקען געוואָרען אין דעם אַלגעמיינעם כאָר קולות פון די, וואָס פערעהרען און פייערן טאָלסטאָי'ען אַלס אַ נאַציאָנאַלען און אַלוועלטליכען קינסטלער, אַלס אַ געני און וועלכע איגנאָרירען איהם כמעט אַלס שעפער און פּרעדיגער פון אַ געזעלשאַפטליך-רעליגיעזער אוטאָפּיע.

II

שווער צו געפינען נאָך אַזאַ קינסטלער, ביי וועלכען דער אינהאַלט און די פאָרמע פון שעפונג זאָלען זיין אַזוי ענג צוזאַמענגעבונדען מיט זיין פּערזענליכען לעבען, ווי מיר געפינען עס ביי טאָלסטאָי'ען. כמעט אַלע זיינע ווערק, סיי די קינסטלערישע, סיי די פילאָזאָפישע זענען אין אַ בעדייטענדער מאָס אַ זעלטען-אָביעקטיווע בעשרייבונג פון אויטאָרס סוביעקטיווע איבערלעבונגען. דער גאַנצער אינהאַלט פון זיין לעבען איז שעפונג. דער אינהאַלט פון זיין שעפונג חידער איז אין אַ גרויסער מאָס בעשטימט געוואָרען דורך זיין לעבען, אַ לעבען אַ ערשטוינענדעס נאָך די שטאַרקייט פון די איבערלעבונגען, אַ זעלטען רייכעס מיט גייסטיגע כחות. דערום קאָן מען זאָגען, אַז ערלערנען טאָלסטאָי'ס קינסטלערישע שעפונג הייסט ערלערנען איהם זעלבסט. און אויב טאָלסטאָי'ס שעפונג האָט ערוועקט אַזאַ אונגעוועהנליכען אינטערעס, האָט דערצו אַ סך מיטגעהאָלפען זיין אונגעוועהנליך, שטאַרק דראַמאַטישעס לעבען. און נאָך שטאַרקער איז דער אינטערעס געוואָרען, אַ דאַנק דער אייגענאַרטיגער לאַגע, אין וועלכער טאָלסטאָי האָט זיך שטענדיג געפונען — אַ דאַנק זיין איינזאַמקייט. איינמאָל אָנגעהויבען אַ קאַמפּף מיט דער סביבה, וואָס אַרום איהם, האָט טאָלסטאָי זיין גאַנצען לעבען דעם קאַמפּף געפיהרט איינזאַם. ער איז ניט צוגעשטאַנען צו קיין איין געזעלשאַפטליכער בעוועגונג אין רוסלאַנד און מיט זיין פּרעדיגען

ווידער האט ער אויך ניט בעשאפען קיין שום מעהר אדער וועניגער בעדייטענדע געזעלשאפטליכע שטרעמונג. א גרויסער שונא פון די עקזיסטירענדע געזעלשאפטליכע פערהעלטניסע, בעציהט ער זיך פון דעסטוועגען מיט ניט קיין קלענערע שנאה צו די כחות, וועלכע קעמפפען געגען דער היינטיגער ארדנונג. אליין א קריסט שטעהט ער אויף געגען דעם היינטיגען קריסטענטום. דערום האט טאלסטאי כמעט אלע איבערלעבונגען זיינע געשעפט פון די טיפעניסען פון זיין אייגענער גרויסער, איינזאמער נשמה. נאך דער גרונד־אייגענשאפט פון זיין נאטור איז ער אלע מאל געגאנגען מיט זיין אייגענעם וועג, און האט זיך ניט אונטערגעגעבען דעם איינפלוס פון די הערשענדע טעאריען, ריכטונגען און שטרעמונגען. אין דעם שטעקט די סבה פון דער קאלאסאלער בעדייטונג, וואס טאלסטאי האט געהאט אלס קינסטלער און פון דער קליינער דורכאויס ניט וויכטיגער בעדייטונג, וואס דער זעלביגער טאלסטאי האט געהאט, אלס געזעלשאפטליך־רעליגיעזער פרעדיגער.

אין א קורצען ארטיקעל איז דורכאויס אונמעגליך צו געבען א כאראקטעריסטיק דעם רייכען לעבען און שאפונג פון „דעם גרויסען שרייבער רוסלאנד׳ס“. איך וועל נור דערמאנען דעם לעזער די וויכטיגסטע עטאפען פון טאלסטאי׳ס לעבען און אנמערקען די הויפט סמנים פון זיין קינסטלערישער שאפונג און געזעלשאפטליכע פרינציפען.

———

טאלסטאי איז געבארען געווארען דעם 28־טען אויגוסט 1828; נאך זיין יחוס געהערט ער צו דער העכסטער רוסישער אריסטאקראטיע. כמעט אלע גרויסע ווערק טאלסטאי׳ס („די קינדהייט“, „יונגלינגס־יאהרען“, „יוגענד“, „מלחמה און שלום“, „אננא קארענינא“) גיבען א סך אויטאביאגראפישען שטאף. עס איז נויטיג געווען א גרויסע גייסט־קראפט, כדי ביסלעכווייס, בלויז מיט דער הילף פון א שטארקער געדאנקען־ארבייט, אויסצווארצלען פון זיך איינעם נאך דעם אנדערן אלע פאראורטיילען און די גאנצע מאראל, וועלכע ער האט בעקומען בירושה פון אזוי פיעל דורות און וועלכע האט געהערשט אין דער גאנצער סביבה ארום איהם.

שוין אין דער קינדהייט האבען די נאהענטע און קרובים פונ׳ם גרויסען שרייבער אנגעמערקט די לעבהאפטיגקייט און זאנדערבארקייט פון זיין כאראקטער, זיי האבען אנגעמערקט אויך דאס, אז פיעלע מעשים זיינע קומען דורכאויס אונגעריכט. זיין זעלטענע איינדרוקספעהיגקייט מערקט טאלסטאי אליין אן אין זיין פאמיליען־כראניק. טאלסטאי׳ס קינדהייט ענדיגט זיך אויף זיין דרייצעהנטען לעבענסיאהר, בעת ער פאהרט אריבער אין קאזאן. ביי זיין מומען אין הויז פאלט ער אריין אין דער סביבה פון אריסטאקראטיע, וועלכע פערברענגט א פרעהליך לעבען. דא איז שוין קיין זכר אפילו ניט געווען פון דעם פשוט׳ען דארפיגען לעבען אין „יאסנאיא פאליאנא“; די עהרגייציגע מומע (אין יענער צייט זענען שוין ביי טאלסטאי׳ען די עלטערן געשטארבען) זעהט מיט אלע מעגליכקייטען איהם צו צוגרייטען צו זיין צוקינפטיגער גלענצענדער קאריערע. צו 15 יאהר קומט ער אן אין אוניווערזיטעט. דער קאזאנער אוניווערזיטעט פון יענער צייט האט ניט איבעריגס פערדינט צו טראגען דעם גרויסען נאמען „אוניווערזיטעט“. קיין שום וויסענשאפט האט מען דארטען ניט געלערענט; און אין דער אמת׳ן האט קיינער ניט געפיהלט קיין בעדערפניס אין וויסענשאפט. די סטודענטען זענען איבערהויפט בעשטאנען פון פריצישע קינדער, וועלכע זענען אנגעקומען

אין אוניווערזיטעט בלויז צוליעב דעם, כדי צו בעקומען געוויסע פריווילעגיעס ביים דורכגעהן דעם דיענסטלייטער אלס בעאמטע. עס איז קלאהר, אז די וויסענשאפט פון אוניווערזיטעט האט ביי טאלסטאי'ען געקאנט ערוועקען נאר א קליינעם אינטערעס. כמעט זיין גאנצע צייט פערברענגט ער אין „וועלטליכע" פערגעניגענס און הוליאנקעס. נור הגם דער דאזיגער פעריאד פון זיין לעבען זעהט אויס פון אויסווענינג אזוי ארעם, איז ער דאך געווען רייך מיט אינעווענינסטען קאמפף. ביים יונגען טאלסטאי אין דער נשמה איז ניטא קיין גאנצע, איינהייטליכע שטימונג. דער ווארעם פון זעלבסטאנאליז לאזט איהם ניט אב אויף איין מינוט אפילו. פעריאדען אין וועלכע ער גיט זיך שטירמיש איבער צו פערגעניגען פונם קערפערליכען לעבען בייטען זיך אום אויף פעריאדען פון פאלער קראפטלאזיגקייט אדער שטירמישען יאוש. זיין קאפריזער, ניט איינגעשטילטער געפיהל קאן זיך ניט צופריעדען שטעלען, ער זוכט עפעס בעסערס, פאלקאמערעס. אויפ'ן באדען פון דעם דאזיגען קרענקליכען זוכען איז אויסגעוואקסען טאלסטאי'ס איינזאמקייט. אין זיינע ערינערונגען כאראקטעריזירט טאלסטאי אליין דעם דאזיגען פעריאד פון זיין גייסטליכער ענטוויקלונג אזוי:

„אין משך פון דעם יאהר, אין וועלכען איך האב פערבראכט א איינזאמען, אין זיך זעלבסט ארייננגעטאנענעם מאראלישען לעבען, האבען זיך מיר שוין פארגעשטעלט אלע אבסטראקטע פראגען וועגען דעם תכלית פונ'ם מענשען, וועגען דעם צוקונפטיגען לעבען, וועגען השארת הנפש, און מיין קינדערשער שוואכער שכל האט מיט דעם גאנצען ברען פון ניט געניטקייט זיך געמיהט די פראגען קלאהר צו מאכען".

טאלסטוי'ס שטירמישע גייסטיגע איבערלעבונגען האבען ביי די ארומיגע קיין שום מיטגעפיהל ניט געפונען. „מיין גוטע מאמע", שרייבט טאלסטוי מיט איראניע, „א העכסט ריינע בעשעפעניש, פלעגט מיר שטענדיג זאגען, אז מעהר ווי אלץ פערלאנגט זי פאר מיר, איך זאל האבען א פערבינדונג מיט א פרוי, וואס האט א מאן. נאך א גליק האט זי מיר געוואונשען, איך זאל זיין אנ'אדיוטאנט, און בעסער ווי אלץ ביים קיסר, און דעם גרעסטען גליק — איך זאל חתונה האבען מיט א רייך מיידעל און זאל האבען וואס מעהר קנעכט". ארעמע מאמע! האט זי דען געקענט ערווארטען, אז דער קאנדידאט צו ווערען אנ'אדיוטאנט ביים קיסר וועט זיך אין טאג פון זיין אכציגיאהריגען יובל בעטען, ווי א חסד, א אנגעזייפטען שטריק אויף זיין אלטען האלז, אלס שכר פאר זיין דיענען זיין געליעבטען פאלק.

אין יענער צייט האבען זיך שוין אנגעהויבען צו בעווייזען אין אוניווערזיטעט איינצעלנע פארשטעהער פון יענער ניט-פריצישער אינטעליגענץ, (ראזנאטשינצעס, ווי מען רופט זיי אין דער רוסישער ליטעראטור), וועלכע ס'איז אין גיכען אויסגעקומען צו שפיעלען א גרויסע ראליע אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען פון רוסלאנד. נור די אלטע פריצישע געוועהנהייטען האבען טאלסטוי'ען פון דעם עלעמענט אבגעשטויסען. צופעליגערווייזע, אין קארצער פון אוניווערזיטעט, בעגעגענט זיך טאלסטוי מיט איינעם א ראזנאטשינעץ, מיט'ן סטודענט באזאריעוו; ער איז מיט איהם בעפריינדעט געווארען און, לויט זיינע איינענע ווערטער, האט די פריינדשאפט פאר איהם ענטפלעקט „א נייעם בליק אויפ'ן לעבען, אויף זיין ציעל און פערהעלטעניסע. דער תוך פונ'ם בליק איז בעשטאנען אין דער איבערציינונג, אז דער תכלית פונ'ם מענשען איז שטרעבען צו ווערען וואס פאלקאמער אין גוטע מדות, און אז די פערפאלקאמונג איז לייכט, מעגליך,

און אויבּיג״. פון אָנפאַנג האָבּען די נײַע געדאַנקען געהאַט אַ קלײנעם אײנפלוס אויף טאָלסטוי׳ס לעבּען. „עס איז אָבּער געקומען, דערצעהלט ער ווײַטער, אַ צײַט, ווען די דאָזיגע געדאַנקען זענען מיר אַרײַן אין קאָפּ מיט אַזאַ פרישען כּח פון אַ מאָראַלישער ענטדעקונג, אַז איך האָבּ זיך דערשראָקען, אַ טראַכט געגעבּענדיג, וויפיעל צײַט איך האָבּ פערלאָרען אומזיסט, און גלײַך אין דער זעלבּער רגע האָט זיך מיר פערוואָלט אָנווענדען די דאָזיגע געדאַנקען אין לעבּען, מיט אַ פעסטען ווילען קײן מאָל מעהר פון זײ ניט אָבּצוטרעטען. און פון יענער צײַט אָן רעכען איך מײַן יוגענד״. „אָט די שטימע פון הרטה און לײַדענשאַפטליכען פערלאַנג צו פאָלקאָמענהײַט איז געווען דער וויכטיגסטער נײַער געפיהל פון מײַן נשמה אין יענער עפּאָכע פון מײַן ענטוויקלונג, און זי האָט דאָס אַוועקגעלעגט נײַע גרונדשטײנער פאַר מײַן בּליק אויף זיך זעלבּסט, אויף די מענשען און אויף גאָט׳ס וועלט״.

ווי מיר זעהען, זענען שוין אין יענע יוגענדליכע יאָהרען געלעגט געוואָרען די יסודות פון דער גאַנצער וועלטאַנשויאונג טאָלסטוי׳ס. ווײַטער וועלען מיר זעהן, אַז טאָלסטוי׳ס גײַסטליכער געשטאַלט האָט זיך אויסגעלעגט בּיסלעכווײַז מיט אַ וואונדערבּאַרער האַרמאָנישער פאָלגערונג.

אין 1847 וואַרפט טאָלסטוי אַוועק דעם אוניווערזיטעט און קעהרט זיך אום אַהײם אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. אין יענער צײַט הויבּען זיך שוין אָן אָניכּלעגען זײַנע געזעלשאַפטליכע סימפּאַטיען; ער זאָגט זיך אָבּ פוי אַ גלענצענדער קאַריערע און בּעזעצט זיך אין דאָרף; דעם ציעל דערפון בּעשרײַבּט ער אַלײן עמוואָס נאַאיוו אויף אַזאַ אופן: „איך געה אַרויס פון אוניווערזיטעט, כּדי אָבּצוגעבּען זיך דעם לעבּען אין דאָרף, ווײַל איך פיהל, אַז איך בּין פאַר דעם געבּאָרען. די הויפּט שלעכטס בּעשטעהט אין דעם, וואָס די לאַגע פון׳ם פויער איז העכסט טרויעריג, העכסט קלעגליך. און די שלעכטס איז אַזעלכע, וועלכע מען קאָן פערריכטען בּלויז מיט האָרעוואַניע און געדולד. איז ניט מײַן הײליגער און דירעקטער חוב צו זאָרגען פאַר דעם גליק פון די דאָזיגע זיבּען הונדערט מענשען (טאָלסטוי׳ס לײַבּאײגענע), פאַר וועלכע איך וועל דאַרפען גאָט אַנ׳ענטפער געבּען... און צו וואָס זאָל איך זוכען אין אַנ׳אַנדער ספערע צופאַלען נוטציג צו זײַן און גוטס צו טהאָן, ווען פאַר מיר ענטדעקט זיך דער גלענצענדסטער און נאָהענטסטער חוב. איך בּין אַוועק אויף אַ דורכאויס בּעזונדערען וועג, נור דער וועג איז אַ גוטער, און, איך פיהל, ער וועט מיר בּרענגען צום גליק״.

ווי מיר זעהען, געהען טאָלסטוי׳ס טרוימען אין יענעם מאָמענט ניט ווײַטער פון אַ פרידליכער פּאַטריאַרכאַל-פּעאָדאַלער אידיליע. נור אין דער טיעפער ערנסטקײַט, מיט וועלכער ער נעהמט זיך „גוט אײַנאָרדנען״ זײַנע זיבּען הונדערט לײַבּאײגענע פויערים, פיהלט זיך שוין, אַז ער וועט זיך בּײַ דעם ניט אָבּשטעלען, אַז ער וועט אונפערמײַדליך מוזען שטעלען אין דער ריכטונג ווײַטערדיגע ענטשלאָסענע טריט. דאָס איז שוין אַנ׳אָנהויבּ צו יענער שטימונג פון „די פריצים—בּעלי-תשובה׳ניקעס״, וועלכע כאַראַקטעריזירט אַ גאַנצע גײַסטליכע עפּאָכע אינ׳ם לעבּען פון דער רוסישער אינטעליגענץ, אַ שטימונג, וועלכע האָט זיך בּײַ טאָלסטאָי׳ען אויסגעדריקט אין דורכאויס אָריגינעלע פאָרמען.

טאָלסטוי איז אַ „נאַראָדניק״, אָבּער פון אַ בּעזונדער אײגענאַרטיגער שאַטירונג. אין דער צײַט, ווען אַנדערע „נאַראָדניקעס״ ווילען צושרײַבּען דעם פאָלק די בּעגריפען, וועלכע די אינטעליגענץ האָט בּעקומען צוזאַמען מיט דער אײראָ-

פּײַאישער קולטור. אָדער זיי זוכען אין דער װעלטאַנשױאונג פון׳ם פּאָלק ספּע־
ציפישע עלעמענטען אויף אויסצוארבײַטען זײַערע אײגענע אידעאַלען — טרעט פאר
טאָלסטױ׳ען אַרויס אויס׳ן ערשטען פלאַן דער פּסיכאָלאָגישער, מאָראַלישער זײַט
פון דער פראַגע. ער האָט פערלאָרען דעם גלויבען אין דער גאַנצער סביבה, וואָס
אַרום איהם; זי רופט אין איהם אַרויס נור אָבשײַ, און דאָס פּאָלקס־לעבען, די
פּאָלקס־מאָראַל ציהט איהם צו, ווי עטוואָס נײַעס, גענענזעצליכעס. איהם ציהט צו
די אײנפאַכקײַט, די אינסטינקטמעסיגקײַט, ניטגעקינצעלטקײַט פון׳ם פּאָלקס־לעבען.
טאָלסטױ דערגעהט אויף דעם װעג ביז׳ן סוף. דער סאָלדאַט קאַראַטאַיעװ אין
ראָמאַן „מלחמה און שלום“ איז פאַר איהם די פּערקערפּערונג פון דער אײנפּאַכ־
קײַט, אמת און שענהײַט, װעלכע הערשען אינ׳ם פּאָלקס־לעבען. טאָלסטױ׳ען
דוכט זיך, אַז אַ דאַנק דער אײנפּאַכהײַט פון זײַן לעבען, אַ דאַנק זײַן נאָהענטקײַט
צו דער נאַטור, האָט דער רוסישער פּויער אין דער טיעפענים פון זײַן נשמה
די העכסטע יסודות פון מאָראַל. טאָלסטױ הערט זיך צו צו די מאָראַלישע
אָנשױאונגען פון די פּויערים, ער זאָגט, אַז די פּויערישע קינדער האָבען איהם אויס־
געלערענט שרײַבען.

עס איז קײַן ספק ניט, אַז דאָס לעבען פון דער גרויסער, גרויער פּויערשער
מאַסע האָט געהאַט אַ גרויסען אײנפלוס אויף טאָלסטױ׳ס גאַנצע װעלטאַנשױאונג.
איהר פערשלאָגענקײַט, וואָס דויערט שוין הונדערטער יאָהרען, איהר הכנעה
פאַר די קלעפּ פון דעם שיקזאַל, איהר „ניט אַנטקעגען שטעלען זיך“ — האָבען בע־
שאַפען דעם פונדאַמענט פאַר טאָלסטאָי׳ס פילאָזאָפיע פון „ניט װעהרען זיך געגען
די שלעכטס מיט גוואַלט“. טאָלסטױ׳ס געזעלשאַפטליכע בליקען זענען אינגאַנצען
דורכגעדרונגען מיט די אידעאַלען פון׳ם פּויער פון יענער אַלטער צײַט, פון׳ם
פּויער, וואָס האָט זיך נאָך ניט קאַפּיטאַליזירט און צוליעב דעם גופא געפינט
זיך זײַן גאַנצע לעהרע אין אַזאַ סתירה מיט די שטימונגען, מײנונגען און בעװעגונג
פון׳ם נײַעם רוסישען דאָרף, פון דאָרף, וואָס װאַכט אויף צו אַ נײַעם־לעבען.

די אַלע מײנונגען האָבען זיך בײַ טאָלסטױ׳ען צונויפגעלעגט ביסלעכוויס.
צוקוקענדיג זיך אין דאָרף געהענטער צום לעבען פון זײַנע פּויערים, צײַגט
זיך דער גראַף וואָס װײַטער אַלס מעהר איבער, אַז קײַן שום פילאַנטראָפּיע קען
זיי ניט העלפען, כל זמן עס עקזיסטירט די לײַבאײגענשאַפט. „די נײַע הומאַ־
ניטעט, לענט ער אַרײַן אין מויל דעם גוטסבעזיצער נעקליודאָװ׳ן, װערט פאַרפאַלען
אָהן אַ נוטץ און ברענגט אפילו שאָדען, װען זי קומט אין בערירונג מיט
די אַלטע פאָרמען פון לײַבאײגענשאַפט“. טאָלסטאָי פערליהרט דעם גלויבען אין
זײַן אַרבײַט, פאָהרט אין פּעטערבורג, הויבט אָן אָבגעבען די עקזאַמענס אין
אוניװערזיטעט, נור ער װאַרפט זיי אַװעק אין מיטען און קעהרט זיך אום צוריק
אין דאָרף, וואו ער װאָהנט ניט אַרויספאָהרענדיג ביז 1851. אין 1851 קומט טאָלסטױ
אָן אין מיליטער־דיענסט אויף קאַװקאַז. אין 1852 האָט ער אָנגעשריבען זײַן
ערשטע װערק „די קינדהײַט“; ער האָט זי אָבגעשיקט אין „סאָװרעמעניק“, אַ זשור־
נאַל, װעלכער איז דאַן אַרויסגעגאַנגען אונטער נעקראַסאָװ׳ס רעדאַקציע. זײַן
ערשטע װערק האָט באַלד ערװעקט די אַלגעמײנע אויפמערקזאַמקײַט. אויף קאַװ־
קאַז כאַפּט טאָלסטױ׳ען אָן אַ גרויסער דורשט „צו װערען אײנפאַך““ אַ פריהער
אין דער פאָרם פון דערנעהענטערן זיך צו דער נאַטור. „גליק — דאָס איז — זײַן
מיט דער נאַטור, זי זעהן, מיט איהר רעדען“. געפינענדיג זיך שטענדיג אין דער
געזעלשאַפט פון קאַזאַקען און סאָלדאַטען, האָט טאָלסטױ ליעב בעקומען דאָס
פּשוט׳ע פּאָלק. ער האָט עס ליעב בעקומען שוין מיט׳ן האַרצען און ניט נור מיט׳ן שכל.

צוזאַמען מיט׳ן פערלאַנג צו ווערען איינפאַכער, הויבען זיך אָן אויפלעבען זײַנע „נאַראָדניקשע“ סימפּאַטיעס, הויבט זיך אָן זײַן טיעפעס פערעהרען, פאַלען כורעים פאַר די טיעפקײַט און איינהײַטליכקײַט פון דער פאָלקס־נשמה. אין די צוויי ווערק, וועלכע ער האָט דאַן אָנגעשריבען, „דער פריהמאָרגען פון גוטס־בעזיצער“ און „די יונגלינגס־יאָהרען“ איז שוין די דאָזיגע נײַע שטימונג שטאַרק קענטיג.

אין 1853 האָט זיך אָנגעהויבען די קרימער מלחמה, וועלכע האָט געשפּיעלט זעהר אַ גרויסע ראָליע אין׳ם לעבען פון רוסלאַנד: דורך איהר איז די לײַבאײגענשאַפט געפאַלען גיכער, ווי מען האָט עס געקענט ערוואַרטען. טאָלסטוי געהט איבער אין דער ווידקענדער אַרמעע און נעמט דירעקט אַנטייל אין אַ גאַנצע רייהע געפעכטען. איהם האָבען ערוואַרטעט אָרדענס און העכערע טשינען, נור זײַן „ווידערשפּעניגקײַט“ האָט איהם געשאַדט: ער האָט אָנגעשריבען אַ סאַטירישע ליעד, אין וועלכער ער האָט אָבגעלאַכט פון די הויפּט אָנפיהרער פון דער אַרמעע. דאָס ליעד איז געגאַנגען פון האַנד אין האַנד און, ס׳פערשטעהט זיך, אַז דער אויטאָר האָט ניט געקאָנט געפעלען ווערען בײַ „נאַטשאַלסטוואָ“.

אין סעוואַסטאָפּאָל הערט אויך טאָלסטוי זײַן ליטעראַרישע אַרבײַט ניט אויף. דאָ שרײַבט ער זײַנע „סעוואַסטאָפּאָלער סקיצען“, וועלכע האָבען איהם מיט אַ מאָל אַוועקגעשטעלט אין איין שורה מיט טורגענעוו׳ן, נעקראַסאָוו׳ן און די איבעריגע שוין בעריהמטע שרײַבער. אין די אויבענדערמאָהנטע סקיצען ווערט טאָלסטוי נאָך מעהר נתפעל פון דער איינפאַכקײַט און קלאָהרקײַט פון דער פאָלקס־נשמה און פונ׳ם רוסישען סאָלדאַט, וואָס זײַן העלדענמוט איז איין אֶמת׳ע, ניט נור לפנים וועגען. דאָ פערקלעהרט זיך טאָלסטוי אויך צום ערשטען מאָל איבער די אונזיניגקײַט און שרעקען פון מלחמה, דער דאָזיגער מאַסענהאַפטער ברודער־מערדערײַ.

אין 1855 קעהרט זיך דער זיבען און צוואַנציג־יאָהריגער אָפיצער טאָלסטוי אום אין פּעטערבורג. פאַר איהם איז אָפען אַ גלענצענדע קאַריערע. נור די שרעקען פון דער מלחמה האָבען נאָך פערשטאַרקט דעם אינעווייניגסטען קאַמפּף פון זײַן נשמה. דער קרײַזעל בעריהמטע ליטעראַטען נעהמט איהם אויף מיט אָפענע אָרעמס; נור טאָלסטוי קאָן זיך מיט קיינעם פון זיי ניט אויסגעהן. ער פיהרט מיט זיי די פערביסענסטע שטרײַטען, ער בעשולדיגט זיי, אַז זיי פעהלען פעסטע פּרינציפּען. ער האָט ניט געקאָנט איבערטראָגען די זעלבסטצופרידענקײַט, וועלכע האָט געהערשט אין די ליטעראַרישע קרײַזלעך.

אין זײַנע ערינערונגען וועגען יענעם פּעריאָד שרײַבט טאָלסטאָי: „מענשען זענען מיר מאוס געוואָרען, און אַליין זיך בין איך אויך מאוס געוואָרען. איך האָב פערשטאַנען, אַז אין אונזער זעלבסטפערפיהרונג האָבען מיר ניט בעמערקט, אַז מיר ווייסען גאָר נישט, אַז מיר ווייסען ניט די הויפּטזאַך, אַז אויף די איינפאַכסטע און צוזאַמען מיט דעם אויך די איינציג־וויכטיגסטע פראַגע פונ׳ם לעבען: וואָס איז גוטס און וואָס איז שלעכטס — קאָנען מיר ניט געפינען קיין שום געניגען ענטפער“. און אין דער זעלבער צײַט קומט שוין טאָלסטוי צו דעם בעשלוס, אַז „גליק איז אָט וואָס... גליק איז—לעבען פאַר אַנדערע“.

צוליעב מאַנגעל אין פּלאַץ האָב איך ניט די מעגליכקײַט זיך אָבצושטעלען אויף די ווײַטערדיגע עטאַפּען אין טאָלסטוי׳ס לעבען. איך וועל נור אין קורצען דערמאָנען די וויכטיגסטע פון זיי. צוויי מאָל איז ער געפאָהרען אין אויסלאַנד (אין 1857 און 1859), וואו ער האָט זיך איבערהויפּט בעקאַנט געמאַכט מיט

די דאָרטיגע פּעדאַגאָגיק, כדי ער זאָל קענען בעסער איינשטעלען די שול, וואָס ער האָט געגרינדעט ביי זיך אין דאָרף. לויט דער אַלגעמיינער מיינונג האָט טאָלסטוי אַוועקגעשטעלט זיין שול אויסגעצייכענט און דערצו אויך העכסט אָריגינעל. אין דער זעלבער צייט האָט ער אָנגעהויבען אַרויסגעבען אַ פּעדאַגאָגישען זשורנאַל „יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ“.

זעהר אַ גרויסען איינדרוק האָט אויף טאָלסטוי׳ען געמאַכט דער טויט פון זיין עלטערן ברודער און איינציגען פריינד. דער דאָזיגער טויט האָט אַרויפגעלעגט אַ שאַרפען דונקעלען שטעמפּעל אויף טאָלסטוי׳ס ווייטערדיגען לעבען און אויף זיינע מיינונגען; ער האָט איהם גענויט איבערצושאַצען אַלע לעבענסווערטען. דאָס לעבען האָט איהם גענומען אויסזעהן, ווי אַ נאַרישע, אונזיניגע שפּיעלכעל, און ווייטער וועלען מיר זעהן, אַז נור נאָך אַ לאַנגען און פּיינליכען קאַמפּף האָט זיך איהם איינגעגעבען צו געפינען אין זיין גלויבען דעם זינן פון׳ם לעבען און זיין בערעכטיגונג. ביז דאַן אָבער איז די גאַנצע שעפּונג זיינע אונטער דעם איינפלוס פון׳ם שטענדיגען טראַכטען וועגען טויט געפאַרבט געווען אין אַ פינסטערען פּעסימיסטישען קאָליר.

די אַרבייט אין שול האָט ט. אָלסטוי׳ען נעהענטער געמאַכט מיט דער פּויערים-וועלט. די דאָזיגע ערנעהענטערונג האָט גענויט טאָלסטאָי׳ען איבער-צוקוקען די בעדייטונג, וואָס זיין אייגענע ליטעראַרישע טעטיגקייט האָט פאַר׳ן פאָלק. „אונזער ליטעראַטור, שרייבט ער אין 1861, נעמט זיך ניט אָן און ווערט זיך ניט אָנגענומען ביים פאָלק; ביז אַהער איז פון דער בוכדרוקעריי פאַר׳ן פאָלק קיין נוצען ניט אַרויסגעקומען; דער פּראָגרעס פון בוכדרוקעריי איז אַ מאָנאָפּאָל ביי אַ בעוואוסטען קלאַס פון דער געזעלשאַפט“.

צו 34 יאָהר האָט טאָלסטוי התונה געהאַט און דאָס גליקליכע פאַמיליען-לעבען האָט אויף אַ צייט און פון אויסוועניג בערוהיגט זיין שטורמיש-זוכענדען גייסט. פאַר דער צייט האָט טאָלסטוי אָנגעשריבען זיינע גרעסטע ווערק: „מלחמה און שלום“ און „אַננאַ קאַרענינאַ“. ס׳פערשטעהט זיך, אַז אין עטליכע שורות איז אונמעגליך די דאָזיגע ריזענהאַפטע ווערק צו בעטראַכטען. דעם זאָגענאַנטען „קריזיס“ אין טאָלסטוי׳ס לעבען שרייבט מען געוועהנליך צו דעם יאָהר 1876. נור עס וואָלט געווען אַ גרויסער טעות צו קלערען, אַז דער קריזיס איז געקומען אונגעריכט. פון די פריגע איז שוין קאָנטיג געווען, ווי די עלעמענטען פון דער איצטיגער וועלטאַנשויאונג טאָלסטוי׳ס האָבען זיך צונויפגעלעגט ביסלעכווייס. דער ערשטער פּעריאָד פון טאָלסטוי׳ס לעבען איז אַזוי ענג צוזאַמענגעבונדען מיט דעם לעצטען, ווי עס זענען פעסט צוזאַמענגעבונדען טאָלסטאָי דער פּובליציסט מיט טאָלסטוי דעם קינסטלער. אין 1876 האָט די אינעווייניגסטע גייסטיגע אַרבייט נור אָנגענומען ביי טאָלסטוי׳ען בעזונדער שאַרפע פאָרמען. איהם האָט אפילו אָנגעהויבען צו פערפאָלגען אַ געדאַנק וועגען זעלבסטמאָרד און ס׳זענען נויטיג געווען אונגעוועהנליכע אָנשטרענגונגען, כדי פון דעם געדאַנק זיך צו בעפרייען. טאָלסטאָי׳ס מעכטיגער גייסט האָט דעם קריזיס אויסגעהאַלטען.

ער האָט זיך בעשאַפען אַ נייעם גלויבען און ער סטאַרעט זיך איינאָרדנען זיין פּערזענליכען לעבען לויט די פאָדערונגען פון דעם דאָזיגען גלויבען. ער האָט אָנגעהויבען פיהרען אַ פּשוט׳ן אַרבייטס-לעבען, האָט אָנגעהויבען פאַרנאַנדערגעבען זיין פערמעגען, שרייבען ביכער פאַר׳ן פאָלק; ער האָט אָרגאַניזירט דעם ביכער-פערלאַג פּאָסרעדניק (פערמיטלער), וועלכער פערשפּרייט נאָך ביז איצט אין מיליאָנען עקזעמפּליאַרען גוטע ביכלעך פאַר׳ן פאָלק.

װעגען די רדיפות, װעלכע טאָלסטאָי האָט געהאַט אױסצושטײן פון דער רעגירונג האַלטען מיר ניט פאַר איבעריג צו דערמאָנען: זײ זענען נאָך פריש בײַ יעדען אין זכרון. די רדיפות האָבען נור נאָך מעהר פערגרעסערט טאָלסטאָי׳ס פּאָפּוליאַריטעט אין רוסלאַנד און אין דער גאַנצער װעלט.

III

טאָלסטאָי איז אַ קינסטלער אַ רעאַליסט. דער רעאַליזם זײַנער לעבט זיך אָבער בײַ איהם אױסגעצײַכענט אײן מיט אַ גרױסער סוביעקטיװיטעט; ער איז שטענדיג טענדענציעז; דעם מאָראַלישען עלעמענט האַלט ער פאַר אַ נױטװענדיגקײַט אין יעדער קונסטװערק. די טענדענץ איז בײַ איהם אַ רעאַליסטישע איז די שילדערונג אַ רעאַליסטישע. דער פּראָפעסאָר אָװסיאַניקאָ-קוליקאָװסקי כאַראַקטעריזירט טאָלסטאָי׳ס קינסטלערישען געני אַזױ:

„בעגאַבט מיט אַ אונגעװעהנליכען טאַלאַנט פון קינסטלערישער שעפונג, אַ אױסגעהאַלטענער רעאַליסט אין קונסט און אַ טיעפער פּסיכאָלאָג, האָט טאָלסטאָי בעשאַפען קונסט-װערטען, װעלכע װעלקען ניט, װעלכע װעלען פון דור צו דור דיענען דער מענשהײַט פאַר אַ שטענדיג פרישען קװאַל צו ערקענען די מענשליכע נשמה. ער האָט ניט געגעבען קײן ברײטע קונסט-טיפּען, װעלכע כאַפּען אַרום אַ גרױסע מאַסע פערשידענאַרטיגע ערשײַנונגען, נור די בערך שמאָלע נאַציאָנאַלע און קלאַסען-טיפּען, װעלכע מיר געפינען אין זײַנע װערק, זענען אױסגעטײַטשט און בעאַרבײַט אַזױ, אַז קײנער פון די גרעסטע קינסטלער פון דער װעלט איז ניט געװען בכח דאָס צו טאָן. אין דעם זינן האָט טאָלסטאָי געגעבען דאָס, װאָס קײנער האָט ניט געגעבען. זײַן שעפונג איז אין אַ הױכען גראַד אינטענסיװ: זי דעקט פאַר אונז אױף די טיפסטע און פערבאָרגענסטע אָבגרונדען פון דער מענשליכער נשמה".

די כאַראַקטעריסטישע סמנים פון זײַן שעפונג זענען — אײנפאַכהײַט און אמת אין די קונסטפאָרמען; איהר געפינט בײַ איהם ניט קײן שום ליטעראַרישע געקינצעלטקײַט; קײנע מליצה; קײן מאָל יאָגט ער זיך ניט נאָך אױסערליכע עפעקטען. די װערק, װעלכע געהערען צום צװײטען פּעריאָד פון טאָלסטאָי׳ס שעפונג, בעת ער איז אַרױף אױפ׳ן װעג פון רעליגיעז-מאָראַלישען פּרעדיגען („איװאַן איליטשעס טױדט", „קרײצער סאָנאַט", „תחית המתים") זענען שױן אינגאַנצען אָבגעפאַרבט אין׳ם קאָליר פון זײַן נײַער װעלט-אַנשױאונג.

אונז בלײַבט איבער אין קורצע װערטער איבערצוגעבען טאָלסטאָי׳ס נײַע װעלטאַנשױאונג.

IV

פריהער פאַר אַלץ האַלט איך פאַר נױטיג נאָך אַמאָל אונטערצושטרײַכלען, אַז טאָלסטאָי׳ס איצטיגע װעלטאַנשױאונג, װעלכע איך װאָלט אַ נאָמען געגעבען אורקריסטליכער אַנאַרכיזם האָט זיך צונױפגעלעגט בײַ טאָלסטאָי׳ען ביסלעכװײַז. שױן אין זײַן פריהסטער יוגענד זוכט ער דעם זינן פון לעבען, און אין 1855 זײַענדיג 26 יאָהר אַלט שרײַבט ער אין זײַן טאָג-בוך: „דער געשפּרעך װעגען גאָטהײַט און אמונה האָט מיך אַרױפגעפיהרט אױף אַ גרױסען גראַנדיעזען געדאַנקען, און איך פיהל מיך פעהיג אָבצוגעבען מײַן לעבען אום דעם געדאַנקען צו פערװירקליכען. דער געדאַנקען איז — בעשאַפען אַ נײַע רעליגיאָן, װעל-

כֿע זאָל זײַן צוגעפּאַסט צו דער ענטוויקלונג פֿון דער מענשהײַט, קריסטוס׳ס רעליגיע, נור ריין פֿון צערעמאָניעס און סודות, אַ רעליגיע אַ פּראַקטישע, וועלכֿע זאָגט ניט צו קיין עולם הבא, נור זי גיט גן עדן אויף דער וועלט...“

מיר זעהען, ווי פּריה דער דאָזיגער געדאַנקען איז טאָלסטוי׳ען אין מה אַרײַן. נור עס זענען געוועזען נויטיג לאַנגע יאָהרען ערפֿאַהרונג און אַ סך האָרעוואַניע, אום דער דאָזיגער יוגענד־געדאַנק זאָל בעקומען זײַן פֿאָלען אויסדריק אין דער הײַנטיגער לעהרע טאָלסטוי׳ס.

איך וויל זיך דאָ ניט אָבשטעלען אויף טאָלסטוי׳ס רעליגיעזער לעהרע. איך וועל נור בעמערקען, אַז זײַן רעליגיע איז דורכֿאויס אַ רעליגיע פֿונ׳ם שׂכל, וועלכֿע איז אָהן אַ שום מיסטיציזם און צוליב דעם אַליין, חוץ אַנדערע סבות, האָט זי ניט געקענט און קאָן ניט האָבען קיין בריי‌טען ערפֿאָלג. „פֿאַר דער אַלוועלטליך־היסטאָרישער ראָליע, אויף וועלכֿע זי רעכֿענט אויס, טויג זי ניט. די ניט רעליגיעזע מינדערהײַט פֿון דער מענשהײַט נויטיגט זיך אין איהר ניט, און די גרויסע רעליגיעזע מעהרהײַט וועט ניט אָננעמען אַ רעליגיע אָהן מיסטיציזם, אָהן סודות, אָהן וואונדער, אָהן צערעמאָניעס“. (אָווס. קוליקאָווסקי). טאָלסטאָי׳ס רעליגיע טראָגט דערום אַזאַ כֿאַראַקטער, ווײַל בײַ איהר שׂעפֿער אין נאַטור איז ניטאָ קיין שום מיסטישער עלעמענט.

אויב טאָלסטאָי׳ס רעליגיע האָט מיט איהר פּאָזיטיווער זײַט געהאַט זעהר אַ אונבעדײַטענדען אײַנפֿלוס, האָט דערפֿאַר זײַן קריטיקירען דאָס אָפֿיציעלע קריסטענטום און די פּראַוואָסלאַווע אמונה אַ גרויסען ערפֿאָלג, און ניט אומזיסט האָט עס געבראַכֿט דערצו, אַז מען האָט אויסגעשלאָסען איהם פֿון קירכֿע (אין 1901) און מחרים געוועזען צום טאָג פֿון זײַן יובֿל.

דער העכֿסטער געזעץ, וועלכֿער דאַרף רעגולירען די מענשליכֿע פֿערהעלטניסע, זאָל לויט טאָלסטאָי׳ס לעהרע זײַן די ליבע. דער פֿון נעמט ער אַרויס זײַן גרונד־פֿערבאָט „ניט ווערען זיך געגען שלעכֿטס מיט געוואַלט“. לויט טאָלסטאָי׳ס מיינונג דאַרף מען דאָס ניט פֿערשטעהן, אַז „יעדער קאַמפּף געגען שלעכֿטס“ איז פֿערבאָטען, עס איז נור פֿערבאָטען אָנצווענדען געוואַלטמיטלען אינ׳ם קאַמפּף געגען שלעכֿטס. הגם לויט דער מיינונג פֿון זײַן שׂעפֿער, הייסט דער געבאָט ניט, אַז איין טייל מענשען איז מחויב זיך אונטערצוגעבען אָהן קאַמפּף אַלץ, וואָס אַ געוויסע הערשאַפֿט וועט זיי פֿאָרשרײַבען“, ווילען מיר אָבער גוט פֿערשטעהן דעם רעאַלען זינן פֿון זײַן פֿערבאָט, געפֿינען מיר דערצו אַ קלאָהרען בילד בײַ טאָלסטאָי גופא אין זײַן מעשׂה׳לע „איוואַן דער נאַר“.

מיר האַלטען פֿאַר נויטיג צו ברענגען דאָ אַ ווײַטעל פֿון דער מעשׂה׳לע. דאָס וועט בעסער ווי אַלץ ווײַזען דעם לעזער, צו וואָס פֿאַר אַ ווילדעם בילד, וואָס פֿאַר אַ שאַנד פֿאַר דער מענשען־ווירדע עס וואָלט זיך בעקומען, ווען דער געבאָט פֿון ניט „ווערען זיך“ וואָלט אַרײַן אין לעבען. אָט איז דאָס ווײַטעל:

„דער טאָראַקאַנישער קיסר איז מיט זײַן חיל אַריבער דעם גרעניץ און האָט געשיקט אַ מחנה פֿאָראויס אָבזוכֿען איוואַנ׳ס חיל. מען וועט פּרופֿען וואַרטען, אפֿשר וועט מען זיי ערגיץ געפֿינען? וועגען איוואַנ׳ס חיל הערט מען אַפֿילו ניט, ניטאָ מיט וועמען מלחמה צוהאַלטען. האָט דער טאַראַקאַנישער קיסר געשיקט די דערפֿער פֿאַרנעמען. די סאָלדאַטען זענען געקומען אין דאָרף, זענען אַרויסגעשפּרונגען די נאַרען, זכרים און נקבֿות, קוקען אויף די סאָלדאַטען און וואונדערן זיך. די סאָלדאַטען האָבען אָנגעהויבען אָבנעמען בײַ די נאַרען די תּבֿואה

זײַערע. די בהמות; די נאַרען גיבען אָב און קײנער װעהרט זיך ניט. די סאָלדאַטען זענען אַװעק אין אַן'אַנדער דאָרף — װידער די אײגענע מעשׂה. די סאָלדאַטען זענען געגאַנגען אײן טאָג, געגאַנגען דעם אַנדערן — אומעטום אַלץ די זעלבּיגע: מען גיט אַלץ אַװעק, קײנער װעהרט זיך ניט און זײ רופען צו זיך װאָהנען. „אויב איך, האַרציגע, זאָגען זײ, לעבּט זיך אין אײער געגענד שלעכט, קלײַבּט זיך איבּער אינגאַנצען צו אונז װאָהנען“. די סאָלדאַטען זענען געגאַנגען אַהער, געגאַנגען אַהין, ניטאָ קײן היל; אומעטום װאָהנען פריידליכע מענשען, שפּײַזען זיך און שפּײַזען אַנדערע, װעהרען זיך ניט און רופען צו זיך װאָהנען. די סאָלדאַטען איז לאַנגװײַליג געװאָרען, זענען זײ געקומען צו זײער טאַראַקאַנישען קיסר. — מיר קענען ניט, זאָגען זײ, מלחמה האַלטען. פיהר אונז אויף אַ נײַעם אָרט. ס'װאָלט גוט געװען, װען אַ מלחמה. אָבער דאָס װאָס איז? גלאַט האַקען. װי קרויט. מיר קאָנען דאָ מעהר ניט מלחמה האַלטען. — דער טאַראַקאַנישער קיסר איז אין כעס געװאָרען און געהײסען זײַנע סאָלדאַטען דורכגעהן די גאַנצע מלוכה, חרוב מאַכען די דערפער, די הײַזער, ברענען די תּבֿואה, הרג'ענען די בהמות — אויב איהר װעט ניט פאָלגען, זאָגט ער, מײַן בעַפעהל, װעט איך אַלעמען, זאָגט ער, זײַן אַ טוידט. — די סאָלדאַטען האָבען זיך דערשראָקען און אָנגעהויבען טאָן, װי דער קיסר האָט זײ געהײסען. אָנגעהויבען ברענען הײַזער, תּבֿואה, הרג'נען בהמות. די נאַרען װעהרען זיך אַלץ ניט, זײ װײנען נור: ס'װײנען זקנים, ס'װײנען קינדער קלײנע. — פאַר װאָס, זאָגען זײ, בעלײדיגט איהר אונז? צו װאָס, זאָגען זײ, פיהרט איהר איבּער צו נישט גוטס? אויב איהר דאַרפט, נעמט בעסער זיך, די סאָלדאַטען איז געװאָרען ביטער און מאוס אויפ'ן האַרצען; װײַטער זענען זײ ניט געגאַנגען, און דער גאַנצער היל איז זיך צולאָפען“.

נאָך דעם קריזיס אין טאָלסטאָי'ס לעבען איז געװען נור אײן צײַט, װען זײַנע געזעלשאַפטליכע מײנונגען האָבען בעקומען אַ צוטריט אין ברײטערע קרײַזען פון דער אינטעליגענץ און האָבען דאָרטען געפונען אָנהענגער. דאָס איז געװען אין די פינסטערע אַכציגער יאָהרען, װען צוליעב די רעאַקציע האָט די אינטעליגענץ פערלאָרען דעם גלויבען אין איהרע פריהערדיגע פּרינציפּען און אידעאַלען. אין אַ אַטמאָספערע פון פאָלער געזעלשאַפטליכער נידערגעשלאָגענקײַט, װאו מען האָט אָנגעהויבען זיך אָבזאָגען פון ברײטע אויפגאַבען און פערבײַטען זײ אויף זעלבּסטפערפאָלקאָמונג איז געװען אַ דאַנקבּאַרער באָדען אויף פערשפּרײטען טאָלסטאָי'ס אידעען. און הגם די אידעען פון „ניט װעהרען זיך געגען שלעכטס“ האָט מען געפּרעדיגט אין נאָמען פון העכסט צעשטערענדע אידעאַלען, האָבען זײ דאָך אָהן אַ שום ספק, ניט װילענדיג, געבּראַכט נוטצען דער רעאַקציע פון די אַכציגער יאָהרען.

טאָלסטאָי'ס גאַנצע לעהרע, אַלע זײַנע טעזיסען פעהלט אינגאַנצען יעדע היסטאָרישע פערספּעקטיװ: ער אָפּערירט מיט אַבּסאָלוטע בעגריפען, בעגריפען, פאַר אַלע צײַטען, אַלע ערטער און אַלע אומשטאַנדען. ער װאַרפט אָב יעדעס רעכט, יעדען געזעץ, װײַל „די געזעצען פערגרעסערן נור די שלעכטס“ און „אויף איבּערהאַקען דאָס שלעכטס איז פאַראַנען נור אײן װעג“ „בעצאָלען מיט גוטס פאַר שלעכטס“. ער װאַרפט אָב יעדען מענשליכען געריכט צוליעב דעם, װאָס „מענשען קאָנען ניט זײַן רײן פון אַ טעות“. אָבּװאַרפענדיג יעדעס רעכט, מוז טאָלסטאָי אונפערמײַדליך אָבּװאַרפען אויך דעם שטאַאַט, װײַל דער שטאַאַט איז דאָך אַ רעכטליכע אײנריכטונג. די פאָרמע פון דער שטאַאַטס־אָרדנונג

האָט פאַר איהם קײַן בעדײַטונג ניט; ער װאַרפט אָב אַלע פאָרמען אָהן אונטערשיעד: „אַ זעלבסטהערשונג, אַ קאָנװענט, אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע, אַ קאָמונע, אַ רעפובליק“ װײַל „אָהן גרױסמאַכען זיך און ערנידעריגען אַנדערע, אָהן צביעות, שװינדלען, אָהן טורמעס, פעסטונגען, טױדטשטראָפען, מאָרדען קאָן קײַן הערשאַפט ניט װערען, און ניט אײַנהאַלטען זיך“. אַזױ װי אַלע אַנאַרכיסטען, נעהמט טאָלסטאָי דאָס שלעכטס, װאָס שטעקט אין הײַנטיגען שטאַאַט, און שרײַבט עס צו די אינװעניגסטע אײגענשאַפט פון יעדער שטאַאַטס-אָרדנונג, אונאָבהענגיג פון די געזעלשאַפטליכע פערהעלטניסע, אויף װעמעס באָדען די שטאַאַטסאָרדנונג איז אויסגעװאַקסען.

אַזױ װי די הערשאַפט איז אין יעדען שטאַאַט געגרינדעט אויף מאַטעריעלע קראַפט, ברענגט דערום דער שטאַאַט מיט זיך נאָך אַ שלעכטס — די אַרמעע און די אויסװעניגסטע און אינװעניגסטע מלחמות, װעלכע דעמאָראַליזירען אַלע זײַטען פונ׳ם בירגערליכען לעבען. די ליעבע פאָדערט, אַז דער שטאַאַט זאָל פערביטען װערען אויף אַ געזעלשאַפטליך לעבען, געגרינדעט דורכאויס אויף די געבאָטען פון ליעבע. טאָלסטאָי לײקענט אינגאַנצען אָב די מײנונג, אַז עס זענען פאַראַנען אַזעלכע נאַטירליכע געזעלשאַפטליכע בעדערפניסען, װעלכע מאַכען נױטיג, ס׳זאָל עקזיסטירען אַ שטאַאַט-מעכאַניזם. און דערום גיט טאָלסטאָי קײַן שום ענטפער ניט אויף דער פראַגע, װי װעט זײַן די צוקינפטיגע געזעלשאַפט אָרגאַניזירט. ער געהט די פראַגע פשוט אַרום.

ס׳איז נאַטירליך, אַז אין הסכם מיט זײַנע אַלגעמײנע פרינציפען, װאַרפט טאָלסטאָי אָב אויך דאָס א ײ ג ע נ ט ו ם, אַלס רעכטליכעס אינסטיטוט. מיט אַ כּח און טראַגישער אײנפאַכהײַט, אויף װעלכע נור ער אײנער איז פעהיג, דעקט ער אויף די געזעלשאַפטליכע סתירות פון דער הײַנטיגער אָרדנונג. אין דער צוקונפט דאַרפען אַלע לעבען אין קלײנע אַסאָציאַציעס, געמײנדען, און יעדערער דאַרף בעקומען נור דאָס, װאָס איז איהם נױטװענדיג. װי מיר זעהען, װאַרפט טאָלסטאָי אָב די גאַנצע מאַטעריעלע קולטור פון הײַנטיגער צײַט און ער רופט צוריק צום אוראַלטען קאָמוניזם.

װי שטעלט זיך טאָלסטאָי פאָר, װעט זײַן אידעאַל פערװירקליכט װערען? װי אַלע אוטאָפיסטען, גלױבט טאָלסטאָי אין כּח פון װאָרט און בײַשפיעל. „קײנע מיליאַרדען רובעלס, מיליאָנען היל און קײנע אײנריכטונגען, ניט קײַן מלחמה, ניט קײַן רעװאָלוציעס װעלען ניט שאַפען דאָס, װאָס עס קאָן שאַפען דאָס פשוט׳ע װאָרט פון אַ פרײַען מענשען, װעלכער דריקט אויס דאָס, װאָס ער האַלט פאַר גערעכטיג. און דאָס, װאָס איז נעכטען געװען אַ נײַע מײנונג פון אײן מענשען, װערט הײַנט אַ נײַע מײנונג פון דער מעהרהײַט“.

דער בעסטער בעװײַז, אַז טאָלסטאָי׳ס סאָציאַלע פרעדיגען איז דורכאויס ניט שעדליך פאַר די עקזיסטירענדע אָרדנונג איז דאָס, װאָס פאַר דעם דאָזיגען שרעקליכען „צערשטערער פון די יסודות“ פאַלען כּורעים די פאָרשטעהער פון פערשידענסטע קלאַסען. איז דען מעגליך, אַז דער בערלינער מאַגיסטראַט זאָל פײַערן באַקוניגען אָדער קראָפּאָטקינען? אַ דאַנק דער טאַקטיק פון „ניט װעהרען זיך געגען שלעכטס“, װעלכע טאָלסטאָי רעקאָמענדירט, װײַזען אויס זײַנע „צערשטערענדע טעאָריען“ דעם רוהיגסטען פיליסטער אַפילו נור פאַר אַ „געדאַנקען שפיעל“ און אין בעסטען פאַל קיצלען זײ איהם נור די נערװען.

טאָלסטאָי׳ס מײנונגען װעגען די בעציהונגען צװישען מאַן און פרױ, װעלכע ער האָט ענטװיקעלט אין זײַן בעריהמטער ערצעהלונג „קרײצערס-סאָנאַטע“,

זענען אויף דורכאויס פאראדאקסאל און אבגעריסען פון צייט, ארט און אומשטאנדען. אמת, אין דער פראגע איז זיך טאלסטאי אליין אפט סותר. אין 1884 האט ער געשריבען, אז א אידעאלע פרוי וועט נאך זיין מיינונג זיין די, וועלכע גיט זיך איבער איהר נאטירליכען פרויען־בערוף, „געווינען, אויסזויגען און ערציהען וואס מעהר קינדער, פעהיגע צו ארבייטען פאר מענשען נאך איהר וועלט־אנשויאונג“. אין „קרייצערס סאנאט“ ווידער, דערגעהט ער אזוי ווייט, אז ער אנערקענט כמעט פאר אבסאלוט זינדיג יעדע בעציהונג צווישען מאן און פרוי. זעהענדיג די דעמאראליזאציע, די וואונדען פון דער היינטיגער פאמיליע, איז טאלסטוי גענויגט צו קלערען, אז די דאזיגע וואונדען שטאמען ניט פון דער היינטיגער געזעלשאפטליכער ארדנונג, נור פון דער אינעווייניגסטער נאטור פון פאמיליען־לעבען בכלל, אין וועלכע פארמען עס זאל זיך ניט אויסדריקען און ביי וועלכע אומשטענדען עס זאל ניט פארקומען. קיין הדוש ניט, וואס זיין „קרייצער סאנאט“ האבען אלע אנערקענט פאר א פריידיגען פון טויט און מאכען א סוף צו דעם מענשליכען געשלעכט. אינ׳ם נאכווארט צו זיין „קרייצער סאנאט“ האט טאלסטאי זיין אורטייל אביסעל ווייכער געמאכט און אנערקענט, אז אבזאגען זיך פון געשלעכטליכע בעציהונגען איז א אידעאל, וועלכער קאן ניט אינגאנצען פערווירקליכט ווערען.

אונטערפיהרענדיג דעם סך הכל פון דער דאזיגער זייט פון טאלסטאי׳ס שעפונג, מוזען מיר זאגען צוזאמען מיט אוסיאניקא־קוליקאווסקי:

„דער גרויסער שרייבער האט זיך אפילו פערמאסטען אויף דער גאנצער וועלט, ער האט אבער די וועלט ניט ארומגעכאפט; ער האט זיך פשוט אומגעקערט צו איהר מיט׳ן רוקען; ער האט פערמאכט די אויגען אויף די עוואלוציע פון דער מענשהייט, אויף דעם גאנצען געזעצמעסיגען גאנג פון דער געשיכטע און אן א זייט פון דעם גרויסען אלוועלטליך־היסטארישען וועג, איבער וועלכען די ציוויליזירטע מענשהייט געהט אין איהר עקאנאמישער, פאליטישער און גייסטיגער ענטוויקלונג, האט ער זיך אויסגעטראטען זיין שטעגעלע, האט עס גוט אבגערייניגט, איינגעקלאפט, אויסגעגלייכט, און ער געהט איבער דעם שטעגעלע מיט א הייפעל אנהענגער זיינע, ווי עס זענען געגאנגען פאר איהם אויך איבער אזעלכע שטעגעלאך אלע רעפארמאטארען־סעקטאנטען, מיינענדיג, אז זיי בעזיצען דעם גאנצען אמת און ווייזען דער וועלט דעם אמת׳ן וועג...“

צום סוף עטליכע ווערטער וועגען טאלסטוי׳ס בעציהונג צו דער בעפרייאונגס־בעוועגונג. עס איז קלאר, אז ביי זיין אלגעמיינער וועלטאנשויאונג, דארף טאלסטוי זיין שארף געגען דער בעפרייאונגס־בעוועגונג אין אלע איהרע שטרעמונגען און שאטירונגען. טאלסטוי האט געהאט מוטה דאס ארויסצוזאגען אין פערשידענע מאמענטען, אהן א שום מורא צו פערליערען זיין פאפולאריטעט. טאלסטוי איז פרעמד אויך דער ארבייטער־בעוועגונג, ער איז פרעמד אויך דער פויערים־בעוועגונג. און דאך, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס מיר האבען אויבען געשריבען, געהערען אלע פראגרעסיווע עלעמענטען פונ׳ם לאנד טאלסטוי׳ען ניט נור אלס גרויסען ווארט־קינסטלער, נור אויך אלס עדעלמוטהיגען דרייסטען דענקער.

מ. ל—ר.

אגודה מקדמית לתולדות ולספרות העברית
ווילנע — דארפאט
יודישער פעראיין פיר יודישע געשיכטע און ליטעראטור

ב ברכות.

# וועגען אונזער קולטור־פראבלעם

(קליינע בעמערקונגען איבער א גרויסער פראגע).

Въ той же ежедневности,
Гдѣ томишься ты,
Дышутъ бури гнѣвности
И цвѣтутъ цвѣты.
К. Бальмонтъ.

אין דערזעלבער אלטעגליכקייט — אין וועלכער דו שמאכסט —
אטמען די שטורעמס פון צארן — און ס'בליהען בלומען..
ק. באלמאנט.

I

דאס טרעפט זיך ניט זעלטען.

די געשיכטע, נאכדעם ווי זי האט אנגעשטרענגט אלע איהרע קרעפטען אום צוגעווינען נייע לעבענספארמען און בענייען די אלטע, ווערט מיעד, אבגעשוואכט און שרומפפט זיך אזוי ווי איין אום צו לאזען אנ'ארט פאר בעדייטענדע אנטיהיסטארישע שטרעמונגען.

דאס אויג ווערט פערמאטערט צו קוקען אליך פארויס צום ווייטען ציעל, דאס אויער — איינצוהערען זיך אין יעדע בעוועגונג פון דער אונרוהיגער בעוועגליכער לעבענס־אטמאספער; דער קאפ — צוצופאסען דאס אינדיווידועלע טהאט צו דער אלגעמיינער נויטיגקייט; ס'ווילט זיך אברוהען אין די היימליכע בעגרענצטע וואסערן פונ'ם אייגענעם „איך“, יענערזייטס דער צייט און דעם ארט און זייערע אייזערנע געזעצען.

אין אזא צייט ווערען געבארען נביאים־דאן־קיכאטען, וואס פרואווען אויפלעבען די טויטע פערגאנגענהייט, ווייל זיי פערשטעהען ניט און האבען מורא פאר דער געגענווארט; צייטווייליגע געטער, וואס זאלען מיט זייער פיעלפארביגער פייערליכער ארעמקייט פערשטעלען די פולע זאפטיגע פיעלפארביגקייט פונ'ם לעבען; ס'ערשיינט דער

אינדיווידואַליזם, וואָס איז, אַלס שטימונג און פּראַקטישע דירעקטיוו, אימער אַ בלום, וועלכע בליהט אויף אינ׳ם זומפּ פֿון יאוש און ענטוישונג.

— אַכציג טויזענד וויאָרסט אַרום זיך זעלבסט — אַזוי האָט גליעב איספּענסקי טרעפֿליך כאַראַקטעריזירט אָט דעם, אויף זיך פֿער־קוקטען און אין זיך פֿערליעבטען, אינדיווידואַליזם.

איהם אַרט עס ניט, וואָס דאָס לעבען שרייט מיט טויזענדער קולות, זיפֿצט און וועהטאָגט, רייסט און וועבט אין דער גליהענדער אַטמאָספֿער פֿון אונאויפֿהערליכען קאַמפּף; וואָס העלדען און פּחדנים, תּליונים און נביאים, זיגער און בעזיגטע מישען זיך צוזאַמען אין איין שטורמיג־ברויזענדען וואַסער־געדרעה, וואָס בעגראָבט אָפֿט אין זיינע טיפֿענישען יעדעס פֿריי געפֿיהל, יעדעס שטאָלצעס וואָרט, יעדען העלדען־פּרואוו, — פֿון זיינע הויכע איינזאַמע בערג זעהט איהם דאָס לעבעדיגע לעבען אויס קליין און נישטווירדיג.

אָט דער אינדיווידואַליזם איז אויך אין אונזער גאַס געקומען און האָט אָנגעהויבען צווישען אונז צו שפּינען און וועבען זיין שײנע נאַרענדע שפּינעכץ.

אונזער אינטעליגענץ אָדער, פֿילייכט, נור אַ בעדייטענדער טייל פֿון איהר, פֿיהלענדיג איהר אָבגעריסענקייט פֿונ׳ם שטראָם פֿון פֿאָלקס־לעבען, וואָס איז, אמת, פֿערשלייערט דורך אַנ׳אויסערע טויט־ליכקייט, אמת, פֿון אויבען־אויף כמעט אונבעמערקבאַר, דאָך וואָס פֿליסט כסדר טיעף און ברייט, בויט אָהן אויפֿהער און ברעכט, — וויל אָט די אָבגעריסענקייט בערעכטיגען און טעאָרעטיש בעגרינדען און זוכט צו בעדעקען די שווערע פֿערפּלאָנטערטע לעבענס־פּראָבלעמע מיט׳ן לייכטען קלינגענדיגען שוים פֿון איהרע אייגענע איבערלעבונגען און שטימונגען.

אַוועקגעהענדיג פֿונ׳ם „עמק הבכא“ מיט זיינע פֿערוויקעלטע פּראָ־גען און פֿערפּליכטענדע ענטפֿערען, אין די קדשי־קדשים פֿון איהר „איך“, אין די טיפֿענישען פֿון „זעלבסטבעשטימונג“ און „זעלבסט־אויסערונג“, שאַפֿט זי זיך ציעלען, וואָס האָבען גאָרניט צו טאָן מיט דער ענטוויקלונג פֿון אונזער געזעלשאַפֿטליכקייט, קולטיווירט זי אַ גלויבען, וואָס איז מעהר ווי אַלץ עקשנות׳דיגע נאַאיוויטעט, פּרעדיגט זי אַנ׳אַרבייט, וואָס נאַרט אָב מיט איהר טראַגישער אונפֿרוכטבאַרקייט. די לאָגיק ווערט פֿערביטען מיט דיכטונג, דאָס לעבען — מיט׳ן פּאַ־ראַדאָקס.

ניט דאָס ערשטע מאָל ווייזט זיך אַרויס די בעזונדערע פֿעהיג־

קייט פון אונזער אינטעליגענץ צו זיין פרעמד און ווייט פונ'ם פאָלק, זיינע פערספעקטיווען און אויפגאַבען.

אַזוי איז עס געווען אין דעם ערשטען פעריאָד פון דער השכלה, אין די פופציגער און זעכציגער יאָהרען, ווען דאָס ווילען פון די ערשט אויפגעוואַכטע איינציגע שיכטען זיך זעלבסט צו בעשטימען און צו־פאַסען זיך צו די נייע לעבענס־בעדינגונגען, האָט זיך פערשטאַנען פון ס'רוב איהרע אידעאָלאָגען נור אַלס שטרעבונג צו דער רוסישער גראַמאַטיק און „אידישער" ראַבינער־שול.

אַזוי איז עס געווען אינ'ם סוף פון דעם פאָריגען און אָנהויב פונ'ם איצטיגען יאָהרהונדערט, ווען דער יודיש־אינטעליגענטסקער דאָן־קיכאָט האָט זיך געלאָזט גאַלאָפּ מיט טרומייטען און שאַלען נאָך ארץ ישראל.

אַזוי איז עס אויך איצטער, ווען איינציגע „רענעסאַנס־געזאָנגענע" אינטעליגענטען ווילען אונז איבערפיהרען פון די טאָהלען פון קולטוראָרעמקייט אין די בערג פון קולטור אין קולטור־שאַפען אויף די וועקסענע פליגלען פון אונזערע היימישע זאַראַטוסטראַ'ס...

אמת, שטענדיג האָט זיך פון אַזעלכע אונטערנעהמונגען אויסגעלאָזט אַ הויק און אָפט אַ בעלעדיגענדער, וועהיגער הויק, אָבער דער „אינדיווידועלער" גייסט איז אינגאַנצען ניט מסוגל צו לערנען זיך ביי דער פערגאַנגענהייט.

טרויעריג איז די צייט, ווען די איינציגע וואַרמע זון פון אַל־געמיינעם שאַפען ווערט צעפּאַלען אויף טויזענדער שטיקלעך, — קאַלטע קאַרגע שטערן, וועמענס שטראַהלען עס שטאַרבען אָב ביים שוועל פון דעם יחיד'ס הארץ.

אונפרוכטבאַר איז דער דור, וואָס וויל איבערשפרינגען דעם תהום צווישען היינט און מאָרגען אויף די ניט זיכערע קוליעס פון דעם איינציגען איינזאַמען גייסט, — ער וועט בלייבען הענגען אין דער לופטען, אָהן אַ היינט אין אָהן אַ מאָרגען, וועקענדיג רחמנות צו זיין צוגאָרנישט געוואָרענער שטאָלצקייט, בעליידיגענדע מיטלייד צו זיין אונבעהאָלפענקייט.

II

דאַכט זיך, קיינער צווייפעלט ניט אין דעם, אַז די קולטור־ווערטען, וואָס מיר פערמאָגען זענען וועניג, אָרעם, בלוטלאָז; ס'קען אויך ניט זיין קיין ספק, אַז דער דורשט נאָך אַ רייכער פיעלזייטיגער

קולטור איז אַ געזונדער געזעצליכער סימפּאַטישער אינסטינקט און אַז מיר דאַרפֿען מיט אַלע אונזערע קרעפֿטען מיטהעלפֿען איהר וואַקסען און בליהען.

די פֿראַגע איז נור אין דעם, וועלכער איז דער וועג, וואָס וועט אונז פֿיהרען אין אָט דעם קולטור־גן עדן, וועלכע זענען די מיטלען, וואָס וועלען צו אונז אַראָבשלעפּען אָט די זון.

איך וויל מיך ניט פֿאַרנאַנדערוואַרפֿען און וועל מיך אָבשטעלען אויף איין געדאַנק, וואָס ניט לאַנג האָט אַרויסגעזאָגט דער ה׳ ניגער, איינער פֿון די ריטער פֿון אונזער קולטור־רענעסאַנס.

וואו ליגט די אורזאַכע פֿון אונזער קולטור־אָרעמקײַט, אָדער, לויט ה׳ ניגער׳ס טערמין, קולטורלאָזיגקײַט?

אין דעם, וואָס די אינטעליגענץ האָט נאָך ניט דערפֿיהלט „בײַ זיך אין האַרצען דעם וועהטאָג און דעם דורשט און די בענקשאַפֿט“ נאָך דעם גליקליכסטען גליק — „דאָס גליק פֿון שאַפֿען, דאָס גליק פֿון זעלבסטאויסערונג און זעלבסטבעשטימונג *). זאָל זי נור אָט די בענקשאַפֿט, דורשט און וועהטאָג דערפֿיהלען און מיר וועלען האָבען אַן אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור. ווײַל „דער גײַסט פֿון שאַפֿען איז אַריסטאָקראַטיש און איינזאַם, איז אַרײַנגעטאָן אין זיך און בענוגענט זיך מיט זיך“ און ער נויטיגט זיך ניט אין דער אָדער יענער געזעלשאַפֿטליכער אַטמאָספֿער. דער איינציגער אימפּעראַטיוו, וואָס הייסט דער קולטור ערשײַנען איז דאָס איניגסטע בעוואוסטזײַן פֿון דער אינטעליגענץ, אַז „מיר מוזען געפֿינען דעם שורש פֿון אונזער נשמה, אונזער אינערליכע זון; אַז „ס׳מוז אַ ליכט, אַ נײַ ליכט אָנגעצונדען ווערען אין דעם „אוהל“ פֿון אונזער פֿערגאַנגענהײַט; אַז „מיר מוזען זיך צוריק אײַנפֿלעכטען אין די „גאָלדענע קײַט“...

ביזהער האָט די אינטעליגענץ פֿון אָט דעם „מוז“ ניט געוואוסט, ווײַל זי איז געווען אינגאַנצען פֿערטאָן אין דער קולטור־טרעגערײַ, — דאָס קליינליכסטע און אונפּרוכטבאַרסטע אין דער געשיכטע פֿון דער יודישער אינטעליגענץ.

עס גיבען צוויי פּאָליוסען — קולטורטרעגערײַ און קולטור. דאָס זענען די ערד און דער הימעל, די קוליעס און די פֿליגלען פֿון דער אינטעליגענץ. „און איך האַלט עס פֿאַר אַ כלל: ווען עס הערט

---

*) אלע ציטאַטען וואָס ווערען געבראַכט אין דעם אַרטיקעל, אויסער די פֿון וועלכע די קוועלע איז באַזונדער בעצייכענט, זענען גענומען פֿון ה׳ ניגער׳ס אַרטיקעל: „קולטורטרעגערײַ און קולטור“ — „דער שטראַהל“, צווייטעס בוך.

אויף די פֿערטיפֿונג, די אינטענסיווע ענטוויקלונג פֿון דער קולטור, דאַן הויבט זיך אָן איהר פֿערברייטערונג, איהר עקסטענסיווער וואוקס.

ווען די אינטעליגענץ פֿערגעסט אָן איהר ווײַטסטען ציעל — די קולטור, דאַן פֿערליעבט זי זיך אין איהר נאָהענסטען צוועק — די קולטורטרעגערײַ: די קולטורטרעגערײַ און די קולטור — דאָס זענען דער הימעל און די ערד פֿון דער אינטעליגענץ, איהרע פֿליגלען און איהרע קוליעס. די קולטור הויבט זי אויף אין דער הויך, „צו די שטערען“ און די בעהאַלטענע זונען; אויף דער קולטורטרעגערײַ שפּאַרט זי זיך אָן, ווי אַ הינקענדיגער אויף זײַן שטעקען“...

וואָס איז אַזוינס אָט די קולטורטרעגערײַ, וואָס שטעהט אין אַ אונפֿערמײַדליכען ווידערשפּרוך מיט דער קולטור?“

ווען אונטער דעם וואָרט וואָלט זיך פֿערשטעהן זײַן געוועהנליכער זין — די בעגרענצטע, קלײנליכע בילדונגס־פֿילאַנטראָפּיע, וואָס חיים ניט, ניט פֿון ווײַטע פּערספּעקטיווען, ניט פֿון ברײטע, ווירקליכע קולטור־ציעלען, וואָלט מיר עס גאָר ניט אײנגעפֿאַלען זי צו פֿערטײדיגען. פֿיליכט זענען מיר די ערשטע, וואָס האָבען אָט די קולטורטרעגערײַ ענטשידען פֿערוואָרפֿען. דער ה' ניגער און די וואָס מיט איהם, געגענשטעלענדיג די קולטורטרעגערײַ דער קולטור, פֿערשטעהט אָבער אונטער דער ערשטער אויך יענע געזעלשאַפֿטליכע אַרבײַט, וואָס, וועהרענדיג געבאָרען אין די טיפֿענישען פֿון דעם הײַנט, העלפֿט בויען און בעזיגען דעם מאָרגען — די היסטאָרישע אַרבײַט פֿון דער יודישער ראַדיקאַלער דעמאָקראַטיע, דעם קאַמפֿף פֿאַר פֿרײַערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פֿערהעלטעניסע, דעם קאַמפֿף געגען דער פֿילפֿאָרמיגער און פֿילאַרטיגער עקספּלואַטאַציע פֿון די מאַסען. דער אינהאַלט פֿון אונזער געזעלשאַפֿטליכקײַט פֿאַר דעם לעצטען יאָהר־צעהנדליג ווערט דאָך אינגאַנצען אויסגעשעפּט נעמליך מיט אָט דער אַרבײַט, וועלכע, לויט ניגער'ס מײנונג, איז אויך שולדיג אין אונזער „קולטורלאָזיגקײַט“.

„אָט וועגען איהם, דעם עהרליכען יגיע־כפּים'ניק, דעם אַרבײַטענדען קלײנבירגער און קלײנבירגערליכען אַרבײַטער, דעם נחום איש־גמזא... אָט וועגען איהם זאָרגען עס אונזערע גוטהערציגע „קולטורטרעגער“, די כל המינים „מפֿיצי־השכלה'ניקעס“, די רײַכע און די אָרעמע, די אַריסטאָקראַטישע און די דעמאָקראַטישע...

זיי אַלע האָבען נור מיטלען און נישט קײן ציעלען, נישט קײַן זעלבסט־ציעלען. דער נאַציאָנאַליזם — אַ מיטעל צו דעמאָקראַטיזם, אַ מיטעל נעהנטער צוצוגעהן צום פֿאָלק, צו דער מאַסע; דער

דעמאָקראַטיזם — דער דעמאָקראַטישער „זשאַרגאָן“ און „זשאַרגאָנישע ליטעראַטור“ אַ מיטעל צו בילדונג... בילדונג — אַ מיטעל צו פּרנסה“...

אונזערע בעלי־תּשובה־ניקעס האָבען אַזוי וועניג אַכטונג צו זייער איינענער פּערזאַנלעכקייט, אַז זיי קאָנען אין איהר ניט איינזעהן קיינע ווירדיגע שאַפֿענדע און בעגייסטערענדע ציעלען.

דאָס איז דאָך אָבער ניט ריכטיג. די „אָרימע דעמאָקראַטיע“ האָט געהאַט און האָט ציעלען, וואָס געהען ווייט אַרויס פֿון די גרענצען פֿון אַלטעגליכקייט, ציעלען, וואָס האָבען אַליין די אַלטעגליכקייט געמאַכט יום־טובדיגער, בערעכטיגטער, זינניגער... אינ'ם קאַלך־אויווען פֿון היסטאָרישען געדאַנקען האָט דער אַלטעגליכער קאַמפּף אום עקזיסטענץ פֿערלאָרען זיין קולטורטרעגערישען פֿילאַנטראָפּישען כאַראַקטער און האָט זיך פֿאַרנאַנדערגעגליהט מיט אַלע פֿאַרבען פֿונ'ם רעגענבויגען...

ה' ניגער קאָן אָבער אָט די אַרבייט ניט אַנ'ערקענען אַלס קולטור־שאַפֿען אין ברייטסטען זינן פֿון וואָרט, ווייל דאַן וואָלט ער דאָך געמוזט אַנ'ערקענען, אַז די קולטור ווערט געבאָרען ניט אַלס פּראָדוקט פֿון אַריסטאָקראַטישען און איינזאַמען גייסט...

דער עקסטענסיווער וואוקס פֿון דער קולטור שטערט איהר אינטענסיווער ענטוויקלונג...

דעם געדאַנק האָט מיט אַ צייט פֿריהער אַרויסגעזאָגט אחד העם: „לא היהודים, אלא היהדות“, — „ניט די ידען, נור די יודישקייט“. אַרויסגעהענדיג פֿון דעם געדאַנק האָט ער געפּרעדיגט אַ יודישען צענטער, וואָס זאָל איינהייטען, רעפּרעזענטירען און שאַפֿען דעם „יודישען גייסט“. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ אינזעל, וואו די יודישע קולטור זאָל זיך קולטיווירען אַ שטייגער, ווי דרום־בלומען אין אינזער קלימאַט, אַ טעריטאָריע פֿאַר'ן „גייסט“, פֿערשטעהט זיך, אַני' אמת'ע טעריטאָריע, אויף דער סאַמע פּראָזאַאישער יבשה... דער ה' ניגער האָט אחד העמ'ס געדאַנק, עטוואָס איבערגעניצעוועט, אָבגעשטעמפּעלט מיט אַ ניצשעאַנישען שטעמפּעל און אָנגערופֿען: ניט קולטורטרעגערייַ, נור קולטור. דער לעצטער פֿערשטעהט קענטיג, אַז דער גייסט איז אַזאַ איידעלע שטאָף, דאָס מ'קען איהם געבען אַלס טעריטאָריע אויף דעם „הימלישען זעפֿיר“...

ווי אחד העמ'ס אַזוי אויך ניגער'ס געדאַנקען איז דער סאַמע טרויריגער און אינפּרוכטבאַרער, צו וועלכען דער אינטעליגענט, וואָס בלאָנקעט זיך אום אין די בערג פֿון אַריסטאָקראַטישען אינדיווידואַליזם, האָט זיך ווען עס איז געקענט דערטראַכטען...

קײַן אײן ערשײַנונג פון׳ם געזעלשאַפטליכען לעבען קען ניט זײַן פערשטאַנען און אַרויסגערופען, ניט נעהמענדיג אין אַכט דאָס לעבען אין זײַן גאַנצער פאָלאַרטיגקײַט — דאָס איז דאַכט זיך אַזאַ אַלטער אמת.

איך מײן ניט נאָר יענעם לעבען, וואָס ווערט אַרויסגערופען דורך דער בעוואוסטזיניגער אָנשטרענגונג פון דעם אָדער יענעם הײַפעל, נור אויך און איבערהויפט יענעם, וואָס ווערט געוועבט אין די טיפסטע טיפעניש׳ען, אין די ווײַטסטע ווינקעלעך פון פאָלקס־אָרגאַניזם, אויסער אונזער אונמיטעלבאַרעם בעוואוסטזײַן און זעהונגס־קרײַז...

III

די קולטור, אַלס מיסטישע רויז, וואָס בליהט פאַנאַנדער אין די שאַפונגס־הימלען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס טהוט זיך אויף דער זינדיגער ערד; די קולטור, אַלס נײַער משיח, וואָס וועט ערשײַנען, אונאַבהענגיג פון צײַט און אָרט; די קולטור, וואָס קען אויך וואַקסען בײַ דער פאָלער נידערגעשלאָגענהײַט פון יענע, וועלכע איהר געני דאַרף בעלײַכטען און בעוואַרמען, — דאָס איז דאָס געגענשטעלען פון דער קולטור דער זיך ענטוויקלענדער און זיך וועקסלענדער געזעלשאַפטליכער אַטמאָספער, אַלס וועלט־אַנשויאונג אין פאָליטיק.

דער „אַריסטאָקראַטישער און אײנזאַמער גײַסט“ האָט ליעב אַזעלכע ציעלען, וואָס זענען גלײַך ווײַט און גלײַך נאָהענט; ווײַל אויב אונזער קולטור קען ערשײַנען, ווי די געטין מינערוואַ פון יופיטער׳ס קאָפּ, דאַרף מען דאָך נור, אַז אַ פּאָר רײַכע גײַסטער זאָלען זי „וועלען“ און פערשטעהן, אַז מען „מוז“ זי שאַפען, אום זי זאָל אין דער ווירקליכקײַט געשאַפען ווערען און דאַן—

מיליאָנען פון די „יהודים“ קענען זיך ליגען אָהן אַטעם האַלב־דערשטיקט אונטער אַ עקאָנאָמישען און פּאָליטישען חורבן, דערפאַר אָבער וועט איבער דעם פינסטערן חורבן שײַנען די גאָלדענע זון פון דער „יהדות“...

כ׳בעט געדענקען, אַז דאָ רעדט זיך ניט וועגען דעם קולטורעלען שאַפען פון אײנציגע געניעס, וואָס קענען פיליכט, אַלס אויסנאַהם, שטעהן העכער דער צײַט און געשלעכט, נור וועגען יענער קולטור, וואָס ווערט קאָלעקטיוו בעשאַפען דורך

דער „אינטעליגענץ“, ד. ה., וועגען דער גײַסטליכער אַרבײַט פֿון אַ גאַנצע עפּאָכע.

און כ׳זעה איין אַ שווערע ביטערע קללה אין דעם, וואָס אַ בעדײַטענדער טײל פֿון אונזער אינטעליגענץ בלײַבט אויסער דעם לעבען, זײַנע לײדען און פֿרײדען. עפּיס אַזוי ווי זי וואָלט געהן גאָר ניט געקענט און אָדער זי פֿליהט אַזוי הויך, אַז זי פֿערלירט זיך אין די נעבלען, אָדער ס׳ווילט זיך איהר געבען קוליעס זי זאָל זיך קענען כאָטש עטוואָס בעוועגען.

ווײַל דער לינקער זײַט פֿון אָט דעם קולטור־אָפּטימיזם איז דאָך די ביטערסטע פֿערצווייפֿלונג, די מאוס׳סטע אָבהענדיגקײַט, די טויטליכסטע גלײַכגילטיגקײַט. ווײַל דער פּראַקטישער לאָזונג, וואָס פֿאָלגט אויס דער פֿעראַכטונג צו די „יהודים“, צו דער „קולטור־טרעגערײַ“ אין געגזענפּיפלעך איז, אַז די אינטעליגענץ דאַרף בעוואוסטזיניג פֿערוואַרפֿען יעדע אונמיטעלבאַרע געזעלשאַפֿטליכע אַרבײַט, אויב נור זי וויל מאַכען מעגליך דאָס ענטשטעהן פֿון דער קולטור. ווײַל נאָך דער פֿאָררעדע צום ערשטען ביכעל „מאָנאַטס־שריפֿטען“, וואו ס׳ווערט קאָנסטאַטירט, אַז אויף׳ן פּאָליטישען און עקאָנאָמישען הורבן פֿון יודישען לעבען ווײַזען זיך אָהן צווייפֿעל שפּראָצונגען פֿון קולטור־רענעסאַנס“ *), פֿאָלגען די „תּפֿלות“, פֿון בוך „פֿינסטערניש“, די „וואַנדערער־טרוימען“ — אַ פֿערצווייפֿלונגס־געשרײ פֿון גסיסה און בלינדען שרעק פֿאַר׳ן לעבען; ווײַל די אידעאַליזירונג פֿון דעם „אינדיווידועלען שאַפֿען“ איז אימער מעהר געבויט אויף דעם ווילען פֿון לעבען צו ענטלויפֿען, אוידער אויף דעם ווילען דאָס לעבען צו בעזיגען... איך רעד שוין ניט פֿון דאָס, וואָס פֿאַקטיש בעשאַפֿט די אינטעליגענץ, וואָס שטעלט זיך אַלס ציעל עטוואָס בעזאָנדערעס און בעזונדערס צו שאַפֿען, נור איהר אייגענעם פּנים, בלאָס פֿון אַנעמיע, דאַר און מאָגער פֿון גײַסטליכער אויסצעהרונג...

IV

אין וועלכע זשע טיפֿענישען ליגען די נאָך בעהאַלטענע אוצרות פֿון אונזער צוקונפֿטיגען קולטור־רײַכטום? אויף וועלכען זשע

---

*) ליטעראַרישע מאָנאַטשריפֿטען, ערשטעס בוך, פֿאָררעדע.

באָדען וועט זײַן געבויט דער טעמפּעל פון אונזער קולטור, — אויפ׳ן באָדען פונ׳ם צופאַל אָדער אויפ׳ן באָדען פון צוועקמעסיגקײַט?

קײַן צוויי ענטפערן קענען אויף דער פראַגע ניט זײַן.

אום די בלום זאָל זײַן שען, פאַרביג, זאַפטיג, דאַרף דער באָדען זײַן פעט און פרוכטבאַר; אום דאָס געוועקס זאָל זײַן פעסט און שטאַרק, דאַרף יעדעס פאָדים בעזונדער שטאַרק זײַן.

„קולטורטרעגערײַ״ *) און קולטור זענען ניט די ערד און דער הימעל, די פליגלען און די קוליעס פון דער אינטעליגענץ, נור די בעדינגונג און איהר פאָלגע, דער פונדאַמענט און דער דאַך, די זאַך און איהר אַפּאָפעאָז...

ווײַל דאָס ביסעלע קולטור, וואָס מיר פערמאָגען איצט — און אַ ביסעלע פערמאָגען מיר דאָך יאָ — איז געבאָרען געוואָרען דירעקט אויפ׳ן באָדען פון „קולטורטרעגערײַ״, איז אויסגעוואַקסען דירעקט אויפ׳ן פעלד פון געזעלשאַפטליכען קאַמפף. עס איז דאָך ניט קײַן צופאַל. וואָס פרץ און מענדעלי, דינעזאָן און שלום-עליכם — דער ערשטער דור פון אונזערע קינסטלער — זענען געבליבען נאָך דער ערשטער כוואַליע פון אונזער געזעלשאַפטליכקײַט — דעם סוף פון די זיבציגער און אָנהויב פון די אַכציגער יאָהרען; וואָס אַש און נאָמבערג, אנכי און ווײַסענבערג, און נאָך און נאָך זענען אַרײַנגע-טראָטען אין דעם היכל פון אונזער ליטעראַטור גראַד דאַן, ווען דער יודישער פּראָלעטאַריאַט און די יודישע דעמאָקראַטיע זענען אַרויס-געטראָטען אויפ׳ן שלאַכט-פעלד;... וואָס די נײַנציגער יאָהרען האָבען אונז אין רוסלאַנד געגעבען נור ריזינען.

דאָס זעלבע איז אויך צומערקען אין דער רוסישער ליטעראַטור. די גלענצענדסטע שטערן אויפ׳ן רוסישען קונסט-הימעל זענען ער-שינען פאַר און בעת די פויערים-בעפרײַאונג; די פערפריהטע, אויב מ׳קען אַזוי זאָגען, און פערשפּעטיגטע, לערמאָנטאָוו און גאָגאָל, גליעב אוספּענסקי און גאַרשין האָבען מיט זייער טראַגישען לעבען און ניט ווייניגער טראַגישען טויט בעצאָהלט די דערשלאָגענהײַט און אונפרוכטבאַרקײַט פונ׳ם רוסישען לעבען...

כל זמן די „קולטורטרעגערײַ״ וועט ניט דורכנעהמען אַלע הינקעלעך פון אונזער לעבען, כל זמן די ברייטסטע פאָלקס-מאַסען וועלען זײַן עקאָנאָמיש דעזאָרגאַניזירט, פּאָליטיש רעכטלאָזיג, גע-זעלשאַפטליך אינדיפערענט, גייסטליך דערשלאָגען, וועט יעדער

---

*) געברויכענדיג דאָס וואָרט „קולטורטרעגערײַ״, רעכען איך זיך מיט ד״ם וואָס אין דעם וואָרט האָט אַרײַנגעלעגט דער ה׳ ניגער.

קולטור־שפראָצונג ביי אונז אינפערמיידליך פערוועלקען... ווער ווייס, אפשר וועט קומען אַ גרויסער גענִי און וועט וועלען פער־שפרייטען זיינע פליגלען איבער אונזער קולטור־אָרעמקייט. נור איך בין טרויעריג איבערצייגט, אַז ער וועט באלד פאלען פער'חלש'ט צו דער ערד אָדער וועט אינגאנצען פון אונז אוועקגעהן, ווייל אויף דער בעסטער חורבה קענען מעהר, ווי הינד־שוואָמען ניט וואקסען...

אמת, ס'איז איצט אַזוי ווי צו מערקען אַ שטייגענדען אינטע־רעס צו די פראגען פון אונזער קולטור־שאַפען; אויף דעם סמך האָבען שוין די „ליטעראַרישע מאָנאטסשריפטען“ גערעדט וועגען שפראָצונגען פון קולטור־רענעסאַנס, אָבער ס'איז מעהר ניט, ווי אַ ערקלערליכער טעות.

אויפ'ן גרונד פונ'ם פליסיגען שטראָם וואַקסען בלומען און וואַסער־געוויקסען. איז דער שטראָם פול און טיעף זעהען זיך די בלומען און געוויקסען ניט און דער דיכטער בעזינגט „די גליהענדע זון, וואָס שפּיגעלט זיך אָב אינ'ם קריסטאַלענעם וואַסער“; דער שטראָם ווערט אויסגעטריקענט אָדער געפינט זיך אַנ'אַנדערען אונ־טעראירדישען גאַנג — אויפ'ן ענטבלויזטען דעק בלייבען נור די בלומען און געוויקסען, דאַן קומט דער דיכטער און זאָגט: „אויפ'ן עקאָנאָמישען און פּאָליטישען חורבן ווייזען זיך אָהן צווייפעל שפּראָ־צונגען פון קולטור־רענעסאַנס“...

דערווייל זעה איך ניט קיין קולטור־רענעסאַנס, נור עטוואָס, וואָס איז פונקט דער היפך פון איהם: קולטור־ענטאַרטונג.

אָנשטאָט דאָס „קולטורטרעגערישע“ וואָרט פון די ליטעראַ־רישע און ערנסטע אָרגאַנען פון דער דעמאָקראַטיע ווירקען די מיסטיגע טריבונעס פון די צייטלינ'ס, ברייניניס און פרילוצקי'ס; דעם גערדאַנק און דאָס געפיהל האָט פערביטען די אומגעלומפּערטע סענ־סאַציע, — איך זעה אין דעם ניט איין קיין פּראָגרעס; „געגען שוואַנ־גערשאַפט“ און „דאָס טאָג־בוך פון אַ דיענסט־מיידעל“ געהט זיך פאַרנאַנדער אין צעהנדליגער מאָל מעהר, אוידער אַ ערנסטעס קונסט־ווערק; די קעשענעס און די ווירקונג פון די געלע ריטער און די ליטעראַרישע „פּעטער'ס“ ווערען אַלץ גרעסער און גרעסער; ערנסטע פערלאַנגען מיט ערנסטע אויפגאַבען גוסס'ן...

דאָס זאָגט, פערשטעהט זיך, נאָר, אַז יעדע אמת'ע קולטור־ערשיינונג דאַרף בעגריסט ווערען מיט'ן גרעסטען פרייד און אַז יענע אינטעליגענץ, וועלכע וועט ווירקליך דורשטען נאָך קולטור וועט זיך מיט דער גאַנצער טיפקייט פון איהר גלויבען, מיט דער

גאַנצער שטאָלצקייט פון איהר ערנסט, זיך לאָזען אויפ'ן וועג פון יענער היסטאָרישער געגענווארטס-און צוגלייך צוקונפטס-אַרבייט, וועלכע דער ה' ניגער רופט פּעראַכטליך אָן: קולטורטרעגעריי...

דער קולטור-געני איז ווי אַ שטענע קווייט אויף אַ שטאַף: יע-דעס פּאָדעם האָט אין איהר זיין חלק. דעם גרויסען קולטור-געני קען איך מיר קיינמאָל אַנדערש ניט פאָרשטעלען ווי, שטעהענדיג אין מיטען פונ'ם פאָלקס-לעבען און פון אַלע זייטען ציהען זיך צו איהם גאָלדענע שטראַהלען, פון וועלכע ער וועבט זיין גאָלדען-זוניג געוועב.

דאָס הייסט ניט, אַז דער קולטור-שאַפער האָט אימער אין זינען די, פאַר וועלכע ער שאַפט, אַז ער סטאַרעוועט זיך און דאַרף זיך פּטאַרען צו זיין פּאָפּולער און פּרימיטיוו, — איך וויל מיט דעם מעהר ניט זאָגען, אַז דער שאַפער פון קולטור-ווערטען ווערט איך אַ בירגער פון דער קולטור, נור דאַן, ווען זיין אינ-דיווידועלער גייסט איז בכח אַרומצונעהמען די גאַנצע פּערוויקעלטקייט און געשפּאַנטע שענקייט פונ'ם לעבען פון קאָלעקטיוו, ווען די נייע שענקייטען, וואָס ער בעשאַפט קענען דינען, אַלס אויסגאַנגס-פונקט פאַר דעם שאַפען פון די קומענדיגע דורות, ווען ער אַליין פּלעכט זיך איין אין די גאָלדענע קייט פון די, וואָס זענען גע-ווען פאַר איהם און וועלען קומען נאָך איהם...

## V

יע, דאָס איז נאָך ניט אַזוי איינפאַך.

דער קאָנפליקט, וואָס עקזיסטירט שוין פון לאַנג אָן, צוליב די בעזונדערע בעדינגונגען פון אונזער לעבען, צווישען די פאָלקס-מאַסען און דער אינטעליגענץ וועט אויך דאָ זאָגען זיין האַרבעס וואָרט און וועט טאָרמאָזירען די געזונדע נאָרמאַלע ענטוויקלונג פון אונזער קולטור-שאַפען. דער אַסימילאַטאָרישער טייל פון אינ-זער אינטעליגענץ וועט שלעפען אַ טייל פון דער יודישער דעמאָ-קראַטיע אין די לופטלאָזע שטרעקען פון קאָסמאָפּאָליטיזם, דער נור-נאַציאָנאַליסטישער טייל אין די זומפּען פונ'ם אויסשליסליכען נאַציאָנאַליזם. אילוסטראַציעס צו דעם געדאַנק זענען דאָ איבער גענוג.

די איינציגע וועלען שאַפען, אַלס רוסען פון משה'ס גלויבען, די צווייטע וועלען פּרואוען אויסמעקען פון אונזער קולטור-געשיכ-

טע דעם גאַנצען פעריאָד פון... דעם בע"שט ביז... לאָטש בי דעם איצטיגען „קולטור-רענעסאַנס“. איך בין דאָך איבערצייגט, אַז אונזערע פאָלקס-מאַסען וועלען אויך דאָ איבערוועגען די אינטעליגענץ, אַזוי ווי ס'איז שוין איינמאָל באַלד ווי געשעהן מיט דער יודישער שפּראַך. קיינער וועט ניט אָבלייקענען, אַז די אַלגעמיינע אַנ'ערקענונג פון דער פאָלקס-שפּראַך, אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך, איז פאָרגעקומען נור אַ דאַנק דער „קולטור-טרעגערישער“ אַרבייט פון אונזער ראַדיקאַלער און סאָציאַליסטישער אַרבייטער-בעוועגונג מיט דער הילף פון אַ טייל פון דער פּראָלעטאַרישער אינטעליגענץ..

איך ווייס, אַז אונזער קולטור-אויפלעבונג וועט קומען, איך גלויב אין איהר און זעה זי. אָבער קומען וועט זי פון דער זינדיגער ערד, ערנסט און אָהן טומעל, צוזאַמען מיט דער אויפלעבונג און אויפוואַכונג פון אונזער גאַנצעם געזעלשאַפטליכעם לעבען...

ס'וועט דויערן, ס'וועט וועה טאָן, — אָבער דאָס וועלען וואַקסען פליגלען.

# די ערשטע אידישע

# שפּראַכקאָנפערענץ.

אָבגעהאַלטען אין טשערנאָוויץ פון 17 (30) אויגוסט ביז 21 אויג. (3 סעפּט.).

(בריעף פון אַנ'אַנטיילנעהמער).

„מיטגליעד פין קאָנפערענץ קען איטליכער
זיין, וו..ר ס'איז אַ פריינד פון ם אידישען לשון"...
(פון מיטגליעדס-קאַרטע).

אַ נויטווענדיגקייט אין אַ שפּראַכקאָנפערענץ האָט זיך די לעצטע צייט שטאַרק געפיהלט....

אַלע, וואָס אַרבייטען פאַר אידיש און אויף אידיש, וועגען פעראינטערעסירט אין דער פערפאָלקאָמנונג פון דער שפּראַך, אין דער ערפינדונג פון איהרע געזעצען, אין דער איינהייטליכקייט פון דער אָרטאָגראַפיע, גראַמאַטיק, אין אַ שעפּפונג פון אַ ליטעראַרישער שפּראַך, פון אַ מעהר אָדער ווייניגער אַנערקענטער ליטעראַרישער אויסשפּראַכע. און אַלע, וואָס לערנען אידיש אין די שולען, וואָס רעדען אידיש אויף דער ביהנע, וואָס זינגען אידישע ליעדער אין געזאַנג-פעראיינען, וואָס שטעלען אידישע דראַמען אין דראַמאַטישע פעראיינען, וואָס אָרגאַניזירען אידישע ביבליאָטעקען און אַז. וו. — פיהלען אַ בעדערפניס צו בייטען זיך מיט זייער ערפאַהרונג, צו וויסען איינע פון די אַנדערע. אַלע וועגען זיי פעראינטערעסירט צו שטיצען אַ וויסענשאַפטליכע אַרבייט אין דיזער ריכטונג.

און ניט איבערשאַצענדיג דעם ווערטה פון אַזאַ קאָנפערענץ, פעסט געדענקענדיג, אַז דורך אַבשטימונגען איז נאָך קיין גראַמאַטיק ניט בעשאַפען געוואָרען, — האָט זיך דאָך געדוכט, אַז די קאָנפערענץ וועט אַ סך קענען אויפטהון: זי וועט פיעל פראַגען דייטליך און קלאָר אַרויסשטעלען, זי וועט בעקאַנט מאַכען צווישען זיך די קולטורעלע טוער, זי וועט אונטערפיהרען דעם סך הכל צו דעם, וואָס איז ביז אַהער אויפגעטהון געוואָרען לטובת דער שפּראַך; זי וועט בעשאַפען אַנ'אינפאָרמאַציאָנס-איינריכטונג, וואָס זאָל קענען צו הילף קומען מיט אויסקינפטען די קולטורעלע טוער; זי וועט פאָרבערייטען אַ קאָנפערענץ, וואו קולטורעלע איינריכטונגען וועלען זיין פערטרעטען, אַ קאָנפערענץ וואָס איהר טאַגעסאָרדנונג וועט פריהער בעשפּראָכען און דיסקוטירט ווערען; זי וועט, ענדליך, אפשר אין שטאַנד זיין שוין צו בעשאַפען אַ וויסענשאַפטליכע אינסטיטוציע, וועלכע זאָל איבער דער שפּראַך אַרבייטען — א. אַז. וו.

אַזוי אונגעפעהר, רעכען איך, האָבען זיך פאָרגעשטעלט די אויפגאַבע פון דער קאָנפערענץ די לעהרער, צייטונגס-אַרבייטער, קולטור-טוער אויף אידיש, וועלכע האָבען וועגען איהר געהערט.

אויסגעקומען איז גאָר אַנ'אַנדער זאַך.

מ'האָט פריִהער ניט געקענט ערוואַרטען, אַז דיזע קאָנפערענץ זאָל שטאַרק בעזוכט ווערען. ס'איז אַזוי ווייניג געטאָן געוואָרען דערצו. קיינע רעפעראַטען און רעזאָלוציעס זענען ניט פערעפענטליכט געוואָרען, קיין מעהר אָדער ווייניגער ערנסטע דיסקוסיע האָט זיך אין דער פרעסע ניט געפיהרט. אַחוץ צייטונגען און . . . רעליגיעזע קהלות — האָט מען ניט איינגעלאַדען קיינע קולטורעלע איינריכטונגען. איינענטליך האָט קיינער ניט געוואוסט ווי עס דאַרף צו זיין, אויף וואָס ער פאָהרט, וואָס וועט פאָרקומען.

קיינע שולען, קיינע לעהרער-פעראיינען, קיינע קונסט-און בילדונגס-חברות — האָבען ניט געשיקט קיין פערטרעטער. די וואָס שרייבט דיזע שורות און אַ בעוואוסטער לעהרער פון וואַרשא, אויטאָר פון אַ אידישער כרעסטאָמאַטיע, זענען געווען די איינציגע, וואָס האָבען אויף זייער לעבען געפרובירט צו אונטערריכטען, אידיש, און לעכערליך און טרויעריג איז געווען צו זעהן, ווי דער דאָזיגער לעהרער האָט זיך אומגעטראָגען מיט אַ רעזאָלוציע פון זיינע קאָלעגען מכּח דעם, די העברעאישע אָרטאָגראַפיע זאָל פערביטען ווערען אויף אַ אידישער, און האָט ניט געוואוסט, וואו שפּאַרט מען דיזע רעזאָלוציע אַריין אויף אַ אידישער שפּראַכקאָנפערענץ...

ס'זענען געקומען, לויט דעם שאַרפזיניגען אויסדריק פון אונזערן אַ גרויסען שריפשטעלער. מענשען, וואָס האָבען געהאַט אויף הוצאות. קיינער האָט זיך ניט געפיהלט פערפּפליכטעט, יעדער איז געווען „פאַר זיך אַ ב״ב״...

ס'איז עפּיס געווען אַ 4—5 מענשען מיט מאַנדאַטען פון קאָרפּאָראַציעס — כּהן פון לאָדזער דראַמאַטישען פעראיין, איזענשטאַדט פון די בערנער סטודענטען, סאַטמעק פון בראַילאָווער רעליגיעזער קהלה, און נאָך אַ פּאָר.

דערפאַר האָט די קאָנפערענץ צו זיך צוגעצויגען גאַר אַנ'אַנדער עלעמענט.

די פראַגע וועגען גלייכבערעכטיגונג פון אידיש איז אין עסטרייך נישט קיין אַקאַדעמישע פראַגע; דאָס איז אַ פראַגע, וועלכע ווערט שוין כּמעט איצט אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טאַגעסאָרדנונג פּראַקטיש.

די וואַקסענדע ווירקונג פון די קריסטליכ-סאָציאַלע אַנטיסעמיטען, דער בּאָיקאָט געגען דער אידישער אינטעליגענץ, די ערוואַכונג פון די אידישע מאַסען מרײַבט די אידישע אינטעליגענטע יוגענד צום בעוואוסטזיין, אַז נור בּיי דער אידישער מאַסע קען זי געפינען אַנ'אָנווענדונג פון איהרע קרעפטען און קענטניסע. אויף דעם באָדען וואַקסט אַ נאַציאָנאַלע בעוועגונג צווישען דער שטודענטענשאַפט, און ספּעציעל אַ בעוועגונג צוליעב דער אידישער שפּראַך. פאַראַאָהרען האָבען אין די אוניווערזיטעטען פילע הונדערטער סטודענטען געמעלדעט אידיש, אַלס זייער מוטערשפּראַך.

ס'פערשטעהט זיך אָבער, אַז בּיי דיזע ריין-בורזשואַזע עלעמענטען קען קיין ראַדיקאַלע פאָדערונג ניט זיין שאַרף אויסגעדריקט, דערערעדט ביז'ן סוף; אונטער דעם דראַנג פון די קריסטליכ-סאָציאַלע, אָבגעריסען פון דעם פּראָלעטאַריאַט און פון זיין קאַמפף, זענען זיי דורכגעדרונגען מיט אַנ'אונבעשטימטען נאַציאָנאַליסטישען געפיהל, מיט אַנ'אונבעשטימטער, צווישאומענער ליעבע צו העברעאיש, צו דער פערגאַנגענהייט א. אַז. וו. און בילדען אַ גוטען עלעמענט פאַר דער ציוניסטישער אַגיטאַציע. מייסטענטיילס זענען די סטודענטישע אידישע פעראיינען ציוניסטיש. די ניט ציוניסטישע עלעמענטען האָבען זיך דערווייל ווייניג דיפערענצירט.

איינינע עסטרייכער ציוניסטען, וועלכע זענען בכלל בעסערע פּאָליטיקער

אַלס זײַערע רוסלענדער ברידער, האָבען גוט פֿערשטאַנען, אַז די שפּראַך־בעוועגונג קען מען אויסניצען אין אייגענע פּאַרטײַצוועקען; זיי האָבען גוט פֿערשטאַנען, אַז אַזאַ פּאָפּולערען לאָזונג, ווי גלײַכבערעכטיגונג פֿון דער שפּראַך, לוינט אונטערצושטיצען.

און אַ אָפֿיציעלער ציוניסט דאָקטאָר דיאַמאַנד טרעט פֿײַערליך אַרויס, אַלס פּאָרזיצענדער אויף דער פֿאָלקס־פֿערזאַמלונג, וועלכע ס'וועט אָרגאַניזירט לכבוד דער קאָנפֿערענץ; און אַ גאַנצע רייהע ציוניסטען ווערען "פֿרײַנד„ פֿון אידיש און בעגליקען די קאָנפֿערענץ מיט זייער אַנטייל...

אמת, דער ציוניסט, דאָקטאָר שטרויכער, דער פּאָרזיצענדער פֿון אידישען קלוב, פֿערשליסט אונטער אַ שעהנעם תּירוץ פֿאַר דער קאָנפֿערענץ די טהירען פֿונ'ם אידישען נאַציאָנאַל־הויז — אָבער דאָס ערקלערען געוויסע מענשען מיט ספּעציעלע אורזאַכען...

ס'פֿערשטעהט זיך. אַז ווען ציוניסטען טרעטען אַרויס ווי „פֿרײַנד“ פֿון אידיש, נאָך דער פֿאַראיאָהריגער רעזאָלוציע וועגען דעם, אַז העברעאיש איז די אָפֿיציעלע שפּראַך פֿונ'ם ציוניזם א. אַז. וו. —פֿיהלען זיי זיך ניט גאָר מיט אַלעמען. און די אידישע שפּראַכקאָנפֿערענץ ווערט פֿערוואַנדעלט אין אַנ'אָרט, וואו העברעאיסטען און ציוניסטען מכּל המינים שווערען טרײַהײַט דער העברעאישער שפּראַך און ווײַזען אויף, אַז דווקא צוליעפּ דעם לשון הקדש זענען זיי איצט „אידיסטען“ (אַ נײַ טשערנאָוויצעס ווערטעל) געוואָרען...

פֿאַר יעדערן איז אָבער קלאָר, אַז ס'איז נאָך ווייניג אָנצורופֿען זיך "פֿרײַנד„, כּדי טאַקי אַ פֿרײַנד צו זײַן...

עס איז געווען נאָך אַ גרופּע — אונזערע גרויסע שריפֿטשטעלער — פּרץ, אַש און אײנעם מיט'ן דאָקטאָר נ. בירנבוים און מיט נאָך אַנדערע — האָבען זיך אומגעטראָגען מיט ברייטע פּלענער: פֿעראיייניגען דאָס גאַנצע פֿאָלק און זײַן קולטור, בעשאַפֿען אַנ'אַלוועלטליכע אָרגאַניזאַציע, שטאַרק צענטראַליזירט; דאָס טשערנאָוויצער ביוראָ פֿון דער אָרגאַניזאַציע זאָל אַרומכאַפּען אין זײַן שעפֿערישער אַרבײַט די גאַנצע קולטורעלע טעטיגקײַט אינ'ם יודענטום. מיר דאַרפֿען ניט בויען אויפ'ן באָדען פֿון די אַלטע, שוין עקזיסטירענדע קולטור־חבֿרות — האָט געשריען פּרץ — זיי זענען אַלע פּאַרטייאיש (?!). מיר זענען כּלל־ישׂראל אידען! מיר דאַרפֿען בויען אַלץ אויף דאָס נײַ.

——————

— — — — — — — — — — —

אַ פּאָר ציפֿערן וועגען דער צוזאַמענשטעלונג פֿון דער קאָנפֿערענץ.

פֿערשריבען האָבען זיך 70 מיטגליעדער. 14 זענען געווען פֿון רוסלאַנד: אַש, פּרץ מיט זײַן פֿרוי, רייזען, נאָמבערג, טײַטש, וויוויאָרקאַ (פֿון טשענסטאָכאָוו, נאָהענט צו די אידעען פֿון פּ. צ.), בראַנמאַן (פֿון קיעוו, אַנ'אָנהענגער פֿונ'ם „סערפּ“), מ. בירנבוים (אַ לעהרער פֿון וואַרשוי), נח פּרילוצקי (אונזער לעבען), כּהן (פֿון לאָדזער קונסט־פֿעראיין), זשיטלאָווסקי (פֿאָהרט איצט פֿון אַמעריקאַ), אייזענשטאַדט (אויטאָר פֿון אַרטיקלען וועגען דער אידישער שפּראַך, געשיקט פֿון די בערנער סטודענטען) און אסתּר.

1 איז געווען פֿון רומעניען.

די איבעריגע 55 זענען אַלע געווען פֿון גאַליציען און בוקאָווינאַ. צווי־

שען זיי האָבען זיך 8 פערשריבען, אַלס ליטעראַטען. צווישען זיי איז געווען איינער ווענדער, רעדאַקטאָר פון דער בערלינער „פלאַשען-צייטונג" און „צייט-שריפט פאַר די געזאַמטע קוילען-וויערע אינדוסטריע", צוויי דייטשישע ספּעציעל אינדוסטריעלע צייטונגען. דער ה' ווענדער קען אַפילו קיין אידיש ניט רעדען. די איבעריגע 47 מיטגלידער זענען בעשטאַנען פון אַלע מינים פּראָפעסיעס: סוחרים, סטודענטען, ראַנדאַרן, בוכהאַלטער און אַזוי ווייטער, אַפילו אַ בדחן האָט צווישען זיי אויך ניט געפעלט.

אָט דאָס זענען די „איבער 60 שריפטשטעלער, פּובליציסטען א. אַז. וו.", וועגען וועלכע הערר דיאַמאַנד שרייבט ענטהוזיאַסטיש אין אַנ'אַרטיקעל אין אַנ'אָרטיגער צייטונג...

די פּאָר ציפערן בעווייזען קלאָר, אַז די קולטורטוער און אידישע ליטעראַטען האָבען זיך אינגאַנצען פערלאָרען צווישען די אַלע ב"ב און בעלי-בתּישע זיהנדעלעך. ס'איז קלאָר געווען פון ערשטען טאָג, אַז וועגען קיין ערנסטער און פעראַנטוואָרטליכער אַרבייט איז דאָ ניטאָ וואָס צו רעדען. און מ'מוז טאַקי קאָנסטאַטירען אַ מערקווירדיגע ניט-ערנסטקייט אין דער בעציהונג פון דער מעהרהייט מיטגלידער.

אין די וויכטיגסטע אָבשטימונגען בעטייליגען זיך העכסטענס 40 מיטגלידער. וועגען נאָמענטליכע אָבשטימונגען וויל מען ניט הערען. אין דער אָבשטימונג פון דער רעזאָלוציע, אַז אידיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, בעטייליגען זיך סך הכל 36 מענשען. מ'פערשפּעטיגט אויף די זיצונגען, מ'ווייס אָפטמאָל ניט, פאַר וואָס מ'שטימט; מענשען שטימען אָב און זענען סותר די איינענע אָבשטימונגען. דערצו הערשט נאָך אין זאַל אַ טומעל, וועלכען ס'מאַכען אָן די „צערנאָוויצער געסט" מיט זייערע אַפּלאָדירען און ציישען. דעם רעפעראַט פון אַייזענשטאַדט, וועלכער פערנעמט זיך מיט אָרטאָגראַפיע הערט קיינער ניט...

אַ פּאָר ווערטער דאַרף איך נאָך ווידמען די אָרגאַניזאַטאָרען פון דער קאָנפערענץ, די סטודענטען פון וויענער פעראיין „קולטור". דאָס איז ניט קיין ציוניסטישער פעראיין, אָבער צווישען זיינע מיטגלידער (אַנ'ערך 30 מענשען) זענען פאַראַן ניט וועניג ציוניסטען.

דוקא די, וואָס האָבען אַזוי פיעל גערעדט וועגען פעראייניגונג פונ'ם גאַנצען אידישען פאָלק, האָבען גאָר נישט געטאָן, כדי צו דערנעהנטערן דאָס פאָלק צו דער קאָנפערענץ. אַ „פאָלקס-פערזאַמלונג" האָט מען אָרגאַניזירט זונטאָג 4 אַ זייגער ביי טאָג, בעת די אַרבייטער זענען אין די ווערקשטאַטען. די אַרבייטער האָבען דערום ניט געקאָנט קומען אויף דער פערזאַמלונג.

די ליטעראַרישע פאָרלעזונג, וועלכע מ'האָט אָרגאַניזירט דעם 31-טען אין אָבענד, האָט מען די ניט-פערמעגליכע מענשען ניט געגעבען קיין שום מעגליכקייט צו בעזוכען. די ביליגסטע ערטער זענען געווען איבער אַ קראָנע. דעם היגען אידישען סאָצ. דעמאָקראַטישען בילדונגס-קאָמיטעט, וואָס אַרבייט צווישען הונדערטער אידישע אַרבייטער און האָט פאַר'ן לעצטען יאָהר פערשפּרייט 2000 אידישע ביכלעך, האָט מען אַפילו ניט געפונען פאַר נויטיג צוצוציהען צו דער פּאָרבערייטונגס-אַרבייט. אַ שעהנעם שטריך האָט אויך צוגעגעבען דער קאָמערס (באַנקעט), וועלכען די זעלבע אַקאַדעמיקער האָבען אָרגאַניזירט לכבוד די מיטגלידער פון דער קאָנפערענץ. דער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט רייך-פערפּוצטע בורזשוען און זייערע פרויען און טעכטער. דער פּאָרזיצענדער האָט

קודם כל בּעגריסט דעם אָרטיגען שטאַטהאַלטער און דעם זעלבּיגען הערר שטרויכער, וועלכער האָט געצוואונגען די קאָנפערענץ גופא פאַר דער ערעפנונג צו זוכען קוואַרטירען...

פון די אַרבּײַטער, האָט מען פערבּעטען אַ פּועל ציוניסטיש פעראײַינדעל פון אַ פּאָר צעהנדליג מיטגליעדער, וואָס עקזיסטירט דאָ אין צערנאָוויץ. וועגען די הונדערטער ס. ד. אַרבּײַטער האָט מען זיך געמאַכט נישט וויסענדיג.

די פּ. צ. זענען טאַקי געקומען. אָבּער אַ וועה! מ'האָט דערזעהן, אַז זיי געהען ניט אין שוואַרצע רעק, און מ'האָט זיי ניט געוואָלט אַרײַנלאָזען. האָבּען זיי זיך גענומען דינגען. האָט מען אָבּגעקליבּען די „אָנשטענדיגערע“ און מ'האָט זיי אַרײַנגעלאָזען. איינינע פון די „ניט־אָנשטענדיגע“ איז דאָס שטאַרק ניט געפעלען געוואָרען און זיי זענען אַזוי לאַנג געשטאַנען, בּיז וואַנען דער פּאָליציימאַן האָט אויף זיי רחמנות געהאַט און האָט זיי משלח געווען. די „אָנשטענדיגע“ האָבּען זיך מישבֿ געווען און זענען אויך אַוועקגעגאַנגען. נאָך דער ערעפנונג פון בּאַנקעט האָבּ איך זיך געווענדעט צום פּובּליקום מיט אַ מעלדונג וועגען דעם, ס'איז בּאַלד געוואָרען אַ טומעל, מ'האָט מיר ניט געוואָלט לאָזען רעדען, און איך האָבּ פערלאָזען דעם בּאַנקעט, בּעגלייטעט פון נאָך עטליכע מיטגליעדער...

פיעל פון די פערבּליבּענע מיטגליעדער האָבּען געזאָגט, אַז זיי האָבּען בּשעת מעשׂה ניט פערשטאַנען, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, דערפאַר זענען זיי געבּליבּען...

אויף מאָרגען איז אַרײַנגעטראָגען געוואָרען אַ מעלדונג, וועלכע פּראָטעסטירט געגען דעם, וואָס מ'האָט מיטגליעדער פון דער קאָנפערענץ געמאַכט פאַר אַנטײלנעהמער אין אַ דעמאָנסטראַציע געגען אַרבּײַטער. אויפ'ן פּראָטעסט געפינען זיך 20 אונטערשריפטען.

קיינע דיסקוסיעס זענען וועגען דעם ניט פאָרגעקומען. דער פּרעזעס פון „קולטור“ האָט נור ערקלערט, אַז די „פערטרעטער“ פון די פּ. צ. האָט ער אַרײַנגעלאָזען, און וועגען דעם ס. ד. בּילדונגס־קאָמיטעט האָט ער געמענט ניט וויסען.

די אַלע קליינינקײַטען גיבּען אַ בּעגריף וועגען דעם גײַסט פון דער פאָרבּערײַטונגסאַרבּײַט, וועגען דעם וואָס פאַר אַ אַטמאָספערע אויף דער קאָנפערענץ האָט געהערשט. זיי זענען אויך וויכטיג, ווײַל די זעלבּע בּעגײַסטערער זענען פּאַקטיש געבּליבּען די פיהרער פון דער בּ ע ש אַ פ ע נ ע ר אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע.

די ערעפענונג איז פאָרגעקומען זונטאָג, דעם 30־טען אויגוסט. די ערעפנונגס־רעדע האַלט דאָקטאָר נתן בּירנבּוים. ער רעדט וואַרעם, בּעגײַסטערט. ער שילדערט די עוואָלוציע, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דער בּעציהונג פון דער אינטעליגענץ צו אידיש, ער שטרייכעלט אונטער די ראָליע, וועלכע די נײַע צײַט האָט אין דעם געשפּיעלט, די נײַע צײַט, וועלכע האָט דעם „פּראָסטען עולם“ די אויגען געעפענט און האָט אַ נײַע אינטעליגענץ צום לעבּען געבּראַכט.

אויף דער טריבּונע איז פּרץ. אין בּעגײַסטערטע ווערטער שילדערט ער די ראָליע, וועלכע די ערוואַכונג פון די מאַסען האָט געשפּיעלט אין דער ענטוויקלונג פון דער שפּראַך. ער טראָגט דיזע ערוואַכונג אַריבּער צו די צײַטען פון חסידיזמוס — און ניט אָהן גרונד, ווײַל דאַן האָט די מאַסע צום ערשטען מאָל געוואָלט זאָגען אַ דעה, ווײַל דער חסידיזמוס איז קודם כל געווען אַ מאַסען־פּראָטעסט געגען דעם טויטען בּנין פון דער רבּנות. ער שטעלט אַרויס, אַלס אַ ספּעציעלען מאָמענט, די עמאַנסיפּאַציע פון דער אידישער פרוי — ווען אידיש

איז געוואָרען פון מאַמע־לשון אַ פאָלקס־לשון, און רעדט ענדליך וועגען דער גרויסער ראָליע פון דער פּאָליטישער ערוואַכונג פון די מאַסען, פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט בכלל און פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד און פּוילען בפרט...

לויט זײַן סאָציאָלאָגיע — זענען אַלע געזעלשאַפטליכע ערשײַנונגען פּרי־הער פאַר אַלץ ווילענסערשײַנונגען — און פונ׳ם ווילען פון דער אינטעליגענץ, פון אונזער ווילען — הענגט אָב די ווײַטערדיגע צוקונפט פון דער שפּראַך...

עס קומען פאָר וואַהלען.

עס ווערען געלעזען אַ רייהע בעגריסונגען. די זיצונג ווערט געשלאָסען ביז מאָרגען.

פון דער געמעלדעטער טאַגעסאָרדנונג זענען דורכגעפיהרט געוואָרען נור אַש׳ס רעפעראַט „וועגען איבערטראָגונג פון אידישע קולטור־גיטער אין די אידישע שפּראַך" און דרײַ רעפעראַטען איבער דער שפּראַך. די איבעריגע צײַט האָבען פערנומען די אָרגאַניזאַציאָנסדעבאַטען.

איבערגעבען דעם אינהאַלט פון אַש׳ס רעפעראַט איז גאַנץ שווער: דאָס איז געווען אַ רייהע אײנצעלנע געדאַנקען, פּאַראַדאָקסען. געדאַנקען למשל וועגען דעם, אַז דער אַלטער אידישער גאָט איז גאָר ניט געווען קײַן אידישער גאָט; פּאַראַלעלען צווישען בעטען — אויף אידיש, און דאַווענען — אויף העברעאיש; בעהויפּטונגען, אַז די שפּראַך האָט בײַ דער בעשאַפונג פון דער אַלטער אידישער קולטור קײַן ראָליע ניט געשפּיעלט, דאָס איז געווען אַ נעבענזאַך און דעריבער זענען אין די שפּראַך פונ׳ם פאָלק פרײַ אַרײַן עלעמענטען פון אַנדערע שפּראַכען — א. אַז. וו. די אונטערשטע שורה איז, אַז אונזערע אַלטע קולטור־גיטער זענען איצט אין אַ געוויסער פאָרם און שפּראַך פערשטײנערט געוואָרען, און זיי מוזען איבערגעטראָגען ווערען אין די לעבעדיגע שפּראַך פון פאָלק, כדי די, וואָס קענען ניט קײַן העברעאיש, זאָלען זיי קענען געניסען.

אין דער דיסקוסיע ווערט אָנגעוויזען, וואָס פאַר אַ גרויסע בעדײַטונג די איבערזעצונג פון ת״נך קען האָבען פאַר דער שפּראַך. דער אידישער סינטאַקסיס איז נאָהענט פערוואַנדעט מיט׳ן העברעאישען. דער אײנפאַכער סטיל פון ת״נך אין אײנעם מיט זײַן רײַכער שפּראַך וועט שטאַרק בערײַכערן און פערשענערן דאָס אידיש.

אַש׳ס רעפעראַט האָט געגעבען אַ געלעגענהײַט צו אַ גאַנצען ים מליצה. „מ׳דאַרף אויסבילדען דעם אידישען גײַסט". „מ׳דאַרף ערציהען די אידישע נשמה". „נור אין דער פערגאַנגענהײַט קענען אידישע קינסטלער שעפּען בעגײַסטערונג", „נור אין הדר האָט זיך געקענט אויסבילדען אַ אידישער קינסטלער"; — „ניין, ניט אין הדר, אין בית המדרש"...

מ׳ענטפערט זיי, אַז דאָ איז קודם כל אַ שפּראַכקאָנפערענץ, אַז דער „אידישער גײַסט" איז אַזאַ זאַך, וואָס יעדער קלאַס, יעדע גרופּע וויל ערציהען אויף איהר אופן, אַז די איבערזעצונג פון ת״נך איז וויכטיג פאַר דער שפּראַך, איז אַ פאַקט. לאָמיר דאָס אַנערקענען און גענוג.

ס׳פערפיהרט זיך אַ דיסקוסיע. ס׳געפינען זיך גוטע מענשען וואָס זאָגען, אַז מ׳דאַרף אַרײַנשטעלען אין די רעזאָלוציע אי „דעם גײַסט", אי „די שפּראַך". די מעהרהײַט איז מסכים.

מ׳קלײַבט אויס אַ קאָמיסיע, זי זאָל פעראייניגען דעם „גײַסט“ מיט דער „שפּראַך“ . . .

דיזע ערשטע אָבשטימונג איז געווען אַ פּראָבע-שטיין. זי האָט בעוויזען, אַז אין די גרענצען פון שפּראַכפּראַגען וועט מען זיך בשום אופן ניט אײַנהאַלטען.

און דאָס האָט קלאָר געוויזען די שטימונג פון דער קאָנפערענץ בשעת לעזען פון די דרײַ „שפּראַכ-רעפעראַטען“.

איך בין ניט קײַן פילאָלאָג און נעהם מיך ניט אָן אָבצושאַצען דעם וויסענשאַפטליכען ווערטה פון אַייזענשטאַדט׳ס רעפעראַט; ס׳איז נור פאַר מיר און פאַר נאָך אַ פּאָר מענשען קלאָר געווען, אַז ער בעריהרט פראַגען, וועלכע זענען אונז, אַלס לעהרער און פשוטע שרײַבער, ניט קינסטלער — נויטיג און וויכטיג. ס׳האָט זיך געוואָלט אויסהערען דעם רעפעראַט, ס׳האָט זיך געוואָלט, אַז די פּאָר טעאָרעטיקער, וואָס האָבען זיך דאָ געפונען, זאָלען אויך זייער מיינונג אַרויסזאָגען; אייניצעלנע בעמערקונגען וואָלטען אויך פּראַקטיקער געקאָנט אַרײַנטראָגען.

אָבער ס׳איז ניט געווען קײַן שום מעגליכקײַט צו הערען, דאָס פּובליקום האָט זיך זעהר וועניג אינטערעסירט מיט׳ן רעפעראַט, און דער רעפערענט האָט אַפילו ביז׳ן מיטען ניט דערלייענט און האָט געזאָגט, אַז דאָס איבעריגע וועט ער שוין אין קאָמיסיע ענדיגען. אומזיסט האָבען די רעפערענטען דערנאָך דערמאָהנט וועגען אַ קאָמיסיע. אומזיסט האָב איך אַ פּאָר מאָל גערעדט וועגען איהר נויטיגקײַט. מ׳האָט קײַן קאָמיסיע עד היום ניט געקליבען.

אַ קורצען רעפעראַט לעזט דאָקטאָר סאָטעק איבער דער געשיכטע פון אידיש; ער שטרייכעלט אונטער די ווירקונג פון סלאַווישע שפּראַכען, און זאָגט אויך צו, אַז אויספיהרליך וועט ער רעדען אין דער קאָמיסיע.

די שפּראַכקאָנפערענץ האָט זיך קוים אַ שעה פערנומען מיט שפּראַכפּראַגען — און דאָס פּובליקום איז שוין שטאַרק פערשלעפערט געוואָרען... פון דיזען צושטאַנד האָט איהם אַרויסגעפיהרט מיט זײַן רעפעראַט הערר מיזעס.

אַנ׳אינטערעסאַנטע פערזענליכקײַט. שרײַבט מײַסטענטייל׳ס העברעאיש — אַרבײַט אין „המצפה“ — און וויפיעל ווערטער, וואָס האָבען נור אַ שייכות צו טויט און טויטקײַט, ס׳זענען נור דאָ אין דער אידישער שפּראַך — האָט ער אַרויסגעשלעפט אויף דער סצענע, בשעת ער האָט אָנגעריהרט העברעאיש. „קברים“, „בית עלמין“, „מומיע“, „אָהן דופק“ — א. אַז. וו., א. אַז. וו.

רעדען רעדט ער אַזוי, אַז מ׳כאַפּט קוים פון 10 ווערטער איינעם; מאָהלט ווי אַ מיהל. שלינגט ווערטער. אָבער ער רעדט מיט אַזאַ היץ, אַז ער צווינגט זיך פאָרט צו הערען.

דער רעפעראַט געדויערט העכער אַ שעה. ער ברײַנגט די אייגענטליך שוין פעסטגעשטעלטע כללים — אַז יעדע שפּראַך איז געמישט, אַז קײַן שפּראַך קען ניט אָנגערופען ווערען — „ריינע“ שפּראַך; אַז די געוויסע פרײַהײַט פון פאָרמען, דאָס וואָס ס׳פעהלען געוויסע גראַמאַטישע פאָרמען — איז גאָר אַ סימן פון אַ ווײַט ענטוויקעלטער שפּראַך; אַז פרעמדע ווערטער, אויב זיי געהען אַרײַן אין אַ שפּראַך, ווערען זיי דורכגעדרונגען מיט איהר גײַסט, א. אַז. וו., א. אַז. וו. דאָס אַלץ אָבער ווערט אילוסטרירט מיט אַזאַ גרויסער צאָהל אינטערעסאַנטע בײַשפּילען (אמת ניט אַלע מאָל וויסענשאַפטליכע, אָפט אויך קוריעזע), אַז דער רעפעראַט גיט טאַקי אַ רײַכען מאַטעריאַל אַנטקעגען די געגנער פון אידיש.

# די נײַע צײַט.

ער נעמינט, אַז העברעאיש קען בלײַבען אַ שפּראַך פון ספרים. די אידישע װיסענשאַפט קען אין העברעאיש בעאַרבײַט װערען. ער נעמינט אַפילו, אַז אויך פּובליציסטיק קען געשריבען װערען אין אַ שפּראַך, אין װעלכער „ס׳קלאַפּט ניט אַזוי שטאַרק דער דופק“...

דוכט זיך, ניט אַזוי געפערליך.

די העררען העברעאיסטען אָבער קענען ניט פערטראָגען די װערטער „מומיע“, „קברים, „בית עלמין“ און מאַכען אַזאַ סקאַנדאַל, אַז ס׳איז ניט צו בעשרײַבען.

פּרץ לויפט אַרויס שטאַרק אויפגערעגט, װאַרפט אויף די ציוניסטען זײער אויפפיהרונג און לעגט פאָר אַזוי, אַז עס קומט אויס דוקא די העברעאיסטען אויף צו להכעיס, די קאָנפערענץ זאָל בעשליסען מיזעס׳ס רעפעראַט צו דרוקען אַלס די ערשטע װיסענשאַפטליכע אַרבײַט װעגען דער אידישער שפּראַך.

כ׳װערט נאָך אַ גרעסערער סקאַנדאַל. פּרץ מעלדעט, אַז אויב ער האָט װעמען בעליידיגט, נעהמט ער זײַנע װערטער צוריק, אָבער די קולות און דער טומעל װאַקסען.

מיט צרות װערט דער ליאַרעם אײַנגעשטילט און די זיצונג װערט געשלאָסען.

די ערשטע און לעצטע זיצונג, אויף װעלכער די קאָנפערענץ האָט זיך פערנומען מיט דער אידישער שפּראַך.

דאָס איז געװען דינסטאָג אין דער פריה. מאָנטאָג נאָך מיטאָג האָבען זיך אָנגעהויבען די דעבאַטען װעגען דער אָרגאַניזאַציאָנספראַגע, און פון דינסטאָג נאָך מיטאָג ביז פרײַטאָג 4 אַ זײגער פאַר טאָג האָבען זײ ניט אויפגעהערט.

מיזעס׳עס רעפעראַט האָט די פראַגע װעגען העברעאיש און אידיש אויפ׳ן טאַגעסאָרדנונג דאָך געשטעלט, און די קאָנפערענץ בעשליסט זי צו דיסקוטירען אין פערבאַנד מיט די ערשטע „פּרינציפּיעלע“ פּונקטען פון פּרץ׳ס אָרגאַניזאַציאָנס-סטאַטוט.

אָט זענען דיזע פּרינציפּיעלע פּונקטען:

די „קאָנפערענץ פון דער אידישער שפּראַך“ שטרעבט צו די פאָלגענדע ציעלען:

א) אַנערקענונג און גלײַכבערעכטיגונג פאַר דער אידישער שפּראַך.

ב) בעפערדערונג און פערשפּרייטונג פון קולטור און קונסט אין דער אידישער שפּראַך.

דערנאָך האָט ער צוגעגעבען נאָך אַ פאָרמעל: „פעראײניגונג פון׳ם אידישען פאָלק אין זײַן קולטור און אין זײַן שפּראַך“.

אַרום דעם פּונקט א. זענען פאָרגעקומען לאַנגע און העפטיגע דעבאַטען.

די לײַדענשאַפטען זענען געװען צו ערװעקט, די שטימונג צו געשפּאַנט; די טומעלדיגע דעמאָנסטראַציעס פון די העברעאיסטען — דאָס אַלץ האָט אַרויסגעװאָרפען אויף אַלע „פרײַנד פון דער אידישער שפּראַך“ אַ חוב אָפען צו ערקלערען, װאָס איז אַזוינס די קאָנפערענץ. אַ העברעאיש-ציוניסטיש קרײַזעל, װאָס פערשטעהט בלויז, אַז אפילו פאַר עברית בעברית מוז מען אַגיטירען אויף מאַמע-לשון, אָדער אַ פערזאַמלונג פון מענשען, װאָס װילען מיטהעלפען דער ענטװיקלונג פון זײער נאַציאָנאַלער שפּראַך.

װאָס פאַר בעשײדענע צװעקען די קאָנפערענץ זאָל זיך ניט שטעלען, װי שמאָל זי זאָל די פראַגע פון דער שפּראַך ניט נעהמען, — איז איין זאַך קלאָר: בעװאוסטזיניג אַרבײַטען פאַר די אויפבליהונג פון אידיש, פאַר זײַן פער-

שענערונג און אויסבעסערונג — קענען נור די, וואָס גלויבען, אַז די צוקונפט איז פאַר אידיש. ווי קענען קעמפּפען פאַר די רעכטע פון דער מוטערשפּראַך די, וואָס טרײַבען אַלײן מיט זײַער טעטיגקײַט לצנות איבער מוטערשפּראַך, וואָס בעמיהען זיך אַלײן צו ענטוויקלען און בילדען זײַערע קלײנע קינדער אין אַ לשון, וואָס איז פרעמד דער אידישער מאַסע? די, וואָס ווילען זײַן די אָנפיהרער פון די פאָלקסמאַסען און בעשליסען צו מאַכען פאַר זײַער אָפיציעלער שפּראַך העברעאיש, אַרויסצוגעבען זײַער אָפיציעלען אָרגאַן אויף העברעאיש, וועלכער איז די פאָלקסמאַסען דורכאויס אונפערשטענדליך?

איז דער קאָנפערענץ יאָ עפּעס בעשעהרט צו שאַפען, קען דאָס זײַן נור צום שאַדען פון די העברעאיסטען, קען דאָס זײַן נור אַ נײַער בארג ערד איבער דעם העברעאיש.

אַ קלײנע מינדערהײַט פון דער קאָנפערענץ האָט דאָס געשטרעבט צו אונטערשטרײַכלען. אַ גרויסע מעהרהײַט האָט דאָס געשטרעבט צו פערטושען, כדי כל ישראל צו פערזאַמלען אונטער אַ נײַער כלל־ישראל פאָהן.

———————

נאַציאָנאַל־שפּראַך אָדער פאָלקס־שפּראַך? וועמען וואָלט אײַנגעפאַלען דיזען רײַן ווערטערליכען דיספּוט צו פיהרען.

אָבער ס׳זענען דאָ ווערטער־סימבאָלען, ווערטער, וואָס דריקען אויס גאַנצע שטימונגען.

און ווען איהר געפינט זיך אין אַ פערזאַמלונג, וואו דאָס וואָרט פאָלקס־שפּראַך בעדײַטעט שפחה, דינסט, און דאָס וואָרט נאַציאָנאַל־שפּראַך — גבירה, האַררינטע, דאַן פיהלט איהר זיך פערפפליכטעט צו בעשטעהן דוקא אויפ׳ן וואָרט — נאַציאָנאַל־שפּראַך.

די מעהרהײַט פון דער קאָנפערענץ איז ניט געווען קײן העברעאיסטען. זי האָט אָבער געפונען פאַר אונמעגליך אָבצוזאָגען זיך פון אַזעלכע „פרײַנד“, ווי ר׳ ליבל טויביש, ווי הערר הײַזלער און ד. גל.

זי האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז זי האַלט אידיש פאַר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון אידישען פאָלק און אַ אָנמערקונג — אַז די בעציהונג צו העברעאיש בלײַבט פרײַ — דאָס הײסט אפילו די, וואָס רעכענען, אַז די נאַציאָנאַלע קולטור־שאַפונג קען פאָרקומען נור אין העברעאיש, מעגען אויך אַרבײַטען אין דער קאָנפערענץ.

ס׳ווערט אויסגעקליבען אַ קאָמיסיע אויף פאָרמולירען די רעזאָלוציע.

די קאָמיסיע האָט פאָרמולירט דעם פּרינציפּיעלען טהײל אַזוי: „די קאָנפערענץ אַנערקענט די אידישע שפּראַך פאַר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון אידישען פאָלק און פאָדערט פאַר איהר פּאָליטישע, געזעלשאַפטליכע און קולטורעלע גלײַכבערעכטיגונג.

די דעבאַטען ווענען אידיש און העברעאיש האָבען זיך אַרײַנגעריסען אין מיטען פון די אָרגאַניזאַציאָנס־דעבאַטען.

איצט דאַרף איך אָנהויבען פון אָנהויב און שילדערן דעם גאַנצען גאַנג פון די אָרגאַניזאַציאָנס־דעבאַטען.

איך וועל ניט אַרײַנגעהן אין פּרטים, איך וועל נור מיטטײלען, אין וואָס ס׳איז בעשטאַנען די הויפּט־דיסקוסיע.

די לעזער זענען שוין בעקאַנט מיט׳ן פּרינציפּיעלען טהײל פון פּרץ׳ס סטאַטוט. דאָ וועל איך ברענגען די ווײַטערדיגע וויכטיגע טהײלען.

„צו דערגרײכען די דערמאָהנטע ציעלען בעשאַפט די קאָנפערענץ אַן־אָרגאַניזאַציע און אַ ביוראָ מיט דעם דערװײַלינגען זיץ אין טשערנאָװיץ.

## ארגאניזאציע.

די אָרגאַניזאַציע בעשטעהט אױס אידען, מינדעסטענס 18 יאָהר אַלט, װאָס שטרעבען פאַר די ציעלען פון דער קאָנפערענץ פון דער אידישער שפּראַך — און צאָהלען לטובה פון איהר װעניגסטענס 1 רוב. אַ יאָהר (2½ קראָנען, 2 מאַרקען און אַז. װ.).

## ביורא.

דער אָרגאַן פון דער קאָנפערענץ איז דאָס ביוראָ, װעלכע זי װעט אױסערװעהלען.

דאָס ביוראָ דאַרף:

א) װערבען מיטגליעדער פאַר דער אָרגאַניזאַציע.

ב) גרינדען חברות, קאָמיטעטען, גרופּען, און אַנדערע פערײניגונגען, װאָס אַרבײַטען פאַר די ציעלען פון דער קאָנפערענץ לױט די בעשטימונגען פון די פערשיעדענע לאַנדס־געזעצען.

ג) אַרױסגעבען און שטיצען דאָס אַרױסגעבען פון קולטור און קונסט־זאַכען.

ד) גרינדען ביבליאָטהעקען.

ה) אָרגאַניזירען רעפעראַטען און פאָרלעזונגען.

ו) בעהילפיג זײן אין פעראידישען אַלע קולטור און קונסט־גיטער פון דער אידישער פערגאַנגענהײט און אַלערערשטענס ביבעל און תנ"ך.

ז) בעהילפיג זײן אין אַרױסגעבען מוסטערלעהרביכער.

ח) גרינדען און שטיצען אידישע מוסטערשולען.

ט) גרינדען און שטיצען אידישע טעאַטרען.

י) גרינדען פּראָפעסיאָנעלע פערײנען פאַר ליטעראַטען.

יא) פערמיטלונג צװישען ליטעראַטען און קינסטלער פון אײן זײט און הערױסגעבער פון דער אַנדערער.

יב) שאַפען אַן'אײנריכטונג, װאָס זאָל דיענען אַלס אױטאָריטעט פאַר פראַגען פון אידישער אָרטאָגראַפיע, גראַמאַטיק און אַנדערע שפּראַך־פראַגען.

יג) פּראָפּאָגאַנדע פאַר אַנערקענונג און גלײַכבערעכטיגונג פון דער אידישער שפּראַך.

װײַטער געהען שױן פּרטים װעגען דער צאָהל מיטגליעדער פון ביוראָ און אַז. װ. אױף די קאָנפערענץ שיקט יעדע הונדערט מיטגליעדער אַ פערטרעטער. דאָס ביוראָ קען אײנלאַדען אַלס דעלעגאַטען אױך ליטעראַטען און קינסטלער.

אין דעם נאָמען פון דער אידישער שפּראַך, פון אַ װירקליך אַלגעמײנעם, אידיש־אַלװעלטליכען אינטערעס, האָט מען, װי דער לעזער זעהט, פּראָיעקטירט צו בעשאַפען אַ נײַע אָרגאַניזאַציע אױף פערשפּרײטען קולטור, אַן'אַלװעלטליכע חברה מפיצי השכלה, װעלכע האָט פון אָנהױב אָן געזאָלט זיך אָפּשנײַדען פון דער גאַנצער קולטורעלער טהעטיגקײט, װאָס װערט געפיהרט ביז איצט דורך פערשיעדענע פּאַרטײען, פערײנען, חברות, גרופּען. פּרץ האָט דאָס נענוג שאַרף בעטאָנט אין אײנער פון זײנע ערקלערונגען, װעלכער האָט, אױסדריקענדיג זײן גרעסטע סימפּאַטיע צו דער בעװאוסטער אידישער אַרבײטער־פּאַרטײ — געמעלדעט,

אַז די בּיז איצטיגע קולטורעלע טהעטיגקייט איז שטרענג פּאַרטײיִש, אַז קיינע אַלגעמיינע קולטורעלע גיטער שטיצט זי ניט, אַז דאָס איז אַ קולטור פון אַנגי־טאַציאָנס־בּראָשורען (און האָט פערגעסען, ווער עס האָט דוקא פערעפענטליכט פּיעלע פון זײַנע אייגענע ווערק, למשל „די גאָלדענע קייט“ אין רוסלאַנד און אַמעריקאַ).

ס'זענען געווען פּיעל פּריוואַטע ערווידערונגען געגען דעם פּראָיעקט, אָפּט־מאָלס נאַנץ ווילכטיגע און ערנסטע, געגען זײַן צענטראַליסטישען כאַראַקטער איבּער־הויפּט (למשל פּרילוצקי, כהן). אָבּער ווען ס'איז געקומען צום אָבּשטימען, זענען נור זיבּען שטימען געגעבּען געוואָרען געגען דעם, דיזער פּראָיעקט זאָל גענומען ווערען אַלס אַ גרונדלאַגע.

דער אַלגעמיינער געדאַנקענגאַנג, אויף וועלכען די נעננער פון'ם פּראָיעקט האָבּען זיך סומך געווען, איז געווען פאָלגענדער:

פּערשפּרייטען קולטור — פערשפּרייטעט יעדע סאָציאַלע גרופּע לויט איהר וועלטאַנשאַאונג, לויט איהרע פּאָליטישע און סאָציאַלע אינטערעסען. די קולטור, וואָס ס'פערשפּרייט אַ שאָוויניסטישער נאַציאָנאַליסט, איז אָפּטמאָל ניט גלייך צו דער קולטור, וועלכע ס'פערשפּרייט אַ פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָג; די זעלבּע קולטור־אוצרות, וואָס זענען פון'ם ערשטען ווערטה פאַר'ן פּראָלעטאַריאַט, זענען אָפּטמאָל גאָר ניט קיין אוצרות פאַר דער בּורזשואַזיע און אומגעקערט. פאַר אַ ציוניסט למשל איז די איבּערטראָגונג פון דער גאַנצער בּיבּעל אַ גרויס שטיק אַגיטאַציאָנסאַרבּייט; פאַר פּראָלעטאַריער זענען די פּאָעטישע טיילען פון איהר אַ קוועלע פון שענהייטסגעפיהל און דאָס איבּעריגע — אַ שטאָף צו היסטאָריש שטודירען און קריטיק.

די אָרגאַניזאַציע שטעלט זיך פּאָליטישע ציעלען — קאַמפף, פּראָפּאָגאַנדע פאַר גלייכבּערעכטיגונג פון שפּראַך. די גלייכבּערעכטיגונג פון שפּראַך קען פערשטאַנען ווערען זעהר פערשידען — אין פערבּינדונג מיט דעם אָדער יענעם נאַציאָנאַלען פּראָגראַם. די פּראָפּאָגאַנדע קען געפיהרט ווערען אויף צעהנדליגער אופנים.

ס'איז שוין קיין רעד ניטאָ וועגען דעם, אַז די קאָנקרעטע אַרבּייט און קאַמפף קען געפיהרט ווערען נור אין פערבּינדונג מיט די אָרטיגע פּאָליטישע, סאָ־ציאַלע און עקאָנאָמישע בּעדינגונגען; אַז קיין אַלוועלטליכע אָרגאַניזאַציע איז דאָס ניט אימשטאַנד צו טהאָן.

דעריבּער דאַרף די בּעשאַפענדע אָרגאַניזאַציע האָבּען אַ ריין אינפאָרמאַטיווען כאַראַקטער, דערבּיי וועלען אויך קענען געגרינדעט ווערען פערשידענע קאָמי־סיעס — גראַמאַטישע, פילליכט פּעדאַגאָגישע, ליטעראַרישע, — דאָס איז שוין אַ שפּעטערע זאַך, ווען די פּעראינטערעסירטע חברות וועלען זיך אויפקומען און אויפרעדען.

בּעטיילינגען זיך אין איהר קענען פערשידענע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע צאָהלען פאַר'ן בּיוראָ אַ געוויסען בּייטראַג (למשל 5 רובּ. אַ יאָהר).

דאָס בּיוראָ קען ניט פערנעהמען זיך מיט שאַפענדער אַרבּייט אויף די ערטער, קען ניט פיהרען קיין פּאָליטישען קאַמפף פאַר אַנערקענונג פון דער שפּראַך; עס קען ניט גרינדען קיין שולען און אַז. וו. זײַן פערלאַגס־טהעטיגקייט קען זײַן בּעגרענצט נור מיט ריין אינפאָרמאַטיווע אויפגאַבּען, למשל סטאַטיסטיק, בּיבּליאָגראַפיע און אַז. וו.

אין בעזונדערע לענדער דארפען אויך בעשאפען ווערען אינפארמאציאנס-ביורא'ען, לאנדעס-קאנפערענצען.

פערשידענע פעראיינען און איינריכטונגען בעקומען ניט קיינע דירעקטיווען פונ'ם ביורא, סיי אין זייער קולטורעלער, סיי אין זייער פאליטישער טהעטיגקייט.

די קאנפערענץ פערנעהמט זיך מיט אלע קולטורעלע פראגען אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל עס האט א שייכות צו דער שפראך.

———————

דריי מאהל איז געשטאנען אויף אבשטימונג די בעטראכטונג פון פרץ'ם פּראָיעקט. דינסטאג, — נאך דער שליסונג פון דער גענעראל-דעבאטע, האט מען געשטימט, צו זאל מען וועגען איהם פיהרען א ספעציעלע דעבאטע. מיט א מעהרהייט געגען זיבען איז דאס בעשלאסען געווארען.

מיטוואך איז אנגענומען געווארען די איבענדערמאנטע רעזאלוציע, אז אידיש איז א נאציאנאל-שפראך.

אויף מארגען האבען זיך אנגעהויבען מעלדונגען. פרץ האט איבערגעלעזען א גרויסע מעלדונג, אז אזוי ווי ער רעכענט אידיש פאר א פאלקס-שפראך און ניט פאר א נאציאנאל-שפראך, קען ער מעהר ניט ארבייטען אין דיזער קאנפערענץ. אין דער קינפטיגער וועט ער ארבייטען, ווייל ער בעטראכט דיזע נור אלס פראוויזארישע.

איך מעלדע אויך, אז איך בלייב ארבייטען נור דערפאר, וואס איך רעכען, אז דיזע קאנפערענץ איז נור א פראוויזארישע, אז זי וועט נור בעטראכטען די פראגע, ווי אזוי צונויפרופען א נייע קאנפערענץ, און וועט גרינדען א פראוויזאריש ביורא מיט פארבערייטונגס-אינפארמאציאנס-פונקציעס. איך טראג תיכף ארייין פאלגענדען פראיעקט:

אין דער צווייטער קאנפערענץ בעטייליגען זיך פערטרעטער פון אלע קולטורעלע ארגאניזאציעס און איינריכטונגען, וועלכע ארבייטען אויף אידיש: קונסט- און בילדונגס-פעראיינען, לעהרער-פעראיינען, שולען, פראפעסיאנעלע פעראיינען מיט סיסטעמאטישער קולטורעלער טהעטיגקייט, טעאטער-טרופען, צייטונגען, ביכער-פערלאגען, ביבליאטעקען און אז. וו. פערטרעטונג האט נור יענע ארגאניזאציע, וועלכע שיקט צו נישט שפעטער ווי דריי חדשים פאר דער קאנפערענץ ווענינסטענס 5 רוב. אויף איהרע הוצאות.

די איצטיגע קאנפערענץ קלויבט אויס א פארבערייטונגס-ביורא.

זשיטלאווסקי אונטערשטיצט דיזען פארשלאג און גיט צו, אז דאס ביורא דארף אויך האבען אינפארמאטיווע פונקציעס, דארף ארויסגעבען די פראטאקאלען פון דער איצטיגער קאנפערענץ; אויך גיט ער צו, אז אין פערשידענע לענדער האט דאס ביורא פערטרויענסמענער, און מיינט, אז דאס ביורא קען איינלאדען שריפטשטעלער און ליטעראטען.

ס'הויבט זיך אן א לעבהאפטע דיסקוסיע. די אנהענגער פון פרץ'ם פראיעקט ענגען שטארק אויפגעבראכט, וואס מען שטעלט ווייטער אוועק די גאנצע פראגע פון אנהויב. די שטימונג איז א געשפאנטע.

די אבשטימונג גיט פאלגענדע רעזולטאטען — פאר בעטראכטען פרץ'ם פראיעקט — 27, פאר בעטראכטען מיין פארשלאג — 16. מ'וויל ניט אנדערס זיין א גרינדונגס-פערזאמלונג.

פרץ'ס פראיעקט שטעהט ווידער אויף דער טאגעס-ארדנונג. מ'ווארפט דורך די „פעראייניגונג פונ'ם אידישען פאלק אין זיין קולטור און שפראך". אלס פרינציפיעלע פונקטען ווערט אריינגעשטעלט די נעכטיגע רעזאלוציע (אידיש — א נאציאנאל-שפראך און אז. וו.). ס'הויבט זיך אן פון דאס ניי א דיסקוסיע. דאק-טאר בירנבוים לעגט פאר — פון דרך שלום וועגען, מ'זאל זיך אבזאגען פון דער רעזאלוציע און אריינשטעלען נור, אז מ'פאדערט גלייכבערעכטיגונג. ס'קעהרט די וועלט; ס'איז א גרויסער טומעל. דאך בעשליסט מען די שוין אנגענומענע רעזאלוציע מיט דער אנמערקונג וועגען געוויסענספרייהייט בנוגע צו העברעאיש אריינצושטעלען אין סטאטוט.

מ'דארף איבערגעהן צו דער בעטראכטונג פון דער ארגאניזאציע גופא. די זיצונג ווערט געשלאסען ביז נאך מיטאג.

———

איך און נאך עטליכע מענשען (בירנבוים, ברעגמאן, טייטש, קיסמאן און אנד.) געפינען, אז אייגענטליך האבען מיר שוין דא ניט וואס צו טאן, מיר זענען זיך מישב וועגען א מעלדונג, מיט וועלכער מיר וועלען ארויסטרעטען פון דער קאנפערענץ, וועלכע בעטראכט זיך אלס גרינדונגס-פערזאמלונג.

אויף דער נאכמיטאג-זיצונג, אין דער צייט פון א פויזע רעדען זיך צונויף זשיטלאווסקי, איך, כתריאל און פיעל אנדערע וועגען פאלגענדען מינימאל-פראיעקט. וועלכען מיר טראגען אריין אנשטאט פרצ'ס:

ס'ווערט אויסגעקליבען א ביורא. זיינע פונקציעס:

1) פארברייטען די צווייטע קאנפערענץ; 2) ארויסגעבען די פראטאקאלען פון דער ערשטער; 3) אינפארמאציע; 4) איניציאטיווע אין אויסארבייטען פראג-ראם-פראיעקטען פאר דער צווייטער קאנפערענץ.

אין דער צווייטער קאנפערענץ בעטייליגען זיך פערטרעטער פון יענע קול-טורעלע חברות און ארגאניזאציעס, וועלכע אנערקענען אידיש פאר א נאציא-נאלע שפראך פונ'ם אידישען פאלק. ס'ווערען איבערגערעכענט אלע איינ-ריכטונגען לויט מיין פריהערדיגען פארשלאג און צוגעגעבען נאך ליטעראטען-גרופען. ס'הערט אבגעווארפען דאס ווארט פראפעסיאנעלע פעראיינען און ס'בלייבט בלויז: „פעראיינען מיט סיסטעמאטישע קולטורעלער טעטיגקייט.

מיט בעראטונגס-רעכט ווערען צוגעלאזען פערטרעטער פון פאליטישע פאר-טייען און ארגאניזאציעס, וועלכע אנערקענען די אידישע שפראך פאר א נא-ציאנאלע שפראך פון אידישען פאלק און קעמפפען פאר איהר פאליטישע, געזעלשאפטליכע און קולטורעלע גלייכבערעכטיגונג.

די זיצונג איז ווידער אפען. מ'לעזט פאר דעם פראיעקט.

ס'הויבען זיך אן רעדען, וועלכע בעווייזען אם בעסטען דעם ריין בורזשו-אזען כאראקטער פון דער כלל-ישראל'דיגער מעהרהייט. מ'שרייט, אז מ'וויל דא א סאציאליסטישען קלייזעל מאכען, מ'וויל מיט סאציאליסטען די קאנפע-רענץ פערפלייצען א. אז. וו. —

סוף כל סוף ווערט דאך מיט 25 שטימען געגען 1, ביי עטליכע נייט-ראלע בעשלאסען דיזען פראיעקט אויפ'ן טאגעסארדנונג צו שטעלען.

די בעטראכטונג פון פרצ'ס סטאטוט איז פאקטיש פערווארפען. די קאנ-פערענץ פערנעהמט זיך פאקטיש נור מיט ארגאניזירען א צווייטע קאנפערענץ... די העברעאיסטען ווילען, אז אויך אינ'ם מינימום-פראיעקט זאל שווארץ

אויף ווײַס אַרײַנגעשטעלט ווערען די טאָלעראַנץ־בעמערקונג, אָדער ס'זאָל לפּחות אַרײַנגעשטעלט ווערען, אַז די חבֿרות דאַרפען שטעהען אויפ'ן שטאַנד־פּונקט פון דער רעזאָלוציע. נאָר מ'בעשליסט, מיט אַ גרויסער מעהרהייט, אַז די רעזאָלוציע בלײַבט זיך אַ רעזאָלוציע, און אינ'ם מינימום פּראָיעקט דאַרף מען נור בעצייכענען דײַטליך די בעציהונג צו אידיש.

דער פּונקט וועגען דעם, ווי אַזוי ס'ווערט צוזאַמענגעשטעלט די קאָנ־פערענץ, געהט דורך מיט אַ מעהרהייט פון 27 שטימען בײַ 6 נייטראַלע.

עס הויבען זיך אָן אַמענדעמענטען. מ'וואַרפט אַרויס ביכערפערלאַגען. מ'גיט צו פעראײנען, וועלכע וועלען זיך גרינדען מיט'ן ספּעציעלען ציעל אין דער אָדער יענער פאָרם צו שטיצען די ציעלען פון דער קאָנפערענץ. מ'גיט צו די אַקאַדעמישע סטודענטען־פעראײנען, וואָס מעלדען אידיש, אַלס זייער מוטער־שפּראַך. דאָס רופט אַרויס אַ גרויסען קאַמפּף. דיזע פעראײנען זענען פּאַקטיש פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, מייסטענטיילס ציוניסטישע. זיי ענטוויקלען מייסטענ־טיילס קיין שום טעטיגקייט אויף אידיש. דאָך געהט דאָס דורך.

ענדליך טראָגט אַש אַרײַן אַ פאָרשלאַג, אַז יעדע הונדערט אידען, וואָס וועלען זאָגען, אַז אידיש איז זייער נאַציאָנאַלשפּראַך, מעגען אויך שיקען אַ פערטרעטער.

דאָס רופט ווידער אַרויס אַ גרויסען קאַמפּף. מ'זאָגט אַז אויף דער קאָנ־פערענץ דאַרף פערטרעטען ווערען קולטורעלע טעטיגקייט, אַז סתם אידען קענען אין איהר אַרבײַט גאָר נישט אַרײַנטראָגען. מ'רעכענט אויך, אַז דאָס וועט בעשאַפען די מעגליכקייט פאַר די אָרטיגע בוקאָווינער אידען צו מאַיאָרי־זירען די געקומענע פערטרעטער פון קולטורעלער אַרבײַט א. אַז. וו. אַז דער דעמאָקראַטיזם פון דעם פאָרשלאַג איז אַ פיקטיווער, ווײַל אויסנוצען דיזע מעגליכקייט וועלען נור אָרטיגע מענשען א. אַז. וו.

די זיצונג ווערט געשלאָסען ביז 8 אַ זייגער אין אָבענד. דער ווײַל ווערט אונזער הײַפעל קלענער — משה טײַטש און מ. בירנבוים מוזען אַוועקפאָהרען.

די נאָכזיצונג הויבט זיך אָן. אַש האָט זײַן פאָרשלאַג אַראָבגענומען, אונ־טערשטיצט איהם דער ציוניסט וועכסלער. ס'קאָכט אַ דיסקוסיע. מ'ווײַזט אויף, אַז מ'וועט אפילו ניט קענען קאָנטראָלירען דיזע הונדערטשאַפטען, אַז ס'דאַרפען פאָרגעשטעלט ווערען אָרגאַניזאַציעס א. אַז. וו.

דער פאָרשלאַג בעקומט אַנ'אַנדער פאָרם. ס'בעקומען פערטרעטונגס־רעכט הונדערטשאַפטען פון מיטגליעדער, פון וועלכע יעדער צאָהלט אַ געוויסען בײַטראָג פאַר דער קאָנפערענץ.

דיזער פאָרשלאַג געהט דורך. מיר שטימען נעגען. דער פּונקט וועגען פערטרעטער פון פּאָליטישע פּאַרטייען ווערט אָנגענומען. ס'ווערט אַרײַנגעשטעלט, אַז פערטרעטער שיקען די צענטראַל־אײנריכטונגען.

אויפ'ן טאַגעס־אָרדנונג שטעהען די פונקציעס פון ביוראָ.

און דאָ הויבט זיך אָן אַ נײַער קאַמפּף. די כּל־ישׂראל פּאָליטיקער האָבען איצט אַ נײַען פאָרשלאַג. מ'גיט דעם ביוראָ איניציאַטיוו צו בעשאַפען אַלץ, וואָס איז ניט געגען די טענדענצען פון ביוראָ.

זשיטלאָווסקי איז דער פאָרזיצענדער.

אײגענטליך איז קלאָר, אַז דאָס הייסט דעם גאַנצען מינימום־פּראָיעקט איבערקעהרען.

זשיטלאָווסקי פּרובירט צו פאָרמולירען אַנדערש. דאָס ביוראָ, זאָגט ער,

קען האָבען איניציאַטיוו אין די גרענצען פון די בעשלוסען פון דער קאָנפערענץ. די קאָנפערענץ האָט למשל ניט בעשלאָסען צו גרינדען שולען, ביבליאָטעקען, -- קען דאָס ביוראָ דאָס הײַ-יאָהר ניט טאָן.

די, וואָס האָבען אַרײַנגעטראָגען דעם מינימום-פּראָיעקט, בעטען, מ'זאָל זײ לאָזען בעראַטען זיך, די מעהרהײַט וויל ניט. ס'הויבט זיך אָן אַ טומעל. סוף כל סוף מאַכט מען דאָך אַ פּויזע.

איך ערקלער אין דער פּריוואַטער בעראַטונג, אַז אויב מען וועט דאָ בעשאַפען אַ ביוראָ, וואָס וועט גרינדען שולען, ביבליאָטעקען א. אַז. וו., קענען מיר, די וואָס זאָגען, אַז דאָס איז אַ צופעליגע פערזאַמלונג, —דאָ נישט פערבלײַבען.

די בעראַטונג ברײַנגט צו קײַן רעזולטאַט. זשיטלאָווסקי'ס פאָרשלאַג (אין די ראַהמען פון די בעשלוסען), וואַרפט די קאָנפערענץ דורך. ס'ווערט אָנגענומען מיט 22 שטימען דער פאָרשלאַג וועגען טענדענצען.

ס'איז געווען אַרום צוויי אַ זײגער בײַנאַכט.

איך מאַך פאָלגענדע פערזענליכע מעלדונג: „איך האַלט דיזע קאָנפערענץ פאַר אַ צופעליגע פערזאַמלונג, וועלכע שטעלט ניט פאָר ניט די שטימונג פון די פאָלקסמאַסען, ניט די שטימונג פון דער אינטעליגענץ, ניט די קולטורעלע אַרבײַט וואָס פיהרט זיך ווירקליך אויף אידיש. די פערזאַמעלטע מענשען האָבען געקאָנט קוקען אויף זיך נור ווי אויף איניציאַטאָרען, וועלכע האָבען געקענט אָרגאַניזירען אַ ריכטיגערע קאָנפערענץ. נור דיזע ריכטיגערע קאָנפערענץ האָט געקענט פעסטשטעלען דעם יסוד און אומפאַנג פון דער קולטורעלער טעטיגקײַט. נור זי האָט געקענט בעשליסען פאַר זיך די פראַגע, צו איז בכלל מעגליך אַ געמײנזאַמע שאַפענדע קולטורעלע אַרבײַט. איצט איז אָנגענומען געוואָרען דער בעשלוס, לויט וועלכען דאָס ביוראָ טרעט שוין איצט צו צו אַ ברײטער שאַפענדער קולטורעלער אַרבײַט. איך וויל ניט נעהמען קײַן אַנטײל אין דער פאַלסיפיקאַציע פון אַן ערשטער אידישער שפּראַכקאָנפערענץ. איך וועל זיך ניט בעטײליגען אין די ווײַטערדיגע אָבשטימונגען און נעהם אַראָב פון זיך די פעראַנטוואָרטליכקײַט פאַר אַלע רעזאָלוציעס פון דיזער קאָנפערענץ.

צו מײַן מעלדונג שליסט זיך צו ברענמאַן. די איבעריגע שווײַגען די פּ. צ. אויך . . .

דער אויסדריק „פאַלסיפיקאַציע“ רופט אַרויס אַ שטורם פון פּראָטעסטען. דאָקטאָר בירנבוים שרײַט „חוצפה“ א. אַז. וו. ביסלעכווײַז בערוהיגט מען זיך. איך בלײַב אין זאַל אַלס קאָרעספּאָנדענטין.

מ'בעשליסט, אַז די פערשידענע קולטורעלע פעראײנען צאָהלען אײַן 5 רובל פאַר דער קאָנפערענץ, און די מיטגלידער פון הונדערטשאַפטען—יעדערער אַ קראָנע אַ יאָהר. מ'בעטראַכט די פינאַנס-פראַגע און מ'געהט איבער צו וואַהלען.

ס'איז פאַראַן אַ פאָרשלאַג — אויסצוקלײַבען אין ביוראָ נ. בירנבוים'ען. זאָל ער זיך שוין אַלײן צוקלײַבען וועמען ער וועט וועלען...

ס'איז אַ גרויסער וואונדער, וואָס דאָס איז דורכגעפאַלען.

מ'קלײַבט אויס, — דורך אַפּלאָדיסמענטען, בירנבוים'ען, דעם סטודענט דוד טוביש (ציוניסט), נאָכהער אויך דעם פּ. צ. כתריאל'ן.

———

אַלס פערטרויענסמענער קלײַבט מען אויס — פאַר וויען דעם פּרעזידענט פון „קולטור“, פאַר אַמעריקאָ — זשיטלאָווסקי, פאַר וואַרשוי—פּרץ און דינעזאָן,

פאַר ווילנאָ—א. ווײַטער (ער איז אויף דער קאָנפערענץ נישט געוועזען).

מ'רעדט זיך אפילו ניט אויף, צי זאָל דאָס גאַנצע געזאַמעלטע געלד געהן צום ביוראָ אָדער אפשר אַ טייל בלײַבען אויף די ערטער. מ'לאָזט אַלע אַזעלכע „קלייניגקײַטען" דעם ביוראָ.

פּרץ, אַש, רייזען און נאָמבערג זאָגען צו צו מאַכען אַ ליטעראַרישען טורנע איבער גאַליציען לטובה דעם ביוראָ.

די זיצונג ווערט געשלאָסען 4 אַ זייגער בײַנאַכט.

אַלע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס האָבען דאָך די מעגליכקײַט צו בעטייליגען זיך אין דער קינפטיגער קאָנפערענץ. ווי אַזוי זיי קענען דאָס אויסנוצען, דאָס געהט שוין אַרויס פון די ראַהמען פון דיזען בריעף. איין זאַך איז קלאָר, זיי האָבען נישט קיין שום נויטיגקײַט אַרײַנצוטרעטען אין די הונדערטשאַפטען און אונטערשטיצען מיט זייער געלד די „שעפּפערישע" אַרבײַט פון איצטיגען ביוראָ; זיי זענען מחויב נור 5 רוב. אַרײַנטראָגען פאַר די קאָנפערענץ. דיזע מעגליכקײַט איז דאָך געלונגען אויף דיזער קאָנפערענץ צו בעשאַפען.

א—ר.

אגודה אקדמית לתולדות ולספרות העבריות
יוריעוו—דאָרפּאַט
אַקאַדעמישער פערײַן פיר יודישע געשיכטע און ליטעראַטור